STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06555

NAYE TEG

Bella Goldworth

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נייע טעג

בעלאַ גאָלדווירט

נייע טעג

(דערציילונגען)

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער מיטהילף פון
ברענטש 34, א. פּ. פּ. אָ.
פרויען־קלוב 34 א. פּ. פּ. אָ.
לייען־קרייז 34, א. פּ. פּ. אָ.
און אַ צאָל פּערזענלעכע פריינט.

ניו־יאָרק, 1949

צייכענונג פון נאָטע קאָזלאָווסקי

COPYRIGHT 1949
BELLA GOLDWORTH
NEW YORK, N. Y.
Printed in U. S. A.
255

מיט ליבשאַפט

מיין מאַן

ב נ י מ י נ ע ן .

אינהאַלט:

זייט

א

דער יורש — 11
אַ מזל פון אַ פערענע — 24
ביים ברעג ים — 29
אַ נייער מאַנטל — 37
אייגענע — 44
פרייד — 48
שרעק — 54
אויף אַ זומער־וואוינונג — 60
גאָרנישט — 63
עמאָס האָפענונג — 68
אָנקל פרעדי — 74
צו שפעט — 84

ב

אַנטיקן — 91
אַ סאָלדאַטס פרוי — 96
אַ דאַנק דעם חלום — 100
אַ פאַרשטערטער יום־טוב — 105
אַ חוצפה — 107
דורכגעפירט זיין מיסיע — 111
אליין זיך אָפגעזאָגט — 117
אַ משפט אין דאָרף — 122

ג

ערגער ווי פאַרלאָרן — 135
איך וויל נישט ווערן אַנדערש . . . — 142
די טרער — 147
ביים בוך — 153
אין וואַגאָן — 158

ד

נייע טעג — 165

א

דער יורש

דער ערשטער גאַסט ביי שעלן אין די בערג איז געווען טאַשע.

ביים אַריינקומען האָט זיך שעל מיט איר האַרציק צעקושט. און נאָך איידער זי האָט רעכט אָפּגעאָטעמט פון וועג, האָט ער זי אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און מיט זיין היטער, שטענדיק פריילעכער שטים, אַ זאָג געטאָן:

— קום, טאַשע, איך וועל דיר ווייזן מיין וואוינונג. צוזאַמען, אונטן און אויבן — האָט ער, ווי אויסגעזונגען — זיינען פאַראַן ניין צימערן.

און ער איז אַרויף מיט איר אויף די טרעפּ מיט אַן ענערגיע פון אַ יונגנמאַנטשיק, נישט אַרויסווייזנדיק דעם מינדסטן סימן, אַז זיין געזונט דערלויבט אים ניט דאָס צו טאָן. ער האָט זי געפירט פון איין צימער אין אַנדערן אָן אַן אָפּשטעל. נאָך אַלץ האַלטנדיק זי אונטערן אָרעם נאָענט צו־געדריקט צו זיך, האָט ער געזאָגט:

— זעסט! די פיר צימערן וויל איך איינאָרדענען צום שלאָפן. אַז דו וועסט וועלן מיטנעמען דיינע פריינט, וועלן זיי האָבן וואו איבערצו־נעכטיקן, און טאָמער וועט זיך מאַכן — האָט ער מיט ווייכקייט צוגעגעבן — עס וועלן אָנקומען מיינע פריינט, אַ סך מיט איין מאָל, קאָן מען אין די אונטערשטע צימערן אויך צוגרייטן עטלעכע געלעגערס.

טאַשע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ צופרידן פּנים און געזאָגט:

— זייט זיכער, אַז קיין געסט וועלן אייך ניט פעלן. פאַרן אין די בערג צו גאַסט, וואו עס דאַרף ניט קאָסטן קיין געלט, וועלן זיין גענוג בעלנים.

— אַ קעכן האָב איך געקראָגן אַן ערשט־קלאַסיקע, — האָט ער איר אָנגעזאָגט.

ווען זיי זיינען אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, איז זיי אַנטקעגן געקו־מען אַ שוואַרץ הינטל מיט אַ ווייסער לאַטע אויפן קאָפּ צווישןביידע אויערן. דאָס הינטל איז געשפּרונגען אויף שעלן, אים געלעקט, גע־שמעקט און געדרייט מיטן עק, ווי ער וואָלט זיך אויך געפרייט מיטן גאַסט.

— האַלאָ, מייק, — האָט שעל צערטלעך אויסגערופן צום הונט, אים

בעלא גאָלדווירט

אַ גלעט געטאָן איבערן רוקן און געזאָגט: — איי איז ער קלוג, פאַרשטייט אַלצדינג, ווי אַ מענטש. איך האָב אים אָפּגעקויפט ביי מיין קעכן, זי האָט אים גערופן „בלעקי״, איך האָב אים אַ נאָמען געגעבן „מייק״. ער איז נאָך קיין איין יאָר ניט אַלט, — האָט שעל אים פאָרגעשטעלט פאַר טאַשען.

אויף יידיש האָט שעל געהייסן ש מ ע ו ן, זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען ש י י ל ע כ ל. דאָ אין אַמעריקע האָט ער געביטן זיין נאָמען אויף סימאָר ש י י ל, אָבער אַלע פריינט און באַקאַנטע האָבן אים גערופן שעל. די איינציקע, וואָס האָט אים גערופן סימאָר, איז געווען טאַשע.

אָנקוקנדיק שעלן איז געווען שווער צו באַשטימען, צי ער איז אַ ייד, צי נישט קיין ייד. ער איז געווען אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער מאַן, מיט אַ גרויס פּנים, מען קאָן זאָגן—ברייטער ווי לענגער, מיט הויכע קינבאַקן, מיט שמאָלע, לענגלעכע, גרויע אויגן, מיט אַ היפּשער פליישיקער נאָז און פולע ראָזעווע ליפּן.

כאָטש ער איז שוין געווען אַ בחור אין די פופציקער, האָט ער נאָך געהאַט אַ סך יוגנטלעכן ברען. ער איז פון דער נאַטור געווען אַ פרייַלעכער, האָט ליב געהאַט זיך צו וויצלען און געמאַכט מענטשן צו לאַכן.

ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט און פאָרן אין די בערג, ווייל ער האָט שטאַרק געהוסט, און זיינע לונגען האָבן אָנגעהויבן בלוטיקן.

כאָטש ער האָט מיט קיינעם פון זיינע פריינט וועגן זיין קראַנקהייט ניט גערעדט, האָבן אַלע דאָך געוואוסט, אַז זיין קראַנקהייט איז ניט אַנשטעקנדיק און מען קאָן צו אים קומען.

— סימאָר, וואו זאָל איך אַוועקלייגן מיינע זאַכן? — האָט אים טאַשע מיט היימישקייט געפרעגט.

— קאָנסט זיך אויסקלייבן וועלכן צימער דו ווילסט אַליין, און מאַך זיך באַקוועם, ווי דו וואָלסט געווען ביי זיך אין דערהיים.

טאַשע האָט אויפגעפּאַקט אירע זאַכן און שעל האָט דערווייל געגעבן אַ קוק אַריין אין קיך צו זען אויב דער מיטאָג איז שוין גרייט. ווען ער האָט געזען אַז די קעכן איז נאָך פאַרטאָן אין דער אַרבעט, האָט ער גענומען אויף זיך די וואַרעמע קורטקע און געזאָגט צו זיין גאַסט:

— טו זיך אָן דעם מאַנטל. ביז דער מיטאָג וועט זיין פאַרטיק, וועלן מיר דערווייל אַ שמעק טאָן דעם דרויסן.

און זיי זיינען אַרויס אויף דער וועראַנדע. מייק איז זיי נאָכגעגאַנגען, זיך געדרייט פאַר זייערע פיס און געשפרונגען אויפן באַלעבאָס זיינעם.

דער יורש

דער ווינטער האָט נאָך ניט געהאַט אָפּגעלאָזט די ערד. די פאַרגאַנגענע גרויסע פרעסט האָבן נאָך דעם גאַנצן מאָנאַט מערץ געהאַלטן פאַרשטייפט די פעלדער.

ערטערווייז איז נאָך געלעגן צוביסלעך פאַרטונקלטער שניי, וואָס האָט אויסגעזען ווי שטיקער ברודיקע וועש. פון אַ לויטערן הימל האָט די זון אַראָפּגעגאָסן שטראָמען וואַרעמע גינגאָלד־שטראַלן, און די לופט האָט געשמעקט מיט אָנקומענדיקן יונגן פרילינג.

שעל איז געבליבן שטיין אויף די טרעפּלעך פון דער וועראַנדע, מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אַרומגענומען טאַשען אַרום דער טאַליע, די לינקע האַנט האָט ער אויסגעשטרעקט און אָנגעוויזן אויף אַ ריי ריזיקע פעלדזן־בערג.

— זעסט אָט־די הויכע בערג? אַז מען שטעלט זיך דאָרט אויף די שפּיצן, זעט מען די וואונדערלעכסטע פּאַנאָראַמעס, וואָס אַ מענטש קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע. אַלע שטיבער זיינען דאָ אַרומגענומען מיט געדיכטע, אַלטע און יונגע נאָדל־ביימער, און עס וויעט פון זיי שטענדיק אַ סודותדיקע שטילקייט. ביינאַכט, ווען איך קוק אויף די שטיבער, — האָט ער מיט באַגייסטערונג איר געשילדערט, — זעען זיי אויס ווי פאַרחלומטע, פאַרבענקטע געשטאַלטן.

ביי טאַשען האָט אויפגעוואַכט אַ פלעמל אין די אויגן. זי האָט אים געקוקט גלייך אין מויל אַריין און אומבאַוואוסטזיניק זיך געטוליעט צו אים.

זי האָט גאַרניט געוואוסט פאַרוואָס דאָס האַרץ האָט אין איר אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן, דער אָטעם איז איר שווערער געוואָרן און אַ לייכטער ציטער, אַדורכגענומען מיט וואַרעמקייט, האָט זיך צעגאָסן אין אירע גלידער.

טאַשע איז געווען אַ מיידל אין די וויטע דרייסיקער. אַ הויכע, אַ דינע, מיט אַ טונקל חנעוודיק רויק פּנים, מיט גרויסע ברוינע, שטילע אויגן. ווען אירע עלטערן זיינען אָפּגעשטאָרבן, איז זי געווען נאָך גאָר אַ קליין קינד. שעל איז געקומען פון דער זעלבער שטאָט, וואָס טאַשעס עלטערן. ער האָט איר אַלעמאָל געזאָגט, אַז זי קוקט אויס פונקט ווי די מוטער אירע.

לאַנדסלייט פלעגן דערציילן, אַז שעל איז אַלס יונגער יינגל געווען פאַרליבט אין טאַשעס מוטער, דעריבער האָט זי געהאַלטן, אַז שעל איז צו איר אַ גאָר נאָענטער, אַן אייגענער מענטש.

בעלאַ גאָלדווירט

אַז זי איז געקומען צו שעלן אין די בערג, האָט זי געפילט, ווי זי וואָלט געקומען צו זיך אַהיים.

זי האָט גענומען אַן אָנטייל אין דער באַלעבאַטישקייט. זי האָט גע־קאָכט, געבאַקן און געמאַכט פאַרשיידענע מאכלים, לויט די רעצעפּטן, וואָס זי האָט אַרויסגעלייענט פון ביכלעך.

:: :: ::

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען געקומען נייע געסט: ביידע ברידער פעלדבלום, פאַבריקאַנטן פון לעדער־רעקלעך. מיט זיי איז אויך מיטגע־קומען מיסעס וואָרקין, אַ געוועזענע קעלנערן אין שעלס רעסטאָראַן.

מיסעס וואָרקין האָט אַרויסגעוויזן צו שעלן די גרעסטע אַכטונג, וואָס מען קאָן נאָר זען פון אַן איינפאַכן מענטש צו אַ גאָר גרויסער, באַרימטער פּערזענלעכקייט.

איר אַכטונג צו אים האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס ער האָט איר אַ סך יאָרן געצאָלט וועכנטלעכן געהאַלט, ביז איר זון איז אונטערגעוואַקסן און האָט אָנגעהויבן פאַרדינען.

אַרבעטנדיק אין שעלס רעסטאָראַן, האָט זי אָנגעהויבן ליידן פון אָנ־געדראָלענע אָדערן אויף די פיס. ווען שעל האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער איר מער ניט געלאָזט קומען צו דער אַרבעט און איר ווייטער געצאָלט שכירות. ער האָט געוואוסט, אַז זי האָט ניט קיין שום פאַמיליע אין ניו־יאָרק און אַז דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט, ווען זי איז נאָך געווען שוואַנגער מיטן קינד. האָט ער געהאַט אויף איר גרויס רחמנות און גע־נומען אויף זיך די פליכט זי צו שטיצן.

:: :: ::

ווען שעל האָט זיך דערוואוסט, אַז די היטלער־מערדער האָבן אומ־געבראַכט זיין גאַנצע פאַמיליע, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועמען ער זאָל איבערגעבן זיין ירושה.

ער האָט מיט אַ שותף געהאַט עטלעכע רעסטאָראַנען, וואָס האָבן זיך שוין געפירט אָן אים. אויך — אַ צאָל הייזער מיט נאָך גרויסע פאַר־מעגנס. מען האָט אים געשאַצט פאַר אַ מיליאָנער.

די ערשטע יאָרן, ווען ער איז אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, איז ער געווען אַ געשיר־וואַשער. צו זיינע קליינע פאַרדינסטן האָט ער נאָך ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. ווי נאָר ער פלעגט אָפּנעמען זיין גע־האַלט, איז ער אַוועק אין סאַלון, און אַז ער האָט זיך דאָרט געטראָפן מיט

זיינע גוטע ברידער, האָט ער געקאָנט אין איין אָוונט פאַרטרינקען דאָס געלט פאַר דער גאַנצער וואָך אַרבעט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געוואָרן אַ קעלנער, ער האָט זיך זייער גוט אויסגעטויגט צו זיין אַרבעט. ניט לאַנג וואַרטנדיק איז ער געוואָרן פאַרוואַלטער אין דעם רעסטאָראַן. באַלד איז זיין באַס אָפּגעשטאָרבן, און דער יונגער זון, וואָס האָט איבער־גענומען דעם רעסטאָראַן, האָט אים צוגענומען פאַר אַ שותף צום געשעפט.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט, אַ וועלט פון רייכטום און פאַרגעניגנס.

אין אַ נאַכט־קלוב ביים טרינקען טייערע געטראַנקען האָט זיינער אַ פריינט צו אים איינמאָל געזאָגט:

— איצט, שעל, מעגסטו שוין חתונה האָבן. אַמאָל האָסטו מורא גע־האָט וועסט ניט קאָנען געבן אַ ווייב קיין ברויט, אָבער איצט, אַז עס גייט דיר גוט, האָב חתונה.

— איצט ברודערקע — האָט שעל אים מיט אַ זיכערקייט פון אַ שטאָלצן גביר געענטפערט — וויל איך ניט אימעצער זאָל מיר פאַרצוימען די וועגן פון לעבן. אַ ווייב האָט ליב צו זאָגן דעות, אַריינמישן זיך אין מאַנס פירונגען, זי קאָן נאָך וועלן פאַרווערן נעמען אַ קאָפּ בראָנפן אין מויל אַריין.

ביי די ווערטער האָט ער אַנגעגאָסן אַ גלעזל און פריילעך דאָס אי־בערגעדרייט און אויסגעטרונקען.

זיין פריינט האָט געוואוסט, אַז דאָס רעדט פון אים אַרויס זיין אַמאָ־ליקער דורכפאַל.

שעל האָט אַמאָל ליב געהאַט אַ מיידל, האָט זי פון אים פאַרלאַנגט ער זאָל אויפהערן טרינקען. ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט און האָט איר געוואָלט צוליב טאָן. אַ שטיקל צייט האָט ער ניט געטרונקען, אָבער לאַנג האָט ער ניט געקאָנט אויסהאַלטן, און ווען זי האָט איינמאָל דערפילט פון אים דעם אַלקאָהאָל, האָט זי אים געלאָזט שטיין אין מיטן גאַס און מער פון אים ניט געוואָלט וויסן.

ווען שעל איז געזעסן מיט די ברידער פעלדבלום און געטרונקען איין גלעזל נאָכן אַנדערן, האָט ביי טאַשען זיך געצאַפּלט דאָס האַרץ. זי האָט זיך געערגערט, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז בראָנפן איז זייער שעדלעך פאַר זיינע קראַנקע לונגען, עס האָט איר געלאָקט די צונג צו זאָגן:

„סימאָר! שוין גענוג בראָנפן אין זיך אַריינגעגאָסן. דער דאָקטאָר האָט דאָך דיר אָנגעזאָגט ניט צו טרינקען".

זי האָט אָבער ניט געעפנט דאָס מויל. זי האָט גוט געוואוסט, אַז ער

האָט פיינט אַזעלכע עצות, אַז ער וויל ניט ליידן, ווען מען זאָגט אים וואָס ער זאָל טאָן.

שעל האָט נישט געפאָלגט און קיינעם ניט געגעבן קיין עצות ווי אַזוי זיך צו פירן.

אַז ער האָט אַמאָל געזען אַן עוולה פון אַ מענטשן, וואָס ער האָט שוין מער ניט געקאָנט אין זיך איינהאַלטן, האָט ער צוגערופן דעם הונט, איז אַריינגעגאַנגען מיט אים אין אַ באַזונדער צימער און גערעדט צום הונט, ווי מען רעדט צו אַ מענטשן:

— אַזוי, אַזוי מייק, — פלעגט ער זאָגן מיט באַדויערונג, — אויס־לערנען אַ מענטשן גוטסקייט און שכל איז די שווערסטע אַרבעט.

אַמאָל, אין אַזעלכע פאַלן, האָט זיך שעל אַפילו צעבייזערט. ער האָט געזידלט, אָנגערופן יענעם, אויף וועמען ער האָט געהאַט פאַרדרוס, מיט די ערגסטע, מיאוסע נעמען. און דער הונט האָט אים אָנגעקוקט גלייך ווי ער וואָלט אַלץ געוואוסט און פאַרשטאַנען.

:: :: ::

דער שם, אַז מען קאָן פאָרן צו שעלן אין די בערג, עסן און טרינקען פון אַלעם בעסטן, עס זאָל ניט קאָסטן קיין סענט געלט, און אַז ער נעמט אויף יעדן איינעם מיט דער גרעסטער פריינטשאַפט, האָט זיך זייער שנעל פאַרשפרייט. איז וואו ער האָט נאָר געהאַט אַ באַקאַנטן, איז ער צו אים געפאָרן. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די באַקאַנטע האָבן אָנגעהויבן מיטנעמען זייערע באַקאַנטע און די צאָל פון שעלס פריינט איז געוואַקסן מער און מער.

דאָס גאַנצע יאָר, זינט שעל האָט פאַרלאָזט די גרויסע שטאָט, איז ער קיין איין טאָג ניט געווען אַליין. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן וויצן און אַלעמאָל פאַרציען אַ נייעם ניגון. ער האָט ליב געהאַט צו זינגען פאָלקס־לידער, און ווער עס איז געווען אין הויז, האָט געמוזט מיטזינגען. עס איז שטענדיק ביי אים געווען לוסטיק און פריילעך, און קיינעם האָט זיך ניט געוואָלט אַוועקפאָרן. אָבער, ווען איינער איז שוין אָפּגעווען עט־לעכע טעג און האָט געזען, אַז עס קומען אָן נייע געסט, האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז ער דאַרף אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר די אָנגעקומענע.

יעדערער האָט זיך באַמיט אויסצופיינען פאַר שעלן. אַלע האָבן געהאַט פאַר אים דעם גרעסטן רעספעקט. כאָטש שעל האָט זיך צו אַלע־מען באַצויגן זייער פשוט און איינפאַך, האָבן אַלע אויף אים געקוקט ווי אויף איינעם, וואָס שטייט העכער, וואָס איז וויכטיקער פון זיי.

דער יורש

צי דאָס איז געווען דערפֿאַר, וואָס מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ קלוגן, צי ווייל ער איז געווען רייך, צי דאָס איז געווען פֿאַר זיין גוטס־קייט, איז שווער צו זאָגן. שעל האָט זיך געפֿילט געהויבן ווי אַ קעניג מיט זיין סוויטע. ער האָט ניט געמאַכט קיין אויסנאַם פֿון איינעם און אַ צווייטן, יעדן האָט ער גערופֿן ביים ערשטן נאָמען, אַלעמען האָט ער געזאָגט „דו".

די איינציקע אויסנאַם איז געווען מיסעס וואָרקין. איר נאָמען האָט ער פֿאַרצויגן, אַנשטאָט דאָרע האָט ער זי גערופֿן דאָרעלע. אפֿשר איז דאָס געווען דערפֿאַר, וואָס זי איז געווען אַ קליינע, אַ דאַרע, מיט אַ קינ־דעריש פּנימל. מיט אירע אויסגעפּאַלענע, שיטערע, גרוילעכע האָר, האָט זי אויסגעקוקט ווי אַן אויסגעקראָכן הינדל. אירע דאַרע פּיסלעך זיינען אויך געווען ענלעך צו הינערשע. אָדער אפֿשר האָט ער זי גערופֿן דאָרעלע, ווייל זי איז געווען ביי זיך געפֿאַלן, וואָס דער מאַן האָט זי פֿאַר־לאָזט, און ער האָט זי מיט דעם געוואָלט דערהויבן, זי זאָל פֿילן בעסער.

אָבער אין אַלגעמיין איז זיין באַציאונג געווען צו אַלעמען גלייך. ער האָט יעדערן געשאָנקען די זעלבע אויפֿמערקזאַמקייט, אַרויסגעוויזן די־זעלבע ליבשאַפֿט. און ווייל ער האָט געהאַט צו אַלע זיינע פֿריינט אַ גליי־כע באַציאונג, איז אים געווען שווער צו באַשליסן, ווער עס זאָל זיין זיין יורש.

פּונקט ווי ער איז געווען ביי זיין לעבן, אַזוי האָט ער געוואָלט בלייבן ביי אַלעמען באַליבט און געאַכטעט נאָך זיין טויט.

אַוועקגעבן זיין רייכטום אויף צדקה, האָט ער אויף קיין פֿאַל ניט גע־וואָלט.

אין זיין יוגנט, ווען ער האָט זיך געניטיקט אין הילף, האָט ער גע־האַט געוויסע קריוודעס קעגן וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן. דעריבער האָט ער געטראָגן אַ האַרץ אויף צדקה־אינסטיטוציעס.

האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן ווי אַזוי זיין פֿאַרמעגן זאָל איי־בערגעגעבן ווערן, אַז קיינער פֿון זיינע פֿריינט זאָל אויף אים ניט האָבן קיין פּאַרדרוס און די ירושה זאָל האָבן אַ קיום. מען זאָל אים אַ סך יאָרן קאָנען דערמאָנען צום גוטן.

:: :: ::

דער אָפּטסטער גאַסט ביי אים איז געווען טאַשע. און כאָטש ער האָט ניט געמאַכט קיינעם פֿאַר קיין אויסנאַם, האָט ער אָבער פֿאַרט געפֿילט, אַז זי דאַרף איבערנעמען זיין ירושה.

„זי איז עלנט, זי האָט ניט קיין מאַן, קיין קינד, קיין שום באַקענטן

מענטשן, איז זי נויטבאַדערפטיקטער פון אַלע מיינע פריינט", האָט ער געטראַכט.

ווינטער־צייט, ווען מענטשן זיינען זעלטענער צו אים געקומען, איז טאשע דאָרט געווען גאַנצע וואָכן. זי האָט אים קיינמאָל ניט געלאָזט אַליין. מיט איר איז אים אויסגעקומען מער ווי מיט אַלע אַנדערע אַרומצופאָרן אין זיין מאַשין באַקוקן די געגנט.

מיט איר האָט ער געטיילט זיינע באַוואונדערונגען פון די פּרעכטיקע לאַנדשאַפטן. די שיינקייט פון די ריזיקע פילפאַרביקע בערג, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי קייטן, טייל האָבן אויסגעזען ציגל־רויט, אַנדערע, אַשיק־גרוי און טייל זיינען געווען געל־זאַמדיקע בערג. זומער־צייט — מיט גרינלעכע שפּיצן, ווי אַרויפגעזעצטע קרוינען.

שעל האָט זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף די נאַטור־שיינקייטן. מיט יוגנטלעכן פלאַטער פלעגט ער אַרומנעמען טאשען און צודריקן זי צו זיך פון באַגייסטערונג.

מייק איז אויך מיט אים אַלעמאָל מיטגעפאָרן. ניט איינמאָל האָט ער גענומען אין זיין האַנט דעם הונטס מאָרדע און צו אים געזאָגט:

„זע מייק, קוק זיך איין, ווי שיין גאָטס וועלטל איז".

געדאַכט האָט זיך שעלן, אַז דאָס וואָס טאשע קומט צו אים אָפט און זי בלייבט לענגער ווי יעדער, איז נאָר דערפאַר, וואָס זי איז אין אים פאַרליבט.

ער איז געווען ביי זיך זיכער, אַז ווען ער שלאָגט איר פאָר, וואָלט זי צו יעדער צייט מיט אים חתונה געהאַט, כאָטש זי ווייסט, אַז זיינע לונגען זיינען קראַנק. אָבער דעם געדאַנק פון הייראַט האָט ער אַפילו ניט גע־וואָלט צולאָזן צו זיך.

„אַ ניין!" פלעגט ער זאָגן צו זיך, „איך וויל ניט זיין צוגעבונדן צו איין מענטשן, איך וויל זיין פריי".

„אפשר איז זי צוליב מיר פאַרבליבן אַ מיידל?" האָט ניט איינמאָל אַ געדאַנק אין אים דורכגעבליצט. צוליב די אַלע מאָטיוון איז ער שוין כמעט געווען אַנטשלאָסן אָפּצושרייבן אויף איר זיין פאַרמעגן.

נאָר איינמאָל איז טאשע געקומען אין די בערג מיט אַ מיטליאָריקן מאַנספאַרשוין און אים פאָרגעשטעלט ווי איר מאַן.

פון דעמאָלט אָן איז טאשע געוואָרן פאַר שעלן גלייך מיט אַלע, זי איז געווען ניט מער ווי איינע פון זיינע פריינט.

און שעלן האָט ווידער געעקבערט דער מוח, וועמען ער זאָל מאַכן

דער יורש

פאַר זיין יורש. ביז עס איז אים איינמאָל איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

ווער עס וועט זיין מיט אים אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, צו דעם זאָל געהערן זיין פאַרמעגן.

פון אָט־דעם איינפאַל איז ער שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן. פון גרויס באַגייסטערונג פאַר דעם וואונדערלעכן געדאַנק, האָט ער אַזש אויפן קול צו זיך אַליין אויסגעשריען: „יאָ, דאָס וועט זיין אויסגעצייכנט".

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מייקן, וואָס איז געלעגן לעבן זיין בעט, און פון פרייד אים געקושט.

ער איז האַסטיק אַראָפּ אויף דער ערד, זיך שנעל אָנגעטאָן, און מיט אַ צעשטראַלט פּנים, נאָך איידער עס איז ווער פון זיינע געסט אויפגע־שטאַנען, איז ער אַרויס פון שטוב.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין קאַר און אַוועקגעפאָרן אין דער נאָענטער, גרעסטער שטאָט צום אַדוואָקאַט.

ער האָט געלאָזט אַ צעטל אויפן טיש, אַז ער פאָרט זען אימעצן וועגן ביזנעס.

אויפן וועג האָט ער פון גרויס צופרידנקייט גערעדט צו זיך אַליין:

„זייער גוט, עס קאָן גאָר ניט זיין בעסער, עס וועט ביי קיינעם ניט קאָנען אַרויסרופן קיין שום פאַרדרוס. וועמען עס וועט זיין באַשערט, דער וועט האָבן".

:: :: ::

ווען שעל איז אַריינגעקומען צום אַדוואָקאַט, איז אין אָפיס געווען בלויז די סעקרעטאַרשע. זי האָט אויף אַ לאַנגן פּאַפּיר געקלאַפּט אויפן טאַיפּראַיטער.

שעל האָט מיט אימפּעט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואו איז דער אַדוואָקאַט?

— זעצט זיך צו אַ ווײַלע, ער וועט באַלד אַריינקומען.

שעל האָט זיך אָבער ניט געזעצט. שפּאַנענדיק איבערן אָפיס אַביסל נערוועז האָט ער באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן:

— גייט זאָגט אים, אַז איך בין דאָ.

דאָס מיידל האָט אָפּגעשטעלט דאָס קלאַפּן אויף דער שרייב־מאַשינ־קע. זי האָט זיך באַלד אויפגעהויבן און איז אַרויס.

ווען דער אַדוואָקאַט האָט זיך באַוויזן, האָט אים שעל פאַרהאַלטן ביי דער טיר און שטייענדיק אים דערציילט, וואָס פאַר אַ צוואה ער וויל מאַכן.

בעלאַ גאָלדוויר ט

נאָך דער דערקלערונג, איז דער אַדוואָקאַט צוגעגאַנגען צו זיין שרייב־טיש, זיך אַוועקגעזעצט, צוגערוקט אַ שטול לעבן זיך און געבעטן זיין קליענט זיך זעצן. ער האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ פּאַפּיר. געקוקט שעלן אין די אויגן און געזאָגט אים מיט אַ מינע, ווי עס וואָלט אים אפשר ניט געפעלן, ווי עס וואָלט אים ניט געווען גלויבלעך דאָס וואָס ער הערט:

— הייסט עס, איר ווילט ניט אייער ירושה זאָל איבערגיין צו אַ באַשטימטן מענטשן, נאָר ווער עס וועט צופעליק זיין ביי די לעצטע מינוטן פון אייער לעבן

— יאָ ריכטיק, דאָס וואָס איך וויל, — האָט שעל מיט שטאָלץ באַמערקט,—ביי מיר זיינען שטענדיק פאַראַן פריינט, איז ווער ס׳וועט האָבן דאָס גליק. איך וויל ניט מאַכן קיין אויסנאַם, ניט שאַפן קיין שלעכטע געפילן פון איינעם צום אַנדערן, — האָט ער צוגעגעבן.

דער אַדוואָקאַט האָט דערוויילע עפּעס געשריבן, דערנאָך געשטעלט עטלעכע פראַגן:

— און אויב עס וועלן זיין אין דער לעצטער מינוט עטלעכע פון אייערע פריינט?

— זאָל דאָס פאַרמעגן צעטיילט ווערן צווישן אַלע אויף גלייכע חלקים, — האָט שעל קלאָר דערקלערט.

:: :: ::

צום קומענדיקן האַרבסט האָט זיך שעלס געזונט פאַרערגערט. זיינע לונגען האָבן ווידער אָנגעהויבן בלוטיקן. דער דאָקטאָר האָט אים אָנגעזאָגט: וויניק צו רעדן און אַ סך רוען.

נאָך גוט, וואָס ער האָט געהאַט די טרייסט, אַז זיין קראַנקהייט איז ניט אַנשטעקנדיק און די פריינט וועלן אים ניט מוזן פאַרלאָזן.

די וועטערן זיינען געווען קאַלטע און פייכטע. שעל האָט געמוזט זיין אין הויז. ער האָט ניט געטאָרט זינגען און ניט דערציילן קיין וויצן, זייל ער האָט ניט געטאָרט לאַכן. די פריינט, וואָס זיינען דעמאָלט מיט אים געווען, האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגווייליקן.

מען האָט מער ניט גענדאַרפט, אַז איינער זאָל זאָגן: „פאַר שעלן איז בעסער ער זאָל זיין אַליין, ער וועט האָבן מער רו". אָט־די ווערטער האָבן אַלעמען דערמוטיקט אַהיים צו פאָרן.

און ווען די אַנדערע פריינט האָבן זיך דערוואוסט פון זיין געזונט־צושטאַנד, האָבן זיי זיך אָפּגעהאַלטן פון קומען אין די בערג.

דער יורש

דערפֿאַר האָט אָבער זיין טעלעפֿאָן זייער אָפֿט געקלונגען. אַלעמאָל האָט אַן אַנדערער גערופֿן און זיך נאָכגעפֿרעגט ביי אים וואָס ער מאַכט.

שעל האָט צום ערשטן מאָל דערפֿילט אַ פוסטקייט אין זיין הויז און אַ פוסטקייט אין זיין נשמה. טיילמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין גאַנצער אינגעווייד איז ביי אים ליידיק, איז אינגאַנצן אויסגעהוילט און אַרום אים וויקלט זיך אַ שווערער, אומענדלעכער לאַנגווייל.

די טעג האָבן ביי אים אויסגעזען ווי יאָרן און די נעכט האָבן זיך געצויגן ווי גאַנצע אייביקייטן.

אַמאָל פלעגט ער אין מיטן דער נאַכט אַראָפקריכן פון געלעגער, אַדורכגיין אַלע צימערן, ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט. און נאָכדעם, ווי ער איז צוריק אַריין אין בעט, האָט ער אָנגעשפיצט די אויערן, ווי ער וואָלט וועלן דערהערן אַ שאָרך פון אַ מענטשן.

אין די שלאָפלאָזע נעכט האָט ער געפירט אַ חשבון מיט זיין פאַרגאַנגענעם לעבן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי גוט ער האָט זיך געפילט, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט צו קיינעם קיין פליכטן; וואָס ער איז געווען פריי און געקאָנט טאָן, וואָס עס איז אים געפעלן.

אין די־אָ שלאָפלאָזע נעכט האָבן פלוצלינג זיינע אַלע אַמאָליקע פאַרגעניגנס ביי אים פאַרלאָרן זייער גאַנצן חן און ווערט, אַלץ האָט דעמאָלט ביי אים אויסגעזען קליינלעך און נישטיק, ווי שטויב, וואָס צעפליט זיך אין דער לופטן.

איין געפיל האָט אים שטאַרק גענאָגט ביים האַרצן, אַ געפיל צו האָבן לעבן זיך אַן אייגענעם, אַ נאָענטן מענטש.

צו דעם האָט אים נאָך אָנגעהויבן מאַטערן דער געדאַנק, אַז די ירושה זיינע קאָן נאָך חלילה פאַרלאָרן ווערן.

— ניין, איך טאָר ניט זיין אַליין, — האָט ער שטיל צו זיך אַליין איינמאָל געזאָגט, נאָכדעם ווי די פרוי, וואָס האָט פאַר אים געקאָכט, איז אַוועקגעגאַנגען נאָך דער אַרבעט ווי אַלעמאָל, צו איר מאַן און קינדער, און ער איז געבליבן איינער אַליין.

ער איז געוואָרן אומרואיק און איז צוגעגאַנגען צום טעלעפֿאָן. האַלטנדיק דאָס טרייבל אין האַנט האָט ער געטראַכט וועמען ער זאָל אָפּרופן, בעטן מען זאָל צו אים גלייך קומען.

ביי די ברידער פעלדבלום איז איצט ניטאָ קיין סך אַרבעט, זיי האָבן צייט צו פאַרברענגען מיט אים, וועט ער קלינגען צו זיי.

ער האָט אָנגעקלונגען די פעלדבלומס און געזאָגט:

בעלאַ גאָלדווירט

— איך וויל עמיצער פון אייך זאָל צו מיר אַריבערקומען, אויב מעגלעך נאָך היינט.

— עס טוט מיר לייד, שעל טייערער, די טעג קאָן קיינער פון אונדז ניט אַוועקפאָרן. דעם שבת נאָכט פּראַווע איך מיין פינף־און־צוואַנציק יאָריקן חתונה־יובילײ, — האָט איינער פון די ברידער געענטפערט.

האָט שעל אָנגעקלונגען צו מיסעס וואָרקין און געזאָגט:

— דאַרעלע טייערע, קיינער איז ביי מיר נישטאָ, עס איז מיר צו אומעטיק, קום אַריבער אַזוי גיך ווי דו קאָנסט.

— די וואָך איז פאַר מיר אוממעגלעך צו פאָרן, מיין זון איז אַ חתן געוואָרן, — האָט זי אים מודיע געווען — דעם זונטיק קומט פאַר די פאַרלאָבונג־„פּאַרטי״.

האָט שעל אָפּגעהאַקט דעם געשפּרעך מיט מיסעס וואָרקין און גע־קלונגען צו טאַשען.

„זי וועט זיכער גלייך קומען צולויפן״, האָט ער ביי זיך געטראַכט.

טאַשע האָט דערהערט זיין פאַרלאַנג, איז זי געבליבן שטיל, ווי זי וואָלט פאַרלאָרן דאָס לשון.

— וואָס איז מיט דיר, טאַשע! פאַרוואָס ענטפערסטו נישט? — האָט ער דערשראָקן געפרעגט.

אין אַ רגע אַרום האָט זי מיט אַ ציטערדיקער שטים געזאָגט:

— סימאָר! גלויב מיר איך וואָלט גלייך צו דיר געפאָרן, אָבער איך קאָן ניט. מיין מאַן ליגט אין בעט מיט היץ, ער איז פאַרקילט, איך קאָן אים ניט לאָזן אַליין.

שעל האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און שוין מער ניט גערופן.

ער האָט צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז ער איז אַליין, איינזאַם און עלנט, און אַ מאָדנע אומרואיקייט האָט אים אַרומגענומען.

— אָבער די ירושה טאָר ניט פאַרלאָרן ווערן! — האָט ער צו זיך אַליין אויסגעשריען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און גלייך אויסגעשריבן אַן אַנאָנס פאַר אַ צייטונג, אַז ער וויל האָבן אַ מענטשן, ניט צו קיין שום אַרבעט, נאָר בלויז צו זיין אין שטוב מיט אים.

עס האָט אים ניט געקימערט, ווער עס וועט זיין, אַבי זיין פאַרמעגן זאָל ניט פאַרלאָרן ווערן, אַ מענטש זאָל איבערנעמען די ירושה זיינע.

דעם זעלבן אָוונט, וואָס ער האָט געשריבן דעם אַנאָנס, האָט ער דער־פילט, אַז עס שטיקט אים אין האַלדז. די קעכן איז שוין פון לאַנג גע־

האָט אַוועקגעגאַנגען. ער האָט געוואָלט נעמען דעם טעלעפאָן און רופן דעם דאָקטאָר, נאָר אַזוי ווי ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זיך אַ גאָס געטאָן דורכן מויל און נאָז אַ שטראָם בלוט.

ער האָט אַ הויכן קרעכץ געטאָן. דער הונט, וואָס איז כמעט שטענדיק געלעגן לעבן זיין בעט, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ער האָט אויפגעשטעלט די אויערן, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן און מוראדיק אָנגעהויבן צו האַווקען, ווי ער וואָלט מיט שרעק געפרעגט: „וואָס איז מיט דיר געשען?"

דאָ האָט דער טעלעפאָן אָנגעהויבן קלינגען. דער הונט איז מיט ווילדקייט צוגעלאָפן און מיט די פאָדערשטע פיס אָנגעהויבן רייסן דעם טעלעפון, ביז דאָס טרייבל איז אַראָפּגעפאַלן. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו בילן, ווי ער וואָלט יענעם ביים טעלעפאָן געלאָזט וויסן, אַז ער דאַרף שנעל אַריבערקומען, אַז עפּעס שרעקלעכעס קומט פאָר. דערנאָך איז מייק אַריינגעלאָפן אין קיך, ווי ער וואָלט געזוכט אַ מענטשן. ער האָט געקוקט אויף דער טיר, עטלעכע בילן געטאָן, גלייך ווי ער וואָלט עמיצן גערופן, און איז צוריק אַריינגעלאָפן צום קראַנקן.

דאָס בלוט האָט געהאַלטן אין איין שטראָמען דורכן מויל און נאָז..

שעל האָט הילפלאָז געקוקט אויף מייקן, ווי ער וואָלט זיך ביי אים בעטן:

„גיי, לויף, רוף אַריין אַ מענטשן! איך דאַרף אים עפּעס זייער וויכטיקס איבערגעבן!"

מייק האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט מיט זיינע פאָדערשטע פיס אויף דער פאַרבלוטיקטער קאָלדרע און געסקאַווטשעט, ווי ער וואָלט געוויינט פון אַ גרויסן ווייטיק.

שעל האָט זיין גוסדיקע האַנט פאַמעלעך אַרויפגעלייגט אויף דעם הונטס לאַפּע, ווי ער וואָלט זיך מיט אים געזעגנט און שטיל מיטן לעצטן אויסהויך פון זיין אָטעם אַרויסגעפּליסטערט: „דו ביסט מיין יורש" . . .

אַ מזל פון אַ פּערענע

די פּערענע איז געלעגן אויפן שיף סאַמע אויבן, אויף טויזנטער אַנ־דערע פּעק און פּעקלעך, און געוויגט זיך אַן אויפגעלייגטע, אַ צופרידענע.

דאָ אין אַמעריקע האָט די פּערענע נעבעך קיין מזל ניט געהאַט.

ס'איז איר געוואָרן נמאס צו ליגן פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, וואו קיינער האָט זיך שוין אויף איר ניט אומגעקוקט. זי איז געווען אַן איבע־ריקע זאַך אין שטוב, וואו זי האָט אומזיסט פאַרלייגט אַן אָרט.

די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע איז זי נעבעך גאָר אַ סך צרות אויס־געשטאַנען. עס איז נאָר געווען אַ וויטיק פאַרוואָס מען האָט זי אַהער געבראַכט.

ס'איז נאָך געווען אַ שטיקל גליק, וואָס פרידע האָט ניט לאַנג גע־דאַרפט זיין אַ באָרדערקע, וואוינען ביי יענעם, ווייל קיינער האָט זי ניט געוואָלט אַריינמען מיט אַ פּאַק בעטגעוואַנט און עס איז איר זייער שווער אָנגעקומען צו קריגן אַ צימער.

און אַז גאָט האָט געהאָלפן פרידע (ווי פריידע האָט זיך דאָ גערופן) האָט חתונה געהאַט, האָט דאָס מזל פון דער פּערענע זיך ניט פאַרבעסערט. פרידעס מאַן האָט פונעם ערשטן טאָג אַן זיך געוואָרפן מיט איר. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך מיט איר צוגעדעקט, פלעגט ער זאָגן:

— איך האָב פיינט אַ פּערענע. איך וויל זיך ניט צודעקן מיט קיין פּערענע.

און אַז די „סטים" האָט זיך צעשפּילט אין זייער וואוינונג שפּעט אין דער נאַכט און ער האָט אונטער דער פּערענע געכאַפּט אַ שוויץ, איז ער גאָר אין כעס געוואָרן און זיך געקריגט מיטן ווייב:

— וואַרף אַרויס צו אַלדע גוטע יאָר די פּערענע. ווער דאַרף אין אַמעריקע אַ פּערענע? — האָט ער געשריען.

פרידע פלעגט זיך אָננעמען איר פּערענעס קריוודע:

— וואָס הייסט איך וועל אַרויסוואַרפן אַזאַ טייער איבערבעט? — ווי זי האָט דאָס גערופן.

נאָר אַז דער מאַן איז דווקא באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע און פרידע האָט געוואָלט אויסמיידן קריגערייען, האָט זי צו אים איינמאָל געזאָגט:

אַ מזל פון אַ פּערענע

— שאַ! איך האָב אַ גוטן פּלאַן, איך וועל מאַכן פון דעם איבערבעט אַ קאָלדרע, וועלן מיר האָבן אַ גוטן צודעק.

אַז דער מאַן האָט דאָס דערהערט, האָט ער נאָך מער זיך צעשריען:

— איך וויל ניט קיין קאָלדרע פון פּוך, איך האָב פיינט פּוך, זאָג איך דיר!

און די פּערענע האָט נעבעך געדאַרפט אויסשטיין די קריגערייען צווישן מאַן און ווייב און באַדויערט איר ביטער, פינצטער מזל, וואָס מען וואַרפט זיך מיט איר, מען האָט זי פיינט און מען וויל זיך מיט איר ניט צודעקן.

:: :: ::

פרידע האָט זיך שטאַרק געערגערט און באַדויערט פאַרוואָס די מוטער אירע האָט דאָס איר מיטגעגעבן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָכן פאָטערס טויט, ווען די מוטער איז געבליבן אַן אָרעמע אלמנה מיט פיצלעך קינדער, האָט מען זיך אין שטוב ניט פאַרגונען צוצודעקן מיט דעם איבערבעט. די מוטער אירע האָט געוואוסט, אַז קיין נייַ בעטגעוואַנט וועט זי פרידען צו דער חתונה נישט קאָנען מאַכן, האָט זי דאָס איבערבעט אָפּגעהיט ווי אַן אוצר, עס זאָל זיך ניט צופּיל אָפּנוצן. אַפילו די צוויי קאָלירטע ציכן, וואָס זי האָט געהאַט אויף איבערציען, האָט זי זיך אויך ניט פאַרגונען צו נוצן און זיי באַהאַלטן פאַר פרידען, ווען די צייט וועט אם־ירצה־השם קומען.

פרידעס מאַמע האָט זיך אַלעמאָל באַרימט און געיחוסט מיט דעם איבערבעט. זי האָט אַלעמאָל דערציילט, ווי איר מאַמע, דאָס הייסט פרידעס באָבע, האָט אַליין מיט אירע אייגענע הענט געפליקט די פעדערן און געקליבן אַ פּוך צו אַ פּוך, און זי האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן עס זאָל זיך אַמאָל ניט אַריינכאַפּן און זיך אויסמישן אַ פעדערל. אַפילו אַ גרויען פּוך האָט זי אָפּגעזונדערט. זי האָט געוואָלט עס זאָל זיין ריינער און באַר ווייסער פּוך. דערפאַר האָט פרידעס מאַמע נאָכן פאָטערס טויט גענוצט מער דאָס איבערבעט, וואָס איז געבליבן פון פאָטער, ווייל דאָרט איז דער פּוך געווען אַ גרויער און געמישט מיט פעדערן.

ווען פרידע איז געפאָרן קיין אַמעריקע, האָט איר די מוטער מיטגעגעבן דאָס בעטגעוואַנט מיט די צוויי קאָלירטע ציכן. אָבער דאָ האָט פרידע גאָר אַ זאָרג, וואָס זי זאָל טאָן מיט דעם, און קריגן זיך מיטן מאַן צוליב אַ פּערענע, האָט זי אַוודאי ניט געוואָלט. סוף־כל־סוף האָט זי געמוזט פאַרפּאַקן די פּערענע און זי אַוועקלייגן.

איצט, ווען פרידע האָט דערהערט, אַז מען בעט זאַכן פאַר די איבער־

בעלאַ גאָלדווירט

געבליבענע יידן אין פוילן, האָט זי זיך דערמאָנט אין דער פּערענע וואָס פאַרלייגט ביי איר אַן אָרט. ווען פרידע וואָלט נאָך געוואוסט, אַז דאָס וועט אָנקומען צו אירע אייגענע, וואָלט צו איר גליק גאָר קיין גלייכן ניט געווען. אָבער זי ווייסט אַפילו ניט צי עמיצער פון איר פאַמיליע איז דאָרט געבליבן לעבן, „נאָר ווער עס וועט דאָס קריגן", האָט זי זיך געטראַכט, „וועט זיך דאָרטן מחיה זיין מיט דעם".

פרידע האָט באַלד אַראָפּגעשלעפּט די פּערענע פון דער פּאָליצע, גוט אויסגעלופטערט, אויסגעקלאַפּט און איבערגעצויגן צום ערשטן מאָל אַ ווייסע ציך. דערנאָך האָט זי אַרויפגעצויגן ביידע קאָלירטע ציכן, וואָס די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן, און זי האָט אין האַרצן געוואונטשן:

„זאָלן זיי דאָס נוצן געזונטערהייט!" אַזוי איז זי שוין, פרידע, אַז זי גיט עפּעס, גיט זי דאָס מיטן גאַנצן האַרצן.

:: :: ::

ווען די פּערענע איז אָנגעקומען קיין פוילן האָט מען זי אָנגעהויבן שלעפּן און וואַרפן פון איין אָרט אין אַנדערן, פון איין באַן אויף דער צווייטער. זי איז ענדלעך דערגאַנגען צו אַ דורכגעשאָסענעם, האַלב־איינגעפאַלענעם שפּייכלער און דאָרט איז זי געבליבן ליגן מיט נאָך פּעק און פּעקלעך, געוואָרט עמיצער זאָל זי צונעמען.

באַלד האָבן אָנגעהויבן קומען מענטשן אָפּגעריסענע, אָפּגעפליקטע, נאַקעטע און באָרוועסע. איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז פון די אַלע פּעק כמעט גאָרניט געבליבן. די פּערענע אָבער איז געלעגן פאַרוואָרפן אין אַ זייט, וואו קיינער האָט זי ניט באַמערקט, קיינער האָט זיך אויף איר ניט אומגעקוקט.

זוכנדיק און נישטערנדיק האָט מען אויף די זייטן אָנגעוואָרפן די אי־בערגעבליבענע אומנוצלעכע שמאַטעס מיט פּאַפּירן, מען האָט די פּערענע כמעט איינגאַנצן פאַרדעקט. בלויז איין שפּיץ פון איר האָט אין אַ זייט אַרויסגעשטעקט. איז זי נעבעך געלעגן אין איין שרעק, אין איין ציטער־ניש, אַז מען וועט זי אויסמישן מיט די צעריסענע אומנוצלעכע שמאַטעס מיט די פּאַפּירן און צוזאַמען מיט דעם אַלעמען אַרויסוואַרפן אין מיסט אַריין.

שוין גאָר שפּעט אין אָוונט איז געקומען אַ ווייבל בעטן מען זאָל איר געבן עפּעס אָנצוטאָן, מיט עפּעס זיך צוצודעקן. אין דרויסן איז געווען אַ ביטערע קעלט און ביי איר האָט זיך אַרויסגעזען דאָס הוילע, נאַקעטע לייב. זי איז טאַקע דערפאַר געקומען ביינאַכט, ווייל זי האָט זיך בייטאָג

געשעמט אַרויסצוגיין. אָבער דער מענטש וואָס האָט אויסגעטיילט די זאַכן פון אַמעריקע האָט איר געזאָגט:

— ס'טוט מיר לייד, איר זענט צו שפּעט געקומען. איך האָב אייך שוין גאָרניט וואָס צו געבן . . .

דאָס ווייבל איז געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרשעמטע. זי האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און זיך ביטער צעוויינט. דערנאָך, ווען זי האָט זיך אַביסל אויסגעוויינט, האָט זי געזאָגט:

— איך האָב געמיינט, אַז איך וועל עפּעס קריגן דאָס לייב צו פאַרדעקן פאַר מיר און פאַר מיין מיידל, וואָס איז אויך כמעט אַ נאַקעטע . . . און זי האָט זיך ווידער צעוויינט.

דעם מענטש האָט אַזש פאַרקלעמט ביים האַרץ קוקנדיק אויף דעם ווייבל. ער האָט געטראַכט און געקלערט, וואָס ער זאָל טאָן. דערנאָך האָט ער צו איר געזאָגט:

— זוכט צווישן די שמאַטעס, אפשר וועט איר געפינען עפּעס, וואָס וועט אייך צונוצקומען.

דאָס ווייבל האָט מיט גיריקייט אָנגעהויבן זוכן, נישטערן צווישן די בערג פּאַפּירן און שמאַטעס און ווען זי האָט באַמערקט דעם שפּיץ פון דער פּערענע האָט אויף איר אַ שלאַג געטאָן מיט וואַרעמקייט. ווען זי האָט אַ טאַפּ געטאָן און דערפילט, אַז דאָס איז אַ פּערענע, האָט זיך דאָס האַרץ ביי איר אַ הויב געטאָן פון אָרט און אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן פון גרויס גליק, פּונקט ווי זי וואָלט פּלוצלינג אומגעריכט דערזען אַן אַלטן גוטן פריינט. מיט איבעראַשנדיקער פריידן האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּעקל און זי איז אין איין אָטעם שנעל געלאָפן אָנזאָגן איר טאָכטער די בשורה.

די פּערענע האָט דערפילט מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט מען האָט זי אַרומגענומען. פון דער וואַרעמקייט פון דעם ווייבלס הענט האָט זיך דער פּוך אָנגעהויבן אָנפּוישן — אָנקוועלן. ביי דעם ווייבל אין שטוב האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צעלויכטן די גדולה. ווען דאָס ווייבל האָט אַראָפּגעצויגן די ערשטע קאָלירטע ציך און דערזען אַ צווייטע קאָלירטע, דערנאָך אַ דריטע, אַ ווייסע, האָט די מאַמע מיט דער טאָכטער (די איינציקע איבערגעבליבענע מענטשן פון אַ גרויסער משפחה) אַזש אונטערגעטאַנצט פון שמחה.

דער מאַמען איז באַלד איינגעפאַלן, אַז פון איין קאָלירטער ציך וועט זי מאַכן קליידער פאַר זיך און פאַר דער טאָכטער. די צווייטע וועט זיין איבערצוציען דאָס איבערבעט און פון דער דריטער, ווייסער ציך וועט זי

בעלאַ גאָלדווירט

פון איין העלפט מאַכן אונטערוועש און די צווייטע העלפט וועט זיין פאַר אַ בעט צו פאַרשפרייטן.

ווען זיי האָבן זיך צוגעדעקט מיט דער פערענע, האָט זיך ערשט דער פוך צעוואַרעמט און זיך צעוואָקסן, ווי אויף הייוון. דאָס איבערבעט איז געוואָרן הויך ווי אַ באַרג. אויפגעריכט געוואָרן איז די פערענע. זי איז ענדלעך ווידער אַ חשובער אָנגעלייגטער גאַסט ביי היימישע מענטשן אין דער אַלטער היים.

ביים ברעג ים

מאָריס איז געזעסן אין אַ טונקל־רויטן שלאָפראָק אויף דעם אַנלען־שטול ביים סאַמע ברעג פון ים. ער האָט אויפגעשטעלט דאָס דעכל פון שטול, די גליענדיקע זון זאָל ניט אָנהיצן זיין באַקעטן קאָפּ.

די קורצע פיס זיינע האָט ער אויסגעצויגן. זיין פולער קערפּער איז געזעסן שווער, ווי ער וואָלט געווען מיד און אַלט; ניט ווי אַ מענטש, וואָס איז נאָך ווייט פון די זעכציקער.

זיינע קליינע טונקל־ברוינע, גוטמוטיקע אויגן האָבן געקוקט אויפן אומרואיקן ים. די כוואַליעס האָבן ביִז געררישט, אימפּעטיק־ווילד גע־שפּרונגען אין דער הויך, געוואָרפן זיך איינע אויף דער אַנדערער, זיך צע־פּאַטשט און איבערגעלאָזט ווייסע שוימען. און ווידער האָבן זיי מיט רוגזה איינע די אַנדערע נאָכגעיאָגט, גלייך איינע די צווייטע וואָלט וועלן איינ־שלינגען, פאַרניכטן און מאַכן פאַר זיך גערוימער דעם וועג.

ער האָט געטראַכט, אַז מענטשן זיינען אויך אַזוי. טומלען זיך אויך, רוישן, לויפן, יאָגן, שלאָגן זיך איינער מיטן אַנדערן, איינער דעם צווייטן וויל אויפעסן, דערשטיקן, אומברענגען, אַבי מאַכן פאַר זיך גראַמער, באַ־קוועמער.

אין מאָריסעס קאָפּ האָבן זיך אָנגעהויבן אויפוויקלען יאָרן נאָך יאָרן.

דאָס קליינע גאַליצישע שטעטעלע, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן, האָט זיך אים פאַר די אויגן אַוועקגעשטעלט. צעוואָרפענע אומעטיקע געס־לעך מיט גרויסע ברוקירטע שטיינער, מיט גריבער, וואו דאָס רעגן־וואַ־סער האָט זיך אָנגעקליבן. מען פלעגט אָפט אַריינפאַלן אין אַ טיי־פער געדיכטער בלאָטע. אָט איז זיין קראַנקער פאָטער. ער דערמאָנט זיך די הונגעריקע טעג, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיין מאַמען; און אָט קומט ער אין אַמעריקע צו זיינעם אַ ברודער אַ גראָסערי־מאַן. ער גע־דענקט אַלץ ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען. דער ברודער זיינער זאָגט צו אים:

— אין אַמעריקע, ברודער לעבן, האָט מען אַ טשענס. יעדערער קאָן זיך דאָ אַרויפאַרבעטן. מען דאַרף נאָר וועלן, קאָן מען מאַכן אַ טולער (דאָלאַר).

ער האָט נאָך ניט פאַרגעסן, ווי ער האָט זיך מיט דער גאַנצער ענער־

גיע, מיטן גאַנצן ברען, גענומען צו דער אַרבעט.

נאָכדעם ווי ער האָט אַ שטיקל צייט אָפּגעאַרבעט ביי זיין ברודער, האָט ער פאַר זיך אַליין געעפנט אַ גראָסערי און ס'האָט אים טאַקע אָנגעהויבן גיין דורך טיר און דורך טויער. פון טאָג־צו־טאָג איז ער רייכער געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיך צעקריגט מיט זיין ברודער און מ'איז זיך געוואָרן דם־שונאים. איבער וואָס מ'שטיינס געזאָגט—איבער נאַרישקייטן! ווען נישט די ביזנעס וואָלט קיינמאָל ניט געקומען צו דער גאַנצער קריגעריי. יעדערן פון זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איינער דעם אַנדערן באַראַבעוועט, נעמט צו די פּרנסה.

דאָס הויכע געלעכטער פון אַ יונג פאָרל ביים ים האָט איבערגעריסן מאָריסעס געדאַנקען.

דער בחור האָט דווקא געוואָלט, אַז דאָס מיידל זאָל זיך שטעלן ביי אים אויף די אַקסלען. און יעדעס מאָל, וואָס זי האָט געוואָלט זיך אַוועקשטעלן אויף זיינע אַקסלען און ניט געקאָנט, האָבןביידע אויסגעשאָסן מיט אַ גרויס געלעכטער און געצויגן צו זיך די בליקן פון אַלע אַרומיקע מענטשן.

ווען מאָריס האָט זיי געהערט לאַכן, האָט זיך אָרום זיינע גראָבלעכע ליפּן אויך פאַרצויגן אַ געלעכעטער. ער האָט הנאָה געהאַט צו קוקן, ווי זיי שפּילן זיך.

ער געדענקט גאָר ניט, אַז ער זאָל אַמאָל אין זיין לעבן האָבן אַזוי האַרציק געלאַכט. ניט דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געקאָנט לאַכן, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס ער האָט קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט.

:: :: ::

ווען ער האָט זיך באַקענט מיט זיין פעניץ, אים צו לאַנגע יאָר, איז ער שוין געווען אין די גראָסערי־ביזנעס.

זיין פעני איז געווען טויזנט מאָל שענער פון דער מיידל, וואָס קריכט איצט אויף די פּלייצעס פון דעם בחור. זי האָט געהאַט אַ קאָפּ שוואַרצע געלאָקטע האָר מיט גרויסע שוואַרצע, פינקלדיקע אויגן, אונטער לאַנגע געדיכטע ברעמען, ווי גרויסע לויכטנדיקע שטערן. ווי שיינע, צעבליטע רויזן זיינען געווען אירע באַקן. ערשט אַ וואוקס, אַ פיגור — אַלץ איז ביי איר געווען אין דער מאָס. ניט צו־גראָב און ניט צו־דין.

באַלד נאָך דער חתונה האָט זיין פעני זיך אַוועקגעשטעלט אין סטאָר, זיך גלייך איינגעשפּאַנט אין יאָך פון פּרנסה און געהאָרעוועט גלייך מיט אים. ער האָט שוועך אָפּגעזיפצט און צו זיך אַליין אַ מורמל געטאָן:

ביים ברעג ים

— דער מענטש איז גענאַרט . . .

אין יענער סטאָר איז אים זייער גוט געגאַנגען. איז ער געלאָפן און געעפנט נאָך אַ סטאָר אין אַן אַנדער געגנט. איז ז י י געשטאַנען אין איינער און ע ר אין דער צווייטער. גאַנצע טעג האָט מען זיך ניט אָנגעקוקט, ניט געהאַט ווען אַ וואָרט אויסצורײדן איינער צום אַנדערן. שפּעטער האָט ער זיך שוין אַרויפגעאַרבעט אויף אַ האָלסעיל־גראָסערי־ביזנעס — איז ער שוין גאָר געווען פאַריאָגט און פאַרפּלאָגט. און גע־דאַכט האָט זיך אים דעמאָלט, אַז ס׳איז אים זייער גוט. ווען ער האָט זיך געקויפט דאָס ערשטע הויז, — איי האָט ער זיך עס דעמאָלט געפילט געהויבן, — ממש גליקלעך געווען. שפּעטער האָט ער זיך געקויפט נאָך אַ הויז, טאַקע מיט גרויסע מאָרטגעדזשעס, מיט צווייטע, מיט דריטע מאָרטגעדזשעס. געדאַכט האָט זיך אים, אַז אָט־אָט ווערט ער אַ צווייטער ראָקפעלער. ווען מען איז עס גאָר אײנגעפאַלן צו טראַכטן, אַז די ביזנעס וועלן זיך געבן אַ דריי אויף צוריק? ער האָט דען געדאַרפט אַ סך? אַזוי ווי ס׳איז אים דעמאָלט געגאַנגען, ווען ס׳גייט אים נאָך אַ דריי־פיר יאָר, וואָלט ער געווען אָפּגעצאָלט אַלע זיינע חובות און וואָלט שפּעטער געווען געקאָנט האָבן אַ רואיק לעבן.

ווידער האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן אַ טיפער זיפץ, ווי אַ שטאָר־קער ווייטיק וואָלט געשניטן זיין האַרץ.

דער טומל, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן ביים סאַמע וואַ־סער, האָט מאָריסן איבערגעשראָקן. ער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען.

אַ מאַמע האָט דווקא געוואָלט איר צוויי־יאָריק קינד אויסבאָדן אין ים. דאָס קינד האָט זיך, ווייזט אויס, דערשראָקן פאַר די קאַלטע כוואַ־ליעס און האָט זיך שטאַרק צעווײנט, זיך אַזש פאַרקייכט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן צו, וואָס האָט פאַסירט. דאָס קינד איז באַלד צו זיך געקומען, ס׳האָט אָנגעהויבן לאַכן, מאַכן חנדלעך און טאַטע־מאַמע האָבן געקוקט אויפן קינד און געקוואָלן.

:: :: ::

מאָריס האָט פיר קינדער. איצט זיינען זיי שוין אַלע דערוואַקסענע. אָבער ווען זיי זיינען געווען קליין, האָט ער זעלטן געהאַט די געלעגנהייט צו זען עפּעס אַ חכמה, צי אַ קינדערשע מינע פון זיינס אַ קינד. ער האָט זיי גאָר רעכט ניט געקענט. די מאַמע האָט אויך צו זיי קיין צייט ניט גע־האַט. אַ פרעמדע טונקל־הויטיקע פרוי האָט זיי געניאַנטשעט, געהאָדע־

וועט, געווען די גאַנצע מאַמע, גלייך ווי זיי וואָלטן גאָר קיין אמתע מאַ־
מע ניט געהאַט. און ווען זיי זיינען עלטער געוואָרן און זיינען אַמאָל אַריינ־
געקומען אין סטאָר נאָך עפּעס, האָט מען זיי שנעל געגעבן אַ פּאָר סענט
אויף צו קויפן זיך נאַשעריי און אַרויסגעיאָגט, אַז זיי זאָלן נישט דרייען
דעם קאָפּ, ווייל דער קאָפּ איז שטענדיק געווען פאַרדרייט מיט טויזנט
אַנדערע זאַכן.

נאָר פּעני, עליה־השלום, האָט פאַרשטאַנען צו וואָס דאָס קען ברענ־
גען. געווען פּשוט אַ נביאה. זי פלעגט אים אַלע מאָל זאָגן:

— מאָריס, ס'איז אָך און וויי צו אַזאַ לעבן מיט דער בעסטער ביז־
נעס. די קינדער וועלן גאָר ניט וויסן, אַז זיי האָבן טאַטע־מאַמע. זיי
וועלן ווערן פאַרפרעמדט, נאָך ערגער ווי פרעמדע. אַז מען האָט קינדער,
דאַרף מען האָבן צו זיי צייט, מען דאַרף זיי האָדעווען.

אַזוי האָט זי אַלע מאָל געטענהט.

איצט זעט ער, אַז זי איז געווען גערעכט. אַזוי לאַנג, ווי דער טאַ־
טע האָט געקאָנט געבן געלט, איז ער נאָך געווען אַ שטיקל טאַטע. און אַז
ער קען מער ניט געבן, וויל מען פון אים ניט וויסן.

ער איז זיך אַליין שולדיק! אַליין זיינע קינדער פון זיך פאַרפרעמדט,
זיי אָפּגעשטויסן. ס'קלינגען אים נאָך אין די אויערן די רייד, ווען פּעני
איז אַמאָל בייז געוואָרן, און זי האָט געטענהט צו אים: — אַז איך וויל ניט
ווערן רייך, וואָס ווילסטו פון מיין לעבן? איך דאַרף אויף כפרות די
הייזער מיט די מאָרטגעדזשעס, מיט אַלע צרות און קאָפּ־דרייענישן. איך
וויל זיין אַ מאַמע צו די קינדער, ווי אַלע מאַמעס.

מאָריס האָט אַליין ניט געפילט, ווי זיינע אויגן זיינען אים פייכט
געוואָרן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זי אַלעמאָל געטרייסט, אַז
עס וועט שוין ניט נעמען לאַנג, וועט ער אויפגעבן די גאַנצע גראָסערי־
ביזנעס, דעמאָלט וועט זי ביי אים גאָרניט טאָן. ער וועט זי נישט לאָזן
אויפהויבן קיין שטרוי פון דער ערד. און אַזוי ווי ער וועט אויפגעבן די
ביזנעס, האָט ער איר צוגעזאָגט, וועט ער דאָס ערשטע נעמען זי מיט אַלע
קינדער און פאָרן קיין „יוראָפּ", אין זיין קליין שטעטעלע, פון וואַנען ער
קומט. ער וועט איבערלאָזן דאָרט אַביסל געלט צו צעטיילן פאַר אָרע־
מעלייט, פאַרן מושב־זקנים, פאַרן יתומים־הויז. זאָל מען וויסן, אַז משה
מאיר־לאָקשס זון איז אויך אַ מענטש! און פּעני פלעגט אַוועקדרייען דעם
קאָפּ ער זאָל ניט זען, ווי זי שמייכלט. אַפּנים, אַז זי וואָלט אויך דערפון
גרויס הנאה געהאַט.

:: :: ::

ביים ברעג ים

צוויי מענער זיינען צוגעקומען לעבן אים און האָבן זיך אָוועקגע־שטעלט באַטראַכטן צי דאָס אָרט איז פאַר זיי גוט זיך אָוועקצולייגן.

מאָריס האָט אויסגעדרייט צו זיי דעם קאָפּ און זיינע געדאַנקען זיי־נען געוואָרן איבערגעריסן.

איינער פון די מענער האָט באַלד אויסגעשפּרייט אַן אָפּגעקראָכענע, צעריסענע קאָלדרע אויפן זאַמד, לעבן מאָריסעס שטול. ביידע האָבן אַראָפּגעצויגן זייערע העמדלעך און האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער קאָלדרע מיט די פּלייצעס צום הוילן וואָלקנלאָזן הימל, צו דער הייסער זון, און זיינען באַלד איינגעשלאָפן.

דער ים האָט זיך אַביסל אָפּגערוקט פון ברעג און איז שטילער גע־וואָרן. אַ ווינטל האָט אָריינגעטאַנצט און געקילט מאָריסעס רונדיקן שטאַרק־פאַרעלטערטן פּנים. אין זיין קאָפּ האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן פלאָנטערן די פאַרגאַנגענע צייטן.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אין משך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז עסנוואַרג געוואָרן בראַנד־טייער, פון טאָג־צו־טאָג זיינען געשטיגן די פּרייזן, און ער האָט דעמאָלט געהאַלטן אין איין קויפן און קויפן נאָך און נאָך פּראָדוקטן און פאַרגרייטן אַלץ מער סחורה. אוי, האָט ער דעמאָלט שוין געהאַט אַ „סטאַק!" און וואָס ער האָט אַלץ גערעכנט צו טאָן מיטן געלט, נאָכן פאַרקויפן די סחורה! נאָר דער מענטש טראַכט און די וועלט לאַכט.

אין דעם יאָר 1920 האָבן די אויפגעבלאָזענע פּרייזן געפּלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז, און אַלע זיינע פּלענער זיינען צעשטערט געוואָרן. יאָ, דע־מאָלט האָבן זיך עס אָנגעהויבן אַלע אומגליקן: ווען די פּרייזן זיינען גע־פאַלן, האָט פון זיין פּעניַן אָנגעהויבן פאַלן שטיקער געזונט. זי איז גע־וואָרן נערוועז, ביט געשלאָפן קיין נעכט, געזיפצט און געוויינט אויף דעם, וואָס פון איר האָרעוואַניע איז נעבעך געוואָרן.

ער גערעדנקט אַפילו געוויס זיינע ווערטער צו איר, אַז עס זאָל זיך איר דאַכטן, ער האָט גאָרניט געהאַט קיין גראָסעריס, קיין ביזנעס, סחורה און זאָל זי אויפהערן מאַכן פון זיך אַ תל.

און ערשט נאָך דעם קלאַפּ, האָבן זיי זיך ביידע אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. מיטן גאַנצן לייב און לעבן האָבן זיי געאַרבעט, געוואָלט צוריקכאַפּן, וואָס מען האָט פאַרלאָרן, כאָטש די הייזער דערהאַלטן.

און אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ווידער די זון געשיינט העל. אַלץ איז שוין געגאַנגען גאַנץ גלאַטיק, פיין. ער האָט געקויפט ווידער „שערס" אין וואָל־סטריט און זיי זיינען ווידער פון טאָג־צו־טאָג געוואָקסן ווי אויף

הייזון. די הייזער האָבן זיך געצאָלט און ער איז שוין ווידער געווען אַ רייכער מאַן.

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, ווי זיין פעני האָט פון שווערער פראַצע זיך אונטערגעבראָכן דאָס געזונט. זי האָט אָנגעהויבן ליידן אויף די פיס פונעם שטענדיקן שטיין אין דער גראָסערי. עס האָבן זיך ביי איר אַרויסגעצויגן אָדערן, ווי שוואַרצע קישקעס, אירע פיס האָבן אָנגעהויבן געשוואָלן ווערן, און דעמאָלט האָט ער שוין געזען, אַז זי איז קיין לייט ניט. ער האָט באַלד פאַרקויפט איין גראָסערי, שוין געוואָלט פאַרקויפן די אַנדערע אויך און אַ סוף זאָל עס נעמען. נאָר אַ פרוי בלייבט אַ פרוי, האָט ער איצט געטראַכט. ער קאָן גאָרניט פאַרגעסן, וואָס זי האָט דעמאָלט געארבעט, ווען זי האָט געהערט, אַז ער וויל פאַרקויפן די אַנדערע גראָסערי. געהאַלטן אין איין ווייבען און קלאָגן. ער געדענקט, אַז אים אַליין איז טאַקע אויך אַ שאָד געווען זי צו פאַרקויפן. געווען אַ ברויט מיט אַ מעסער יענע סטאָר.

איז חי וואָלט זי כאָטש מער ניט אַריינגעקומען אין סטאָר. אָבער אַ פרוי בלייבט אַ פרוי.

ער האָט טיף אָפגעזיפצט.

ווי נאָר זי האָט זיך אָפגערוט אַ פאָר וואָכן און דאָס געשווילעכטס איז איר אָפגעגאַנגען איז זי ווידער געשטאַנען אין סטאָר, און ווידער געהאָרעוועט, ווי אַן איזל.

ער האָט אַוועקגעגעבן זיינע בעסטע, שענסטע יאָרן. דאָסזעלבע זיין פרוי. ניט געגעסן, ווען ס'האָט געהונגערט; ניט געשלאָפן, ווען ס'האָט זיך געשלעפערט; ניט געהאַט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט; ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב. שטענדיק נאָר גערוישט, געהאַרעוועט, געפראַצעוועט אַלע זיינע יאָרן.

און אַלץ וואָלט נאָך געווען צו דערליידן, האָט ער זיך געטראַכט, ווען עס וואָלט כאָטש איצט, צו דער עלטער, געווען אַ שטיקל זיכערע פרנסה, מען זאָל קאָנען רואיק אויסלעבן די פאָר יאָר. איז אַפילו דאָס אויך נישט.

ס'איז אים אַרויפגעשוואומען אויפן געדאַנק:

ווען ניט דער קראַך אין 1929, וואָלט ער געווען געבליבן אַ רייכער מאַן. דער קראַך אין 1929 האָט ביי אים אַלץ צוגענומען, אָפגעווישט זיין גאַנץ פאַרמעגן מיט איין קלאַפ.

זיינע שערס פון וואָל־סטריט זיינען אַזוי געפאַלן, אַז זיי זיינען שפּעטער קיין צעבראָכענע פעני ניט ווערט געווען. די הייזער האָבן די „מאָרגעדזש"־באַנקירן ביי אים צוגענומען. די גראָסערי האָט ער פאַרקויפט

פֿאַר אַ קלייניקייט, ווייל זי איז שוין אויך ניט געווען דאָס וואָס אַמאָל, און די האָלסעיל־גראָסערי־ביזנעס איז אויך געגאַנגען אַראָפּ און אַראָפּ. אַלע־מאָל האָט אַן אַנדער גראָסערימאַן פֿון זיינע קונדן אים אָנגעזעצט אַביסל געלט, ביז ער איז אַליין געבליבן אַן אָרעמאַן.

זיין פּעני האָט זיך דערפֿון גענומען שטאַרק צום האַרצן. פֿון דע־מאָלט אָן האָט זי אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער קרענקען, געקראָגן אַ שוואַך האַרץ און פֿאַר דער צייט נעבעך אַוועק פֿון דער וועלט.

עפּעס אַ קלייניקייט אַזאַ קלאַפּ, מיט איינמאָל דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן צו פֿאַרלירן. עס איז געווען אַ נס, וואָס ער אַליין האָט עס איבערגעלעבט, האָט זיך מאָריס געטראַכט. ער אַליין האָט דעמאָלט געמיינט, אַז ער וועט אַראָפּ פֿון זינען, אַז דאָס האַרץ וועט אין אים פּלאַצן. ער דערמאָנט זיך, ווי עס האָט אים געמאַטערט, עפּעס אַ מאָדנעם ווייטיק האָט ער געהאַט, וואָס האָט אים לאַנג, לאַנג ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אומקומען, ניט אויסהאַלטן. ער האָט גאָרניט געגלויבט, אַז ער וועט זיך אַמאָל באַרויקן, פֿאַרגעסן אין דעם.

צום גרויסן ווייטיק, וואָס ער האָט געהאַט, האָט זיך אים נאָך גע־דאַכט, אַז עס איז עפּעס ניט שיין אויך — אַזוי געפֿאַלן איז ער ביי זיך געווען. ער געדענקט, אַז אַ שטיק צייט האָט ער זיך געשעמט צו ווייזן דאָס פּנים פֿאַר מענטשן, פּונקט ווי ער וואָלט באַגאַנגען דעם ערגסטן פֿאַרברעכן. אַז אַ באַקאַנטער האָט אים געטראָפֿן, האָט ער זיך פֿאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איצט הויבט אים ניט אָן צו אַרן. יאָ גע־האַט, ניט געהאַט, אַזוי ווי קיינמאָל גאָרניט.

וואָס עס אַרט אים יאָ איז וואָס ער דאַרף איצט, אויף די עלטערע יאָרן זוכן צו פֿאַרדינען פֿאַר זיך אַ פּאָר דאָלאַר אויף צום לעבן.

געשעפֿטן, הייזער, געלט, פֿאַרמעגן, טומל, רעש—צו וואָס טויג דאָס אַלץ? אויף כּפּרות דאַרף מען עס! — האָט מאָריס געטראַכט.

ווער ווייסט ווי לאַנג מאָריס וואָלט נאָך אַזוי געווען געזעסן ביים ברעג ים און געטראַכט פֿון זיין לעבן, ווען דער מאַן, וואָס פֿאַרדינגט שטולן, וואָלט ניט צוגעקומען צו אים בעטן ער זאָל אים אַוועקגעבן דעם שטול, ווייל עס איז שוין שפּעט און ער דאַרף אויפֿראַמען אויף ביינאַכט.

בישט ווייט, איינגעגראָבן אין זאַמד, זיינען געלעגן דער בחור מיטן מיידל, וואָס האָבן פֿריער אַזוי שטאַרק געלאַכט.

אַ קיל ווינטל האָט דעם הייסן טאָג פֿאַריאָגט.

די זון האָט זיך שוין געטובלט אין ים. בלויז אַ שטיקעלע, ווי אַ

בעלא גאָלדווירט

גאָלדענער ראַנד פון אַ טעלער, האָט פון וואַסער זיך אַרויסגעזען, און מיט פלאַמען געצונדן דעם הימל־ברעג.

אין דער הויך האָט אַ פאַרבלייכטע, האַלבע לבנה אָנגעהויבן אַרויס־שווימען. און דאָס יונגע פאָרל האָט זיך געבאָדן אין די שיינקייטן פון ברעג ים.

אַ נייער מאַנטל

זייער זעלטן קומט ראָזע באַלד נאָך דער אַרבעט אַהיים. זי האָט פיינט צו זיין אַליין מיט די פיר ווענט. אַז ס׳מאַכט זיך אַמאָל, וואָס זי בלייבט אַ גאַנצן אויפדערנאַכט ביי זיך אין צימער, איז איר שרעקלעך לאַנגווייליק. זי האָט ליב צו זיין צווישן מענטשן און נעמען אַן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. גייט זי אין די אָוונטן גאַנץ אָפט צו מיטינגען און לעקציעס.

כאָטש ראָזע איז שוין נאָענט צו די פערציק יאָר, האָט זי נאָך אַלץ ניט שלום געמאַכט מיטן שיקזאַל פון איר מיידלשן לעבן. זי קומט אהיים, האָט זי ניט צו וועמען אַ וואָרט אויסצורידן, מיט וועמען זיך צו טיילן מיט אירע געדאַנקען און איינדרוקן. ווערט איר שווער אויף דער נשמה, זי דערפילט זיך איינזאַם און אַ ביטערקייט פאַרגיסט איר לעבן.

שבת־נאַכט איז זי אַ באַרעגנטע אַריין אין הויז. זי האָט שנעל אויסגעטאָן איר נייעם קאַראַקולענעם מאַנטל און אים אויפגעהאַנגען אויף דער עטוואָס־אָפּגעשפּאַרטער טיר פון איר צימער ער זאָל זיך אָפּטריקענען. קיינער פון דער פאַמיליע, ביי וועמען ראָזע האָט געוואוינט, איז ניט געווען אין הויז. אַ פינצטערניש האָט אַרויסגעשפּאַרט פון אַלע צימערן. דורך דער שפּאַרע פון דער עטוואָס אָפענער טיר האָט די פינצטערניש אַריינגעדרונגען אין ראָזעס צימער אַריין.

ס׳איז נאָך גאָר פרי, אין סאַמע אָנהויב פונעם אָוונט. דאָך פילט זיך אַ פוסטקייט אין גאַנצן אַרום. אָט־די פוסטקייט האָט עפּעס מאָדנע געצויגן ראָזעס האַרץ: אויפגעפרישט אין איר אַ סך פאַרגאַנגענע ווייטיקן, דערמאָנט איר אין פאַרשיידענע חטאים און עוולות, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן. זי האָט אַרויסגעריסן פון אירע טיפסטע טיפענישן אַלע פאַרבאַרגענע סודות און אַריינגעיאָגט אין איר האַרצן אַריין אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט.

פונקט דעם אָוונט האָט ראָזע אינערגעץ ניט געזאָלט גיין. אַפילו ווען עס וואָלט ניט גערעגנט, וואָלט זי אויך געבליבן אין דער היים. ווייל שבת־נאַכט האָט זי פיינט צו גיין אַליין פאַרברענגען. און איר פריינדין סערע, מיט וועמען זי פאַרברענגט צוממיינסטן אירע שבתים, איז דעם

בעלאַ גאָלדוּוירט

אָוונט געגאַנגען באַגעגענען אַ בחור, מיט וועלכן זי האָט זיך ניט לאַנג באַקענט.

ראָזע טוט אויס איר נייעם הוט, מיט וועלכן זי האָט זיך אַ שטיק צייט אַרומגעדרייט אין צימער. זי גייט צו צום שפּיגל אַ קוק טאָן, צי איר פריזור, וואָס מען האָט איר אין דער פרי געמאַכט אין שיינהייט־סאַלאָן, איז פון רעגן ניט קאַליע געוואָרן. די איינציקע אָראַפּגעפאַלענע האָר נעמט זי אָן מיט אירע לאַנגע, דינע פינגער און לייגט זיי אַרויף אויפן געמאַכטן וואַליק, וואָס איז ווי אַ בייגל געלעגן אויפן קאָפּ. פאַרנט זיי־נען אין דעם האָר־בייגל געווען צוויי טיפע קאַרבן. אויף איין זייט שטערן האָבן זיך די האָר אָפּגעטיילט מיט קנייטשן־גריבלעך אין בייגל אַריין מיט אַזאַ פיינער קינסטלערישער פאַרוויקלונג, וואָס האָט אויסגעזען, ווי קנייטשן פון געטריקנטע פייגן.

אָט־די פריזור האָט זי ספּעציעל געלאָזט מאַכן צוליב דעם נייעם מאַנטל, וואָס זי איז געגאַנגען דאָס ערשטע מאָל אָנטאָן.

זי גלעט דעם האָר־בייגל און באַטראַכט אירע נאָך אַלץ געדיכטע האָר, וואָס זיינען אַמאָל געווען בלאָנד און איצט זיינען זיי שוין כמעט איינגאַנצן גרוי. זי באַמערקט אין שפּיגל, אַז אַרום אירע טונקל־גרינלע־כע נאָך אַלץ פינקלדיקע אויגן, זיינען לעצטנס די קנייטשן אַ סך טיפער און געדיכטער געוואָרן. אויף איר האַלדז האָבן זיך אָנגעזאַמלט מחנות קנייטשעלעך, און די גאַנצע הויט איז ביי איר אַנדערש געוואָרן. איר אַמאָליק ווייס־ראָזלעך פּנים האָט איצט אַ געלבלעכן אויסזען, ווי בלומען־בלעטער ווען זיי הויבן אָן וויאַנען.

אַ טיפער זיפץ רייסט זיך פון איר אַרויס.

— אַ פרוי אין מיינע יאָרן, וואָס האָט אַ מאַן מיט קינדער, בליט אין דעם עלטער, ווי אַ שיינע בלום. דאָס איז דאָך די רייפסטע און די שענ־סטע צייט ביי אַ פרוי, — האָט געטראַכט ראָזע און באַדויערט ווייטיקדיק, וואָס זי איז פאַר דער צייט פאַרעלטערט געוואָרן.

אירע בליקן פאַלן אין שפּיגל אויף איר מיטלוואוקסיקן, דינעם שייך־פאָרמירטן קערפּער. אַ געפיל פון צופרידנקייט נעמט זי אַרום. איר דוכט זיך, אַז די פיגור האַלט נאָך אָן איר יוגנטלעכן אויסזען.

זי האָט מיט די הענט אַ גלעט געטאָן אירע קליינע פולע ברוסטן. די באַרירונג האָט אין איר אויפגעוועקט אַ יוגנט־געפיל, אַ בענקשאַפט נאָך צערטלעכקייט, נאָך אַ מענלעכער באַרירונג.

זי האָט געזען, אַז אין אירע אויגן פינקלט נאָך אַ פייערל, וואָס קאָן

ניט אויסגעלאָשן ווערן. פון צייט־צו־צייט כאַפּט זיך נאָך צו איר אַריין אַ האָפענונג, אַז מיט דעם פּייערל וועט זי נאָך אַמאָל דערוואַרעמען עמיצנס אַ האַרץ, גליענדיק אָנצינדן פרייד אין אַן אויסגעלאָשענער נשמה, און זעטיקן מיט ליבשאַפט, ברענגען גליק צו אַ מאַן.

ווען די רגע פון האָפענונג איז ביי איר פאַרשוואונדן, איז איר שטאַרק אומעטיק געוואָרן.

ס׳זיינען איר געקומען אויפן זינען ווערטלעך און גראָבע וויצן, וואָס ווערן באַנוצט אויפן חשבון פון פאַרזעסענע מיידלעך. אַז עפּעס קוקט אויס מיאוס, אָפּגעבליאַקעוועט און אויסגעקראָכן, פאַרגלייכט מען דאָס מיט „אַן אַלטע מויד”. און יעדעס מאָל, וואָס זי הערט דאָס וואָרט: „אַלטע מויד”, גיט איר אַ שניט אין האַרץ.

זי האָט זיך פּלוצלינג דערפילט מינדערוויכטיק, ווי זי וואָלט געווען אַ פאַראורטיילטע פאַר אַ זינד, וואָס זי דאַרף זיך שעמען דערפאַר.

זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער אָטעם האָט ביי איר אָפּגעריסן אַ שטיק האַרץ און געלאָזט דאָס שטעקן אין האַלדז דערשטיקט צו ווערן.

זי האָט זיך אויסגעדרייט פון שפּיגל און אַ קוק געטאָן מיט עפּעס אַ מאָדנעם געפיל אויף איר נייעם, קאָסטבאַרן מאַנטל. אין דעם קוק איז געווען אַ טענה, ווי דער מאַנטל וואָלט זי מיט עפּעס אָפּגענאַרט, ווי ער וואָלט איר צוגעזאָגט אויסצופילן די ליידיקייט פון איר אייב־זאַמען לעבן, איר שענקען אויפמערקזאַמקייט, מענלעכע צאַרטקייט, אָנזעטיקן זי מיט מאַמע־געפילן, מיטן גליק פון קינדער־געבורט און מיטן נחת פון קינדער־האָדעוואַניע. ס׳איז געווען אַ מין אַנטוישונג־־געפיל, ווי דער מאַנטל וואָלט איר צוגעזאָגט צו ברענגען די פרייד פון אַן אייגענער היים, באַרייכערט ווערן מיט נייע פריינט און די צעשטרייאונג פון צוגרייטן פיינע מאכלים פאַר געסט, ווי עס טוען דאָס די פרויען, וואָס פירן אַ פאַמיליע־לעבן.

זי האָט געקוקט אויף די גלאַנציקע, ווי פאַהלעך געוויקלטע קרייזע־לעך פון דעם קאַראַקול און געטראַכט:

— וועמען גייט עס אָן, ווי אַזוי און וואָס איך גיי אָנגעטאָן?

ווען די באַלעבאָסטע (וואו זי וואוינט) האָט צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן אַזאַ מאַנטל — אָך, האָבן דאָס דער מאַן מיט די קינדער דער־פון אָנגעקוואָלן! וויפיל וואַרעמע אויגן ס׳האָבן אויף איר געקוקט! מיט וואָס פאַראַ ליבע בליקן מען האָט זי באַטראַכט, מיט וויפיל פרייד מען האָט זי אַרומגענומען.

בעלא גאָלדווירט

— און מיין פריינדין קלאַרע מיט איר מאַן האָבן זיך אַפילו רעכט ניט אומגעקוקט, ווען איך בין פריער ביי זיי געווען מיט מיין נייעם מאַנטל.

— ס'איז גאַנץ שיין, — האָט קלאַרע, ווי פון יוצא וועגן געזאָגט. און ער, דער מאַן אירער, האָט אַפילו דאָס אויך ניט געזאָגט. זיין גאַנצער געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיטן קליידל, וואָס ער האָט געבראַכט פון שאַפּ, וואו ער אַרבעט. באַלד ווי זי איז אַריינגעקומען, האָט ער אַרויסגע־כאַפּט דאָס קליידל און מיטן הענגער דאָס געהאַלטן אַנטקעגן ראָזען און זי געפרעגט:

— ווי געפעלט דיר עפּעס דער סטייל (די מאָדע) ? גיב נאָר אַ קוק, ווי עס איז אָפּגעאַרבעט — האָט ער געזאָגט — און זע נאָר ווי די פעל־בעלעך ליגן, און ווי אַזוי עס איז געמאַכט ביים האַלדז ! דו דאַרפסט זען, ווי שיין עס פּאַסט איר ! — האָט ער מיט גרויס צופרידנקייט געזאָגט און אַ רוף געטאָן זיין ווייב.

— קלאַרע ! טו נאָר אָן דאָס קליידל, וועט ראָזע זען, ווי שיין עס איז אויף דיר.

און קלאַרע האָט מיט טריאומפירנדיקן גליק אַרויסגענומען דאָס קליידל פון איר מאַנס הענט צום אָנטאָן. ראָזע האָט באַטראַכט מיט וואָס פּאַראַ ליבשאַפט ער האָט איר צוגעשפיליעט די קנעפּעלעך ביי דער זייט, פאַרמאַכט דאָס פּאַסיקל און דאָס אָנגעשטעלט פונקט אין דער טאַליע און דערנאָך האָט ער זי פון אַלע זייטן באַקוקט און אָנגעקוואָלן, ווי שיין זיין קלאַרע זעט אויס אין דעם נייעם קליידל.

— גליקלעכע מענטשן — האָט ראָזע געטראַכט. און דאָס האַרץ איז ביי איר נאָך מער אויסגעהוילט געוואָרן און נאָך שאַרפער האָט זי געפילט די ליידיקייט.

זי האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי זי האָט זיך געגרייט אויסצופּוצן אין איר רייכן שטאָט. וואָס פאַר אַ טרוימען עס האָבן זיך געוועבט אין איר קאָפּ ! איינמאָל האָט זיך אַפילו איר געחלומט, אַז זי שפּאַצירט מיט אַ פיינעם יונגנמאַן און ער שלאָגט איר פאָר זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. זי האָט דערנאָך געמאַכט פּלענער ווי אַזוי איינצואָרדענען איר פאַרהיי־ראַטן לעבן. נאָר ווען זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ טרוים, האָט זי זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט. אָבער די פרייד איז פון איר אַ צייט ניט פאַרשוואונדן. די אַרבעט איז איר דעמאָלט גאָר לי־בער געווען, זי האָט זיך דערפילט מונטערער און פרישער, גלייך ווי איר

אַ נייער מאַנטל

יוגנט וואָלט זיך צו איר צוריק אומגעקערט.

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי לאַנג זי האָט זיך געיישובט, צי זי זאָל מאַכן דעם קאַראַקולענעם מאַנטל. עס איז איר געווען שווער ביי זיך פועלן אַרויסצונעמען אויף אַמאָל אַזויפיל געלט, וואָס זי האָט דורך לאַנגע יאָרן אָפּגעשפּאָרט פון שטעפּן קליידלעך.

זיצנדיק ביי דער מאַשין, האָט זי ניט איינמאָל געמאַכט אַ חשבון פון אירע יאָרן. אַלעמאָל איז זי געקומען צום זעלבן שלוס, אַז זי האָט גע־האָט גאָר ווייניק פרייד אין איר לעבן, און ביי זיך אַליין געפרעגט:

— וואָס האָב איך פון מיין האָרעוואַניע, פון די אָוועקגעגעבענע צוויי צענדליק יאָר אין די שעפּער? פריער, פאַר דער מלחמה, האָב איך כאָטש געוואוסט, אַז פון מיין אַרבעט האַלט איך אויף דאָס לעבן פון מיין קראַנקן טאַטן, העלף אַרויס מיט אַ פּאָר דאָלער מיין אָרעמע שוועסטער אין דער אַלטער היים. אָבער איצט, אַז יעדער שפּור פון די נאָענטע אויף יענער זייט ים איז פאַרשוואונדן, וועמען־זשע האָב איך צו פאַרזאָרגן?

— היינטיקע צייט קאָן מען זיך סיי־ווי־סיי מיט קיין שום זאַך ניט פאַרזאָרגן, — פלעגט זי צו זיך אַליין נאָך זאָגן, פונקט ווי זי וואָלט גע־וואָלט זיך אַליין איינריידן, אַז זי איז באַרעכטיקט צו האָבן אַ פיין מלבוש, אַז עס דאַרף איר ניט זיין קיין שאָד אויסצוגעבן פאַר זיך דאָס געלט צו האָבן אַביסל פאַרגעניגן.

— נו, איצט האָב איך שוין דעם מאַנטל, — האָט זי שטיל אַ שעפּ־טשע געטאָן, ווי עס וואָלט איר פאַרדראָסן אויף דער גאַנצער מעשה. זי האָט דערפילט דעם זעלבן לאַנגווייל, דיזעלבע ליידיקייט און פוסטקייט, ווי אַלעמאָל, ווען זי איז אַליין, ווען זי טראַכט וועגן איר עלנטקייט און איינזאַמקייט.

— סערע איז היינט געגאַנגען פאַרברענגען מיט אַ בחור — האָט ראָזע, מיט בענקשאַפט צו איר פריינדין, זיך דערמאָנט. — זאָל זי גיין מיט אים געזונטערהייט, הלוואַי זאָל צווישן זיי געשלאָסן ווערן אַ שידוך — האָט זי אין האַרצן געוואונטשן איר פריינדין.

און אין דערזעלבער צייט האָט זי איבערגעלעבט אַ געפיל פון מורא. טאָמער וועט סערע זיך טאַקע פאַרבינדן מיטן בחור, וועט זי שוין בלייבן איינע אַליין, ניט האָבן מיט וועמען אַמאָל ערגעץ גיין פאַרברענגען. און זי האָט דערפילט נאָך מער ווי אַלעמאָל די בענקשאַפט נאָך אַ נאָענטן מענטש, אַ ליבן מאַן. זי האָט געוואָלט פילן, אַז זי איז ביי עמיצן חשוב

און באַליבט, אַז זי האָט מיט וועמען צו טיילן אירע געפילן, אירע ליידן און פריידן.

— אַליין קאָן מען זיך ניט פרייען, — האָט זי שטיל צו זיך געזאָגט.

ס'איז איר געקומען אויפן זינען דער בחור וועמען זי האָט אַמאָל ליב געהאַט. ער האָט זי אויך ליב געהאַט, נאָר ער האָט מורא געהאַט צו הייראַטן, ווייל ער האָט ניט גענוג פאַרדינט.

— אפשר איז עס מיין אייגענע שולד, וואָס מיר האָבן ניט געהייראַט? אפשר האָב איך אים ניט גענוג איבערצייגט, אַז איך בין וויליק גלייך מיט אים צו אַרבעטן, אַבי מיר זאָלן זיין צוזאַמען? — האָט זי זיך אַליין גע־מוסרט, פאַרגעוואָרפן.

פלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף זיך צוגרייטן פאַר מאָרגןביים לייען־קרייז, וואו זי איז אָנגעשלאָסן, פאַרצולייענען „די רויז" פון י. ל. פרץ. זי איז צוגעגאַנגען צום בוך־שענקל אין איר צימער, אויסגע־זוכט דעם באַנד, וואָס זי האָט געדאַרפט, און אָנגעהויבן לייענען „די רויז".

זי איז צוגעקומען צו די ווערטער, אַז צו זיין גליקלעך מוז מען זיין באַהעפט מיט עמיצנס אַ ברוסט. און די, וואָס זיינען פריילעכע, גליק־לעכע, האָט זי ווייטער געלייענט, זיינען מיט רויזן אויפן האַרץ . . .

— פרץ האָט ניט געמיינט קיין רויז, וואָס וואַקסט אין גאָרטן — האָט זי געטראַכט. ער האָט געמיינט אַזעלכע עלנטע, פאַרזעסענע מייד־לעך, ווי איך בין.

זי האָט ווייטער געלייענט און ס'האָט זיך איר נאָך מער געדאַכט, אַז אַלץ, וואָס פרץ האָט געשריבן וועגן דער רויז, איז עס גאָר וועגן איר. ער האָט אַרויסגעלייענט אירע געפילן, אירע איבערלעבונגען און זיי צו־געשריבן יענער איינזאַמער, פאַרשפעטיקטער, פאַרלאָזענער רויז. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער האָט איבערגעפלאַנצט איר שיקזאַל אין יענער בלום.

נאָכן לייענען האָט זי געהאַט אַ טיפן באַדויער־געפיל. נאָר זי האָט ניט געוואוסט אויף וועמען זי האָט רחמנות, צי אויף דער רויז, וואָס פרץ האָט באַשריבן, צי אויף זיך. זי האָט זיך אין הויז קיין אָרט ניט געפונען. זי האָט געפילט, אַז זי מוז אַרויסגיין, אַז זי מוז מיט עפעס איבעררייסן אי־רע געדאַנקען, די שווערע שטימונג.

זי האָט מיט אימפעט אַראָפּגעכאַפּט דעם קאַראַקולענעם מאַנטל פון דער טיר, אים שנעל אָנגעטאָן און איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטע:

— וואוהין זאָל איך גיין? אין אַ מאָווי? צו וואָס־זשע דאַרף איך

אַ נייער מאַנטל

דעם טייערן מאַנטל, אַז איך גיי זיך אַריינזעצן אין אַ מוֹאוּוי איינע אַליין?

— איך האָב אים אינגאַנצן ניט געדאַרפט — האָט אַ חרטה דורכגע־בליצט אין איר געדאַנק.

זי האָט מיט אויפרעגונג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פוטערנעם מאַנטל, אַרויסגענומען פון קליידער־שראַנק איר אַלטן ספּאָרט־מאַנטל און איז אַוועק.

דער נייער מאַנטל איז געבליבן הענגען אויפן העלצל, ווי אַ באַליי־דיקטער, אַ פאַרשעמטער.

אייגענע

לאהקע האָט זיך אָפּטמאָל פאַר זיך אַליין פאַרשעמט, פאַרוואָס ס'האָט זיך צו איר אַריינגעכאַפּט אַזאַ פאַסקודנער געפיל צו איר פוילישער שכנה. זי ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס זי מיידט אויס מיט איר צו רעדן און זי וויל אויף קיין פאַל ניט ווערן מיט איר היימיש.

אייגנטלעך האָט זי די גאַנצע עטלעכע חדשים קיין שום שלעכטס פון דער קריסטין ניט געזען. און לאהקע ווייסט גאַנץ גוט, אַז ניט אַלע פאַליאַקן זיינען אַנטיסעמיטן. זי ווייסט, אַז ס'זיינען אַלע מאָל געווען פאַליאַקן, וואָס האָבן זיך ניט איינמאָל איינגעשטעלט פאַר אַ יידן און ניט איינמאָל פאַרהיט יידן פון קלעפּ און אומגליקן. נאָר ווער ווייסט ווער די שכנה אירע איז? אפשר איז זי פון די, וואָס וואָלטן וועלן זען אַ יידן זיך טרינקען אין אַ לעפל וואַסער? — האָט זיך לאהקע געטראַכט.

זי איז אַפילו ניט צופרידן געווען, וואָס איר מיידעלע שפּילט זיך מיט דער שכנהס מיידעלע. זי האָט מורא געהאַט דאָס פוילישע מיידעלע זאָל אַמאָל אין אַ קריגעריי ניט באַליידיקן איר קינד, ווי ס'פלעגן דאָס טאָן אָפּטמאָל די פוילישע קינדער אין פוילן, ווען זיי האָבן זיך געשפּילט מיט יידישע.

לאהקען קאָן ניט אַרויס פון קאָפּ אַ סצענע, וואָס זי האָט געזען אין אַ ברויט־ריי נאָך אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מען האָט דעמאָלט צוגעטיילט אויף קאַרטן דאָס שטיקל ברויט, און כדי עס צו קריגן האָט מען געמוזט זיך אָוועקשטעלן אין מיטן דער נאַכט אין דער ריי און וואַרטן ביז אַרום צען, עלף אין דער פרי, ווען מען האָט געעפנט דאָס געוועלב. די וואָס זיינען געקומען שפּעט און זיינען געשטאַנען ווייט פון דער טיר, זיינען צום מייסטן אַוועק מיט גאַרניט. ס'איז קיינמאָל ניט געווען גענוג ברויט אַלעמען צוצוטיילן, ס'האָט אַלע מאָל אויסגעפעלט. איינמאָל איז צוגעקומען אַ פוילִיש ייִנגל פון אַ יאָר צען אָדער צוועלף, ווען מען איז שוין באַלד געגאַנגען עפענען דאָס געוועלב אַרויסצוגעבן דאָס ברויט. די ריי איז געווען זייער אַ לאַנגע. ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט זיך שטעלן פון הינטן, וועט ער זיכער ניט האָבן קיין ברויט. די דריטע פון דער טיר איז געווען אַ יידישע פרוי. זי איז געווען באַדעקט מיט אַ דיקן שניי, וואָס איז אויף איר געפאַלן נאָך פון מיטן דער נאַכט אָן. איז אים איינגעפאַלן אַרויסצוואַרפן די פרוי פון דער ריי, כדי

א י י ג ע נ ע

ער זאָל זיך קאָנען אַריינשטעלן אויף איר אָרט. ער האָט אָנגעהויבן רייסן פון איר שטיקער. ער האָט פון איר אַראָפּגעריסן די פּאַטשיילע, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ. ער האָט זי געריסן ביי די האָר, צעריסן אויף איר די קליידער. און אַזוי לאַנג זי געשטופּט און געשטויסן ביז ער האָט זי אַרויסגעוואָרפן פון דער ריי און ער האָט זיך אַריינגעשטעלט.

און קיין איינער פון די צענדליקער מענער און פרויען, וואָס זיינען דאָרטן געשטאַנען האָט ניט געעפנט דאָס מויל; קיינער האָט ניט געזאָגט צום פּוילישן ייִנגל, אַז ער איז באַגאַנגען אַן אומרעכט, אַ פאַרברעכן, קיינער האָט אים ניט געפרעגט פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן.

פאַרקערט: ווען די פרוי איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער ריי, האָט זי זיך מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אַ געשריי געטאָן:

— וויי איז מיר! ווי אַזוי וועל איך אַהיימקומען צו מיינע הונגעריקע קינדער אָן אַ שטיקל ברויט?! האָבן נאָך פּאָליאַקן פון דער ריי זיך צעלאַכט אויפן קול.

אָט דאָס בילד קאָן לאהקע נישט פאַרגעסן.

:: :: ::

לאַנגע יאָרן איז לאהקע געווען אַקטיוו אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, זיך אַזוי גוט איינגעלעבט מיט די חברטעס און חברים פון איר ברענטש, ווי זיי וואָלטן געווען אירע לייבלעכע שוועסטער און ברידער. ווען ס'האָט געטראָפן דער אומגליק מיט איר מאַן, וואָס די סטאָליאַרסקע מאַשין האָט ביי אים פון דער האַנט אָפּגעריסן דריי פינגער, האָבן די חברים זייער אַ סך געהאָלפן; זיי האָבן מיטגעפילט און מיטגעליטן. ווען איר מאַן האָט שוין מער ביי סטאָלעריי ניט געקאָנט אַרבעטן, האָבן זיך די חברים צווישן זיך צונויפגעלייגט, געשאַפן אַביסל געלט און אים געקויפט אַ האַנט־וועשעריי, אַז לאהקע און איר מאַן מיט זייערע דריי קינדער זאָלן האָבן פון וואַנען צו לעבן.

נאָכדעם איז לאהקע געוואָרן אָפּגעריסן פון אַלץ, וואָס עס איז איר געווען נאָענט, ליב און טייער. פריער פלעגט די קליינינקע, מאָגערע לאהקע ביי אַלע ברענטש־אונטערנעמונגען אַרומלויפן, ווי אַ קוועקזילבער. איז אַן אונטערנעמונג געווען דערפאָלגרייך, פלעגט לאהקעס טונקל, לענגלעכדיק, גוטמוטיק און שטענדיק שמייכלענדיק פּנים אויפלויכטן פון פרייד; אירע שוואַרצע גרויסע אויגן פלעגן ביי איר נאָך גרעסער ווערן און זיך צעגלאַנצן.

זי האָט זיך אָבער מיט אַלעמען געדאַרפט צעשיידן, זיך אַוועקציען אין אַ פרעמדן, פאַרוואָרפענעם געגנט. איז איר שטאַרק אומעטיק

בעלא גאָלדווירט

און זי בענקט נאָך אירע פריינט און חברים.

:: :: ::

די פוילישע שכנה איז זיך שטיל און געלאָסן אַרומגעגאַנגען איבער אירע צימערן: געוואַשן, געראָמט און רואיק געטאָן איר הויז־אַרבעט. זי איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אין אַ זויבער, שטייף־אָנגעקראָכמאַליעט פאַרטעכל. איר דין ווייס־ראָזלעך פּנים איז אַלע מאָל געווען ערנסט, ווי זי וואָלט שטענדיק וועגן עפּעס וויכטיקעס געטראַכט. אירע לאַנגע בלאָנדע האָר האָט זי איבערגעטיילט אין דער סאַמע מיט, מיט אַ שרונט, פאַרפלאָכטן צוויי צעפּ און פאַרלייגט נידעריק אויפן קאַרק אַ גרויסן גרעק.

אירע העל־גרויע, ווייכע אויגן פלעגן זיך אַמאָל באַגעגענען דורך די פענצטער מיט לאהקעס שוואַרצע אומצופרידענע אויגן. זי האָט דערפילט לאהקעס קאַלטע בליקן, פלעגט זי אָוועקדרייען דעם קאָפּ, ווי נים איר מיינט מען.

:: :: ::

זינט לאהקע האָט געקויפט די וועשעריי איז זי געווען זייער פאַרהאָרעוועט. אַ חוץ וואָס זי האָט געדאַרפט פירן די ווירטשאַפט, האָדעווען אירע דריי קינדער, האָט זי גאַנצע טעג געאַרבעט אין דער וועשעריי. די שמוציקע וועש, וואָס דער מאַן אירער האָט געבראַכט צו פירן מיטן וועגעלע, האָט זי געציילט, געצייכנט, געוואַשן, געפּרעסט, אָפּטמאָל עפּעס צוגעניים און געפּאַקט. זי האָט אַפילו קיין צייט ניט געהאַט אין אַ צייטונג אַריינקוקן. ווען עס וואָלט אין דער דערבייאיקער פּריוואַטער הייזקע, וואו די פענצטער זיינען אַזוי נאָענט צו אירע, כאָטש געוואוינט עפּעס אַן אייגענער מענטש, זי זאָל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן — האָט זיך לאהקע געטראַכט — וואָלט זי זיך פּשוט מחיה געווען.

דער דרויסן האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט פרילינג. לאהקען איז עפּעס פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן. זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אין גיכן וועט זיין דער ערשטער מאַי. איר פּנים האָט אויפגעלויכטן. דער ערשטער מאַי איז ביי איר שטענדיק אַ גרויסער יום־טוב. און דעם יאָר וועט זי אויך ניט זיצן אין דער היים. זי וועט איבערלאָזן אַלע אַרבעטן, דער מאַן וועט מוזן אַליין בלייבן אין דער וועשעריי, און זי וועט גיין צום מאַי־פּאַראַד. לאהקע איז געווען געוואוינט יעדן יאָר צו מאַרשירן. נאָר דעם יאָר האָט זי באַשלאָסן צו שטיין אויפן טראָטואַר, באַטראַכטן דעם גאַנצן מאַרש, און אָפּזוכן אירע אַלטע גוטע פריינט, נאָך וועלכע זי הערט ניט אויף צו בענקען.

א י י ג ע נ ע

און אָט איז שוין דער ערשטער מאַי. לאהקע האָט זיך באַלד איינ־דערפרי אויסגעפּוצט און איז אַוועק אויף דעם אָרט וואו עס האָט זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן. ווי זי איז נאָר צוגעקומען צום אָרט, האָט זי דערזען אירע פּוילישע שכנים שטיין אין דער ריי צו מאַרשירן. דער שכן גייט אָנגעטאָן אַן אַי־דאָבליו־אָ היטעלע, דאָס מיידעלע זייערס האַלט אַן ערשטער מאַי פענדל, און די שכנה האַלט אַ פּלאַקאַט מיט אַן אויפשריפט: „נידער מיטן אַנטיסעמיטיזם!".

לאהקע האָט דערפילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין. זי האָט אַליין ניט געוואוסט, פאַרוואָס זי איז רויט געוואָרן — צי פון פרייד, צי פון שאַנדע דערפאַר, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט געהאַט צו אירע שכנים אַזאַ פאַסקודנעם געפיל.

זי איז צו זיי צוגעגאַנגען און האָט אַלע דריי וואַרעם און האַרציק געדריקט די הענט. זי האָט אויף פּויליש געזאָגט זיי „גוט־מאָרגן". זי האָט דערפילט אַ טיפע אינערלעכע פרייד, פּונקט ווי זי וואָלט זיך באַגעגנט מיט גאָר נאָענטע קרובים, וואָס זי האָט אַ לאַנגע צייט ניט געזען. די שכנים האָבן פריינטלעך, מיט אַ יום־טובדיקן שמייכל אויף די ליפּן איר געענטפערט „גוט־מאָרגן!" „גוט מאָרגן!"

לאהקע האָט מיט אירע שכנים באַלד פאַרפירט אַ שמועס וועגן פאַרשיידענע זאַכן, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אַלטע באַקאַנטע, פון לאַנג שוין גוטע פריינט. זי איז שוין פון זיי ניט אָפּגעטראָטן אויף קיין איין מינוט. זיי האָבן צוזאַמען מאַרשירט דעם גאַנצן וועג.

ביינאַכט איז לאהקע אַהיימגעקומען אַן אויפגעלעבטע, אַ פריילעכע און זייער אַ צופרידענע פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש. זי האָט באַלד דערציילט איר מאַן פון דער פרייד, אַז די שכנים פון דער פּריוואַטער הייזקע זיינען אייגענע מענטשן, אונדזערע מענטשן.

פרייד

מיסעס קיידי קופּער איז אַ פּשוטע פרוי, קוים וואָס זי קאָן אויסקראַצן מיט דער פּען איר נאָמען.

דאָס לעבן מיט איר מאַן איז קיינמאָל ניט געווען צו יום־טובדיק. זינט ער האָט זיך אין די מלחמה־יאָרן אַרויפגעאַרבעט, מיידט ער גאָר אויס צו גיין פאַרברענגען מיט איר.

נאָכן חתונה מאַכן איר איינציקן זון און ביידע טעכטער, איז מיסעס קופּער נאָך אַלץ אַ פרוי ערשט נאָר־וואָס אַריין אין די פופציקער, און זי פילט, אַז זי קאָן נאָך אויפטאָן אַ וועלט.

געלט גיט איר דער מאַן גראָד גענוג. עס פעלט איר ניט גאָט צו דאַנקען דער דאָלער. אַלע וואָך קומט אַריין אַ נעגער־מיידל אויפראָמען דאָס הויז, האָט זי אַליין שוין ווייניק וואָס צו טאָן.

יעדן אינדערפרי דרייט זי זיך אַרום אין איר מאָרגן־ראָק און שטעק־שיך, נעמט אַ שפּאַציר איבערן קאָרידאָר, קוקט אַריין אין יעדן פון די פינף צימערן, ווי זי וואָלט געזוכט, געוואָלט עמיצן זען. אָפטמאָל שטעלט זי זיך אָפּ אין דער האַלב־אָפענער טיר פון די טעכטערס צימער. אַלץ איז פונקט ווי נעכטן און אייערנעכטן. זי דרייט זיך אויס, שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין צימער, וואו דער זון איז געשלאָפן: — ס'איז אויפגעראָמט, ציכ־טיק, נישטאָ ווער זאָל אָנוואַרפן, אָנרויכערן. נישטאָ קיין צייטונגען אויפ־צוקלייבן.

אַמאָל עפנט זי אויף דעם קינדער־שראַנק, וואָס פלעגט זיין געפּאַקט מיט קליידער, קוקט אַריין אין דער ליידיקייט, נעמט אַרויס אַ ליידיקן הענגער, פאַרטשעפּעט אים אויף אַן אַנדער אָרט, צו דערהערן אַ רודער, ווייל פון דער שטילקייט, וואָס רוט און אַן אַן איבעררייס, ווערט איר אַמאָל קאַלעמוטנע אויף דער נשמה.

זי גייט אָפּט אַרום מיט אַ שמאַטע אין האַנט, ווישט די ניט־פאַר־שטויבטע מעבל. דאָ רוקט זי איבער אַ צאַצקע, דאָרט אַן אַש־שיסעלע, און שטעלט דאָס צוריק אויפן זעלבן אָרט. אָבער נאָך דער אַרבעט איז נאָך אַלץ פרי.

פונקט איז איר באַשערט, אַז ביידע טעכטער זאָלן וואוינען אין אַן אַנדער שטאָט, און צום זון וואָס וואוינט גראָד ניט ווייט פון איר, וויל זי ניט גיין צו אָפט, זי זאָל זיך ניט פאַרמיאוסן ביי דער שנור.

פרייד

אַז דער הימל איז אַ לויטערער, גייט זי אַראָפּ אין דערבייאיקן פּאַרק, וואַרעמט זיך עטלעכע שעה אונטער דער זון און טראַכט דאָרט, ווי ענלעך עס איז איין טאָג אויפן צווייטן, און כמעט אַלע יאָרן גייען מיטן זעלבן וואָכעדיקן גאַנג. עס וועקט זיך ביי איר אַ לייכטער פאַרדראָס אויפן מאַן, פאַרוואָס ער האָט דווקא געוואָלט האָבן אַ דירה אין דעם הויז, וואו עס וואוינען כמעט גאָלע יענקיס, אַרויפגעאַרבעטע אַזוי ווי ער. מען וואוינט מיט מענטשן אַ וואַנט איבער אַ וואַנט, און איינער דעם אַנדערן קען נישט און ווייסט ניט. יעדע טיר איז אַן אָפּגעזונדערטע, אָפּגעשלאָסענע וועלט פאַר זיך. אין שלעכטע וועטערן, ווען זי קאָן ניט אַרויסגיין אין גאַס, פאַרדריסט איר שטאַרק פאַרוואָס זי וואוינט נישט אין אַן אַנדער הויז, וואו זי וואָלט געקאָנט אַריינגיין צו אַ שכנה . . .

זיצנדיק איינמאָל אין פּאַרק, האָט זי געהערט ווי איין פרוי זאָגט צו דער אַנדערער: — איר ווילט אפשר גיין מיט מיר צו אַ פּאַרטי? מיינע אַ באַקאַנטע, אַ רייכע לעידי, וויל מאַכן אַ סאָסייעטי צו העלפן טויטע.

— העלפן טויטע? — האָט די צווייטע דערשראָקן אויסגעשריען. — וואָס דאַרף אַ טויטער?

— אַז עס שטאַרבט דאָ אַן אָרעמער מענטש, וואָס האָט ניט קיינעם, ווערט אַזעלכער שלעכט באַהאַנדלט, — האָט זי איר דערקלערט. — ס'נעמט לאַנג ביז מען ברענגט אים צו קבר ישראל און ווער ווייסט וואו מען וואַרפט אים אַריין. וויל זי מען זאָל אָט־די מענטשן ניט מבייש זיין, מען זאָל מאַכן אַ לוויה און טאַקע שטעלן אַ מצבה אויך. אָט אַזאַ „סאָ־סייעטי" וויל זי און פאַר דעם צוועק מאַכט זי די „פּאַרטי".

— טאַקע ניט קיין שלעכטער געדאַנק! מען דאַרף אינזינען האָבן אויך די „פּור פּיפּל" — האָט שוין די צווייטע איינגעזען די וויכ־טיקייט דערפון.

מיסעס קופּער האָט זיך צוגערוקט צו יענער פרוי און באַשיידן גע־פרעגט:

— וואו קומט דאָס פאָר?

— אָט האָב איך אַ בילעט, אויב איר ווילט.

— טאַקע אַ גלייכע זאַך אַזאַ סאָסייעטי . . . איך וועל זיי אויך העלפן אין דער אַרבעט.

— דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט, קומען צווישן רייכע לעידיס . . . זאָל ער זען, דער מאַן אירער, אַז זי קאָן אויך עפּעס טאָן פאַר דער וועלט — האָט מיסעס קופּער געטראַכט.

אויף דער „פּאַרטי" זיינען געקומען מענער מיט געשוואָלענע, רויטע קערגער, מיט הויכע אונטער־הערצער; גוידערדיקע פרויען,

בעלא גאָלדוווירט

באַהאַנגענע מיט בליאַסקענדיקע אוירינגלעך, גלאַנציקע שפּילקעס און מיט גרויסע פּיל־שטיינערדיקע רינגען אויף פּוכיקע, גראָבע פינגער. און געזעסן איז מען דאָרט שטייף און אָנגעשטרענגט, געקוקט איינער אויפן אַנדערן מיט וואָסערע מאַניערן מען עסט, צי מען האַלט ריכטיק דאָס מעסער מיטן גאָפּל . . .

מיסעס קופּער האָט זיך צווישן די מענטשן דערפילט קאַלט, אומבאַקוועם. „ניין, די סאָסייעטי וועט איר קיין פרייד ניט געבן", — האָט זי באַלד ביי זיך באַשלאָסן. און די ליידיקע טעג האָבן זיך ביי איר ווידער אומענדלעך געצויגן.

נאָכן אָוונט־מאָלצייט גייט מיסטער סידני קופּער געוויינלעך אָוועק זיין וועג. ער האָט שוין זיינע „הענט" מיט וועמען צו שפּילן קאָרטן. שלעפּן זיך דעמאָלט ביי איר נאָך אויסגעצויגענער די פּוסטע אָוונטן, וועבן אַ לאַנגווייל, אָן אומעט און אַ בענקשאַפט צו עפּעס, וואָס זי ווייסט אַליין ניט צו וואָס.

פאַרביטערט פון דעם מאַנס באַציאונג צו איר און פרעמד פון וועלכן עס איז געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט זי ניט געוואוסט פון וואַנען צו שעפּן אַביסל פרייד.

דאָס איינציקע, וואָס זי האָט געוואוסט, איז — גיין אין די מואוויס. אָבער דאָס צו אָפטע גיין איז איר אויך געוואָרן דערעסן. ניט אַלע מואוויס האָבן איר פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

— מיטן זיצן אין דער היים און אויסקוקן דעם מאַן וועסטו גאָרנישט אויפטאָן, ניט מאַכן אינטערעסאַנטער דיין לעבן, — האָט מרס. בליי, אירע אַ פריינדינע, געזאָגט צו דער מרס. קופּער.

— פאָלג מיר, — האָט זי געזאָגט, — לערן זיך אויס האַלטן אַ קאָרט אין האַנט, וועסטו זיך אַמוזירן, וועסט האָבן פאַרגעניגן און וועסט זיך אויסלאַכן פון אים.

— ביזט אפשר טאַקע גערעכט, — האָט זי זיך פאַרטראַכט און מיסעס קופּער האָט זיך געלאָזט אָנרעדן. זי איז אַ געוויסע צייט מיטגעגאַנגען מיט איר פריינדין און האָט זיך אויסגעלערנט שפּילן. עס איז איר אָבער געווען שווער זיך אַריינצופּאַסן אין דער נייער סביבה. זי האָט ניט ליב געהאַט די קאָרטן־געזעלשאַפט, ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם טומל, די אויפרעגונגען, וואָס זיינען פאַרגעקומען ביים שפּילן. זי איז דערפאַר אַלץ זעלטענער מיטגעגאַנגען מיט איר פריינדין, און די מאָנאָטאָנקייט האָט זיך ווייטער ביי איר געהאַדעוועט. פון צופּיל צייט, וואָס זי האָט געהאַט זיינען ביי איר אַזש אָפּט צערייצט געוואָרן די נערוון.

— אוי, וואו נעמט מען אַביסעלע פרייד? — האָט זי אַלע מאָל

אַרויסגעזיפּצט. און דאָס לעבן האָט זיך ביי איר ווידער געצויגן אָן צע־שטרייאונגען און אָן צילן.

צום ערגסטן האָט מיסעס קופּער פיינט געהאַט צו בלייבן אין דער היים שבת נאַכט. איינמאָל אין אַ שבת־נאַכט האָט זי זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף איר מאַן. שוין גאַנץ שפּעטלעך האָט זי זיך אָנגעטאָן און מיט אַ שווער געמיט זיך געלאָזט גיין צו אַ „ברידזש־פּאַרטי". מיסעס בליי האָט איר אינדערפרי אָנגעקלונגען וועגן דעם אויפן טעלעפאָן און אָנגעזאָגט זי זאָל קומען.

מיסעס קופּער האָט פיינט געהאַט די פרוי ביי וועמען די „פּאַרטי" איז פאָרגעקומען, איז זי אַהין געגאַנגען, ווי ניט מיט אירע פיס.

אויפן וועג דערהערט זי פון ערגעץ טראָגן זיך פריילעכע געזאַנגען. זי פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט, וועלנדיק דערגיין פון וואַנען עס קומען די קלאַנגען. אַז זי איז צוגעקומען צום הויז, פון וועלכן עס האָט זיך דורך די אָפענע פענצטער געשפּאַרט אויף דער גאַס אַרויס די לוסטיקייט, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט איבערגעלייענט אויף אַ שילד מיט אַ יידישן אויפשריפט: „היינט אַ באַנקעט פון דער יידישער וועלטלעכער קינדער־שול. איינטריט אַ דאָלער מיט פופציק סענט". מיסעס קופּער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן ביי דער שילד. זי האָט געזען עטלעכע מענטשן אַרויפגיין.

„איך וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן, וואָס די גדולה איז דאָרט און זען פאַר טשיקאַוועס דעם באַנקעט, וואָס מען גיט היינטיקע צייטן פאַר אַ דאָלער מיט פופציק סענט" — האָט זי געטראַכט. דערווייל איז אָנגעקו־מען נאָך אַ פרוי מיט אַ מאַן, האָבן געעפנט די טיר, זיך אַ ווײַלע פאַר־האַלטן, געקוקט אויף דער אומבאַקאַנטער און געוואָלט זאָגן: — קומט אַרויף, איר וועט גוט פאַרברענגען מיט אונדז, — נאָר מיסעס קופּער האָט אַליין אָנגעהויבן זיי נאָכגיין. זי איז אַרויף אַהין און איז שוין דאָרט גע־בליבן עטלעכע שעה . . .

:: :: ::

— פאַרוואָס ביסטו נעכטן ניט געווען ביי דער „ברידזש־פּאַרטי"? — איז מיסעס בליי אויף מאָרגן געקומען זי פרעגן.

— נעכטן בין איך געווען אין אַ שול, — האָט מיסעס קופּער מיט שטאָלץ איר געענטפערט.

— אין אַ שול גאָר? — ס'איז דאָך שוין לאַנג נאָך ראש־השנה, יום־כיפור. וואָס עפּעס אין מיטן יאָר אין שול? — האָט די פריינדין זיך פאַר־וואונדערט.

בעלאַ גאָלדווירט

— עס איז נישט קיין שול וואו מען דאַוונט . . . — און מיסעס קו־פּער הייבט אָן דערציילן מיט אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי זי איז פּלוצלינג פאַרקראָכן אויף דער שול־שמחה . . .

„. . . איך האָב דערזען, אַז עס איז אַ באַנקעט פאַר איין דאָלער מיט פּופּציק, עסן און טרינקען, אין אַ פאָלקס־שול, וואו מען לערנט קינדער יידיש, בין איך געווען נייגעריק צו זען וואָס איז דאָרט. אַז איך האָב גע־עפנט די טיר איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, — וואו בין איך אַריין ? — האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט. אונדזערע לייטע וואָלטן דאָרט ניט איבערגעטראָטן די שוועל, — האָט מיסעס קופּער דווקא מיט צו־פרידנקייט איבערגעגעבן.

— מילאַ דאָס עסן, וואָס מען האָט דאָרט געגעבן, בין איך זיי מוחל...

— האָט זי ווייטער געצויגן.

— איך בין דאָך שוין געווען אין שולן, נאָר אַזאַ שול האָב איך אין מיין לעבן ניט געזען !

— וואָס־זשע איז דאָרט געווען די גדולה ? — איז מיסעס בליי גע־ווען נייגעריק ווייטער צו הערן.

— וואָס איז געווען, ס'איז גאָרניט געווען, נאָר פריילעך איז דווקא יאָ געווען.

— וואָס האָבן זיי דאָרט געהאַט, אַן אַקטיאָר, אַ זינגער ? — האָט מיסעס בליי ווייטער געפאָרשט.

— ווער מיר אַקטיאָר ? וואָס מיר זינגער ? יעדער ווער עס איז דאָרט געווען איז געווען אַ זינגער. אַפילו דעקלאַמאַטאָרן זיינען זיי אַליין געווען. עפּעס אַ מאַן פונעם עולם האָט זיך אויפגעשטעלט, געהאַלטן אַ רעדע, דערקלערט דעם צוועק פון דעם אָוונט — האָט מיסעס קופּער אַלע מאָל מיט מער באַגייסטערונג פאַרגעזעצט.

— נאָך דער רעדע, — האָט זי ווייטער דערציילט, — האָט ער אַרויסגערופן קינדער. טייל האָבן דעקלאַמירט, טייל האָבן געזונגען. האָסט שוין געמעגט הערן פון הי־געבאָרענע קינדער אַ יידיש, סע געווען אַ נחת צו הערן. דערנאָך האָט דער זעלבער מאַן פאַרצויגן אַ ניגון און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געזאַנג. וואָס זאָל איך דיר זאָגן ? אַז איך בין גאָרניט אימשטאַנד דיר דאָס איבערצוגעבן. אַלע האָבן געזונגען יידישע לידער. פון יעדן איינעם האָט אַרויסגעשטראַלט אַ פרייד. דו קאָנסט דאָך מיך, וואָס פאַר אַ „זינגער" איך בין, און דאָרט האָט דאָס מיר אַזאַ נעם געטאָן, אַז איך אַליין האָב אויך מיטגעזונגען.

— ערשט די ווייצן, וואָס מען האָט זיך דאָרט אָנדערציילט. און די געלעכטערס האָבן זיך געהויבן ביז אין הימל אַריין . . . מיין גאַנץ לעבן

פ ר י י ד

— האָט מיסעס קופּער מיט צעשטראַלטע אויגן געזאָגט — האָב איך, דאַכט מיר, אַזויפיל ניט געלאַכט, ווי דעם אָוונט.

— זעענדיק ווי אַלע זיינען לוסטיק, אַלע פּנימער שטראַלן מיט פרייד — האָט מיסעס קופּער געזאָגט — האָב איך דערפילט, ווי אַ נייע פרייד דרינגט אַריין אויך אין מיר. מען האָט גערעדט דאָרט אַ יידיש מיט אַזעלכע ווערטער וואָס איך האָב ניט געהערט זינט איך האָב פאַר־לאָזט מיין געבורט־שטאָט. ס'האָט זיך מיר טאַקע דערמאָנט אָן דער אַלטער היים.

— איך ווייס אַליין נישט — האָט זי ווידער אָנגעהויבן, — פאַרוואָס איך האָב זיך דאָרט אַמוזירט. צי דאָס איז דערפאַר, וואָס אַלץ איז דאָרט אַזוי יידישלעך? מען לערנט קינדער יידיש, מען רעדט, מען לייענט און מען זינגט יידיש? ווי מיינסטו, סערע, איז עס דערפאַר טאַקע? — האָט מיסעס קופּער געפרעגט ביי איר פריינדין און ביי זיך אַליין געפאָרשט, געוואָלט וויסן, דערגיין דעם סוד פון דער פרייד, וואָס גייט איר נאָך פון נעכטן אָן.

— איך ווייס? — האָט מיסעס בליי מיט אַ שוואַכן טאָן געענטפערט. זי האָט מיט ברייט צעעפנטע, קעלבערנע אויגן געקוקט איר פריינדין די גאַנצע צייט אין מויל אַריין, און זי האָט געפרואווט פאַרשטיין ווי אַזוי עס איז מעגלעך ביי אַזאַ אָרעמען באַנקעט אַזאַ פרייד.

שרעק

מינדל איז נאָך קיין פערציק יאָר ניט אַלט. זי האַלט אין איין קוקן אין שפּיגל. איר דאַכט זיך נאָר, אַז דער שפּיגל נאַרט זי אָפּ. ווי איז מעגלעך, אַז אין אַזאַ קורצער צייט זאָל זיך אַזוי שטאַרק פאַרענדערן איר פּנים? פון וואַנען האָבן זיך מיטאַמאָל צו איר גענומען אַזויפיל קנייטשן אַרום די אויגן? פאַרוואָס האָט זיך די הויט ביי איר אַזוי איינגעשרומפּן, ווי ביי אַ זקנה? וואו איז דער גלאַנץ פון אירע אויגן? איצט זעט זי אין שפּיגל גאָר אויסגעלאָשענע גלאָזוניעס מיט טונקל־בלויע רינגען. דאָס פּנים אָפּגעצערט, דין און אויסגעצויגן. די הויט געל, ווי אַ האַרבסטי־קער בלאַט, פּונקט ווי זי וואָלט געווען קראַנק, ניט איר מאַן מיכל.

מיכל האָט זי אַנומלטן טאַקע געפרעגט:

— ביזט קראַנק מינדל? דו זעסט אויס שלעכט!

— וואָס פאַלט דיר איין, — האָט זי זיך געגעבן אַ צאַפּל, איר אויס־זען זאָל ניט מסרן, ניט אַרויסגעבן איר שרעק.

— איך ווייס, עפּעס מוז דאָך זיין, — האָט מיכל פאַרדעכטיק אויף איר געקוקט.

אַזוי גיך ווי ער האָט זיך נאָר אָוועקגעדרייט, איז זי צו צום שפּיגל. זי האָט אָנגעהויבן רייבן מיט ביידע הענט דאָס פּנים, ווי זי וואָלט וועלן פאַרווישן פון זיך דעם אומעט.

— איבער מיר, איבער מיין שוואַכקייט, וואָס איך קאָן זיך ניט האַלטן, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען וועט ער נאָך חלילה זיך דערוויסן, וואָס אים איז און אומקומען פאַר דער צייט. איך וועל זיין זיין מערדערין, — האָט זי מיט געוויין אין האַרצן זיך פאַרגעוואָרפן און פון פאַרדראָס זיך אַזש געגעבן אַ קניפּ אין פּנים. דערנאָך איז זי אַריינגעלאָפן אין וואַש־צימער, געכאַפּט דאָס פּושקעלע שמינקע, אָנגעשמירט די באַקן, כדי מיכל זאָל ניט דערקענען, וואָס זי לעבט איבער און זיך ניט דערוויסן ווי געפערלעך קראַנק ער איז.

דער שכל זאָגט איר אונטער: „איך דאַרף עסן, טרינקען, זיין פריי־לעך, אַרויסווייזן ווי אַלעמאָל, אַז איך בין צופרידן, ער טאָר דאָך פון קיין זאַך ניט וויסן, אָבער ווי אַזוי זאָל איך דאָס טאָן?" — איז מינדל גע־בליבן שטיין פאַרטראַכט אין מיטן שטוב. „קיין עסן גייט מיר פאַרט ניט

אין האַלדז אַריין, און ווי אַזוי קאָן איך זיין פריילעך, אַז מיכלס טויט גייט מיר נאָך ?" — האָט זי גאַנצע טעג געקלערט און ניט געקאָנט געפינען קיין ענטפער.

„לוקעמיאַ", איר מאַן איז קראַנק אויף „לוקעמיאַ", דאָס בלוט ווערט ביי אים פאַרוואַסערט. אַזוי האָט דער דאָקטער געזאָגט, און קיין רפואה איז נישטאָ פאַר דעם. „לוקעמיאַ" — אָט־דאָס וואָרט צינדט איר מוח, צערייסט איר דאָס האַרץ.

מינדל מיט מיכלען האָבן ניט געהאַט קיין קינדער, האָבן זיי אַלע זייערע געפילן אָפּגעגעבן איינער דעם אַנדערן. נאָך אַכצן יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן, איז די ליבע און די צוגעבונדנקייט ביי זיי געווען נאָך שטאַרקער, ווי אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער חתונה.

ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט מינדל געפייערט איר מאַנס פערציק יאָריקן געבורטסטאָג און מיטאַמאָל האָבן זיך אָפּגעהאַקט די יאָרן, האָט זיך פאַרענדיקט דאָס לעבן. מיכל האָט נאָר געציילטע מאָנאַטן צו לעבן, „און צוזאַמען מיט זיינעם וועט זיך ענדיקן אויך מיין גליקלעך לעבן. וואָס פאַר אַ טעם קאָן שוין האָבן מיין לעבן אָן מיכלען ?" — מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט זיך מינדל אַרומגעטראָגן.

— וואָס גיסטו מיר מילך ? האָסט דאָך געזאָלט אויסקוועטשן אַן אָראַנזש ? — האָט מיכל פאַרוואונדערט געפרעגט זיין ווייב.

— טאַקע, זע נאָר, איך האָב גאָר פאַרגעסן, — האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ, ווי פון אַ בייזן חלום. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר איר צעטומלט־קייט. זי האָט שנעל אַריינגעגאָסן די מילך פון גלאָז צוריק אין פלאַש אַריין, נאָר די פלאַש אַוועקגעשטעלט אויף דער פּאָליצע, אָנשטאָט אין דעם אייז־קאַסטן.

— מינדל, וואָס טוט זיך מיט דיר ? ביזט דאָך אינגאַנצן צערודערט. וואו האָסטו געשטעלט די פלאַש מילך ?

מינדל איז בלאַס געוואָרן פון שרעק. „וויי איז מיר", האָט זי אין זיך געטראַכט, „ער וועט זיך נאָך כאַפּן, אַז דאָס נעמט זיך פון זיין אומ־היילבאַרער קראַנקהייט".

זי האָט אים דערלאַנגט דעם אויסגעקוועטשטן אָראַנזש־זאַפט און מיט אַלע כוחות זיך געשטאַרקט צו באַרואיקן. זי האָט גענומען גרייטן דעם טיש פאַרן אָונט־מאָלצייט. מיכל האָט רואיק געגעסן און פון דער זייט אַלעמאָל אַ בליק געטאָן אויף מינדלען.

אין אירע מאַטע, אויסגעלאָשענע אויגן האָט ער געזען טרויער, אָבער געניי דערגיין, אַרויסנעמען באַשטימט פון וואָס דאָס נעמט זיך צו איר, האָט ער ניט געקאָנט.

בעלא גאָלדווירט

„זאָל דאָס זיין, אַז דער דאָקטער האָט איר עפּעס געזאָגט וועגן מיין קראַנקהייט, וואָס איך ווייס ניט? איך פיל דאָך אָבער גאָרניט אַזוי שלעכט”, האָט ער געטראַכט.

— האָסט נעכטן גערעדט מיטן דאָקטער? — האָט מיכל געלאָזן זי געפרעגט, אָננעמענדיק אַ לעפל זופּ פון טעלער. אין מינדלען האָט זיך אַ וואָרף געטאָן דאָס האַרץ. זי האָט דערפילט, אַז ס׳ציטערט איר לייב. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון טיש, איז צוגעגאַנגען צום אויוון און אַריינגעקוקט אין די טעפּלעך, ווי זי וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט, כדי מיכל זאָל עפּעס ניט דערקענען אויף איר פּנים. האַלטנדיק אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ איבער אַ טעפּל, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב ניט געטראָפן דעם דאָקטער אין אָפיס.

אַ ראָזעווע פאַרב האָט פאַרגאָסן איר בלאָס פּנים. אין די אויגן האָט אַן אויפגעפרישטער גלאַנץ אַ בליאַסק געטאָן פון גרויס צופרידנקייט, וואָס ס׳איז איר אויפן מאָמענט איינגעפאַלן אַ געלונגענער ליגן. וואָלט זי זיך אַרויסגעכאַפּט מיטן אמת, אַז זי האָט גערעדט מיטן דאָקטער, וואָלט זי זיך געפּלאָנטערט, אַזוי איז זי פּטור. זי ווייסט פון גאָרנישט.

דאָס ערגסטע איז, וואָס ס׳האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן דער שלאָף. מיכל קאָן נאָך אַמאָל אין מיטן נאַכט אויפן געלעגער באַמערקן איר אומרואיקייט און זי אַ פרעג טאָן:

— פאַרוואָס שלאָפסטו ניט? — וואָס וועל איך אים דעמאָלט זאָגן? — האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן.

נישט איינמאָל איז זי געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיך געהיט ניט צו געבן קיין ריר מיט קיין אבר און געזוכט אַ תירוץ אין פאַל מיכל וועט זי דאָס פרעגן.

— צען, צוועלף, פופצן, אַכצן טעג — האָט מינדל גערעכנט זיינען שוין אַוועק זינט דער דאָקטער האָט איר געזאָגט, אַז מיכל האָט „לוקעמיאַ”. יעדער טאָג, האָט זיך איר געדאַכט, רייסט אָפּ אויך פון איר אַ שטיק לעבן. און באַלד, באַלד וועט זיך אויסלעשן איר ליכטיקע וועלט.

זי האָט זיך פאַרגעשטעלט די שפּעטערדיקע ליידיקייט, די פוסטקייט אין שטוב. זי האָט אין פאַראויס געפילט איר עלנטקייט, איר איינזאַמקייט. אומעטיקע טעג מיט אומענדלעכע לאַנגווייליקע אָוונטן האָבן זיך געצויגן פאַר אירע אויגן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז איר האַרץ ווערט שוין באַצייטנס אויסגעהוילט, ס׳וועט זיך שוין קיינמאָל מער ניט אָנפילן מיט קיין פרייד.

— מינדל! מינדל! דו וויינסט? וואָס איז מיט דיר? — האָט מיכל

ש ר ע ק

זי איינמאָל געוועקט אין מיטן דער נאַכט אויפן געלעגער.

זי האָט שנעל אָפּגעווישט דאָס פאַרטרערטע פנים, איינגענורעט דעם קאָפּ אין קישן, זיך איבערגעדעקט און פון אונטער דער קאָלדרע אַרויס־געשטאַמלט:

— ווער וויינט? וואָס פאַלט דיר איין?

— איך וואָלט געשוואָרן, אַז דו האָסט געוויינט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרענטפערונג־טאָן.

— דו שלאָפסט גאָר נישט? — האָט ער ביי איר פאָרט געפאָרשט, געוואָלט זיין זיכער, צי ער האָט טאַקע ניט צעשטערט איר שלאָף.

— לאָז מיר צורו, דריי מיר ניט קיין קאָפּ! — האָט זי זיך כלומרשט אויף אים געבייזערט.

— ס'האָט זיך מיר עפּעס געחלומט, אָבער איך געדענק ניט וואָס, — האָט זי צוגעלייגט אַ ליגן, כדי נאָכמער צונישט מאַכן זיין חשד.

מיכלס פנים איז אַלעמאָל בלאַסער און בלאַסער געוואָרן. זיינע פיס האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן די קראַפט זיך צו באַוועגן. מיט יעדן טאָג איז ער שוואַכער געוואָרן. „די כוחות גייען אים אויס, ער שטאַרבט אָפּ", האָט מינדל געשעפּטשעט מיט ציטערדיקע ליפּן.

— מיכל, — זאָגט זי אַמאָל צו אים, — היינטיקן שבת גייען מיר אין טעאַטער. איך האָב שוין בילעטן — כאָטש קיין בילעטן האָט זי נאָך ניט געהאַט.

— וואָס איז עפּעס דעם שבת? — האָט מיכל מיט אַ שוואַכער שטים געפרעגט. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס גראַדע ווען ער פילט זיך אַזוי שוואַך, וויל זי גאָר גיין מיט אים אין טעאַטער.

— דו ווייסט גאָרנישט? מאָרגן ווערט דאָך ניינצן יאָר נאָך אונדזער חתונה. האָסט שוין פאַרגעסן, אַ? — האָט זי ליבלעך צו אים געשמייכלט.

— טאַקע גאָר אַרויס פון זינען, — האָט ער פאַרשולדיקט צוגעגעבן.

אַמאָל דאַכט זיך איר, אַז עס ווערט אים בעסער. „שוין צוויי נעכט ווי ער שלאָפט גוט. היינט האָט ער געגעסן מיט אַ בעסערן אַפּעטיט. ער זאָגט אַליין, אַז ער פילט זיך שטאַרקער", וויל זי פון צייט־צו־צייט זיך אַליין איינריידן, באַרויקן. זי איז גליקלעך אין אַזעלכע מינוטן.

מינדל רעדט ניט מיט קיינעם פון איר מאַנס קראַנקהייט. זי וויל ניט, אַז אימעצער זאָל זיך חלילה אַמאָל ניט אַרויסריידן פאַר אים וועגן זיין „לוקעמיאַ". זי וויל ניט, אַז דאָס וואָרט זאָל אַפילו פאַר אים דער־מאָנט ווערן. בלויז פאַר איין פריינדינע האָט זי אויסגעזאָגט איר טרויע־ריקן סוד.

בעלא גאָלדווירט

ווען מיכל גייט אַוועק צום דאָקטער, לויפט זי באַלד צום טעלעפאָן און קלינגט איר פריינדינע. יענע טרייסט זי שטענדיק: „ער וועט לעבן, וועסט זען מינדל, ער וועט לעבן. דו וועסט נאָך האָבן אַ סך גליקלעכע יאָרן מיט אים צוזאַמען".

— אָבער דער דאָקטער האָט דאָך געזאָגט, אַז ס'איז אוממעגלעך.

— גלויב נישט, גלויב נישט דעם דאָקטער, זאָג איך דיר! — שרייט יענע אויפן טעלעפאָן, — ווינציק דאָקטוירים מאַכן טעותן? איך קאָן שווערן, אַז דיין מיכל האָט נישט די קראַנקהייט. און זי האָט יעדעס מאָל דערציילט פאַקטן פון טעותן, וואָס דאָקטוירים האָבן געמאַכט.

מינדל האָט זייער ליב צו הערן די טרייסט־ווערטער. נאָך יעדן געשפרעך מיט דער פריינדין ווערט זי מונטערער, אויפגעלעבטער. נאָר אָפטמאָל טרעפט: אין מיטן רעדן אויפן טעלעפאָן דאַכט זיך מינדלען, אַז מיכל איז דאָ, ער שטייט ערגעץ הינטער אַ טיר און הערט זיך איין צום געשפרעך. ס'הייבט איר אָן קלאַפּן דאָס האַרץ. די פריינדין רעדט נאָך, נאָר זי ווייסט שוין ניט וואָס יענע זאָגט.

זי קוקט זיך אַרום, צי ער שטייט נישט ערגעץ הינטער איר פּלייצע. זי זוכט אַן אויסרייד אַוועקצולייגן דאָס טרייבל. אַמאָל האַקט זי אָפּ אין מיטן יענערס רעדן. זי לויפט אַוועק פון טעלעפאָן און זוכט אים אין אַלע ווינקעלעך. ווען זי איבערצייגט זיך, אַז ער איז נישטאָ, ווערט איר לייכטער, און עס דאַכט זיך איר: די פריינדין איז אפשר גערעכט, ער קאָן נאָך געזונט ווערן. „איך וועל גיין מיט אים צו נאָך אַ דאָקטער. איך מוז געפינען אימעצן, וואָס זאָל אים געזונט מאַכן". זי וויל פאַר קיין פאַל ניט אויפגעבן די האָפענונג, אַז פאַר איר מיכלען איז נישטאָ קיין רפואה.

זי גייט מיט אים צו אַלערליי גרויסע דאָקטוירים. זי לויפט אויך אַלעמאָל צו איר הויז־דאָקטער. און כאָטש ער זאָגט איר שטענדיק דאָס זעלבע, דאָך האָפט זי יעדעס מאָל: אפשר וועט ער היינט פאָרט האָבן אַ טרייסט־וואָרט פאַר מיר.

איינמאָל האָט איר געזאָגט אַ ספּעציאַליסט: דורך אַריינגיסן אין אים אַנדערע בלוט, קאָן אַמאָל מעגלעך זיין אים צו ראַטעווען. האָט דאָס אין איר אַליין אַריינגעגאָסן אַ נייעם לעבנס־שטראָם. קיין געלט צו באַצאָלן פאַר אַזויפיל בלוט, האָט זי ניט, אָבער זי וועט שוין זען, ער זאָל דאָס קריגן. זי וועט בעטן אַלע פריינט און באַקאַנטע צו געבן פאַר אים בלוט. איצט וועט איר שוין ניט אַרן, אַז אַלע וועלן וויסן, אַבי ער זאָל נאָר ווערן געראַטעוועט.

„ער מוז לעבן!" האָט זי זיך מיט עקשנות פאַרנומען, אָבער דאָס אַריינגעשפּריצטע בלוט האָט אויך ניט געהאָלפן.

שרעק

— מינדל, וואָס גייסטו אַרום אַזוי פאַרזאָרגט? ביזט אַוודאי אומ־רואיק וועגן מיר? וואָס אַזעלכעס האָט דיר געזאָגט דער דאָקטער? מעגסט מיר דערציילן, האָב ניט מורא. — האָט מיכל איינמאָל געלאָזט איר וויסן, אַז ער פאַרשטייט סיי־ווי־סיי, אַז מיט אים האַלט עס שמאָל.

— וואָס ווילסטו זאָל איך דיר זאָגן? — האָט זי זיך אויף אים צע־שריגן — איך ווייס דאָס זעלבע וואָס דו ווייסט. ס'איז נאָר אַ פראַגע פון צייט. ס'איז נישטאָ קיין שום געפאַר, וועסט זיין געזונט.

זי איז באַלד אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער, געמאַכט זיך אַז זי זוכט דאָרט עפּעס, כדי איבערצורייסן דעם שמועס און מיכל זאָל ניט דערקענען אויף איר פנים דעם אמת.

טאָג נאָך טאָג האָט זי געזען, ווי זיינע כוחות גייען אים אויס. זי האָט פרובירט שמייכלען אים אין די אויגן, אָבער אין איר קאָפּ זיינען דורכגעלאָפן געדאַנקען:

„אין גיכן וועסטו זיך אָפּשיידן פון מיר אויף אייביק, מיין טייערער, מיין ליבער מיכל. דו ביזט נאָך אַזוי יונג. איך ווייס ווי שטאַרק דיר ווילט זיך לעבן. איך ווייס, אַז דו שטאַרבסט און איך קאָן גאָר נישט טאָן דיר צו העלפן, כאָטש אויף נאָך אַ פּאָר יאָר צו פאַרלענגערן דיין לעבן".

זי האָט געפילט, דאָס האַרץ ווערט אין איר צעריסן. עס פלאַצט פון ווייטיק. איר פנים ווערט איינגעשרומפּן, עס גייט איין. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אירע געדאַנקען און געפילן.

— ניין! ער וועט ניט שטאַרבן! — האָט זי אויסגעשריגן.

זי האָט מיט איר גאַנצן כוח געוואָלט פאַריאָגן פון זיך דעם שרעק־לעכן געדאַנק. ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן, איז זי געלאָפן רופן דעם דאָק־טער. מיט אַ טרייסלענדיק האַרץ האָט זי געקוקט דעם דאָקטער אויף די ליפּן: אפשר, אפשר וועט ער פּאָרט אַרויסברענגען אַ טרייסט־וואָרט, געבן איר כאָטש אַ פונק פון האָפענונג.

ווען מיכל האָט שוין ניט געקאָנט אַרומגיין, איז מינדל ניט אָפּגעט־ראָטן פון זיין בעט. אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין רעדן צו אים:

— דו וועסט זיין געזונט! וועסט זען, עס וועט ניט נעמען לאַנג און דו וועסט געזונט ווערן! איך האָב נאָר וואָס גערעדט מיטן דאָקטער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט היינט בעסער, אַ סך בעסער איידער נעכטן. די נייע רפואה וועט זיכער העלפן, האָט ער מיר פאַרזיכערט. זאָרג ניט, מיכל, וועסט זיין געזונט, וועסט נאָך לאַנג לעבן.

און אויך ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל צו אים רעדן, רעדן אָן אויפ־הער, אים טרייסטן און געבן האָפענונג.

אויף אַ זומער-וואוינונג

— וואָס איז דאָ דיין מאַנס טוען ? — האָט אַ לאַנדסמאַן געפרעגט שאָשע שעפּס. ער האָט גוט געקענט איר פאָטער זעליק זיפער.

— אין דער היים האָט ער געלערנט אין ישיבות און דאָ פרעסט ער דרעסעס, — אַזוי ענטפערט זי יעדן פון די לאַנדסלייט, וואָס שטעלט איר די פראַגע.

די ווערטער, אַז ער האָט אין דער היים געלערנט אין ישיבות, רעדט זי אַרויס מיט גרויס שטאָלץ. ווי איינער זאָגט: זאָלן זיי וויסן, אַז איך האָב אַ לייטישן מאַן, ניט קיין גראָבן יונג. זאָלן זיי וויסן, טראַכט זי זיך, אַז אַן אָרעמען שוסטערס אַ טאָכטער, וואָס איז אין דער היים געווען אַ דינסט, קאָן אויך אַמאָל אויפגעריכט ווערן און זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

עס ווייזט אויס, אַז דער מאַן אירער איז ניט געווען פון די וואַזשנע פרעסערס, ווייל זיינע פאַרדינסטן זיינען אַלעמאָל געווען זייער מאָגערע.

אַן אַרבעטער פון איר מאַנס שאַפּ האָט געזאָגט, אַז ער ציט דאָס אייזן, ווי ער האָט אַמאָל געצויגן אַ גמרא־ניגון.

אָבער שאָשע האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף איר מאַנס פאַר־דינסטן. פאַרקערט, ווען מען האָט מיט איר גערעדט האָט זי אַלעמאָל דערציילט, וואָס פאַראַ טייערע מאכלים זי מאַכט צו יעדן מאָלצייט און וואָס פאַראַ וואונדערלעכע געבעקסן זי באַקט אויס יעדן דאָנערשטיק. האָט מען געקאָנט מיינען, אַז זי איז גאָר פאַרמעגלעך און זי פירט אַ גרויס־אַרטיקע, רייכע קיך.

אמת איז, אַז שאָשע איז אַ גרויסע באַלעבאָסטע און אַ גרויסע בריה: זי ווייס וואו מען קויפט גוט פלייש פאַר ווייניק געלט און אַז אַלט ברויט קריגט מען פאַר אַ דריטל געלט, קויפט זי טאָקע ניט קיין פריש ברויט. אַלט ברויט איז געזונט פאַרן מאָגן — זאָגט זי.

זומער־צייט קויפט זי איין פאַרשיידענע איבערגעלעגענע פרוכטן און מאַכט פון זיי אַלערליי וואַרעניעס. און אַז פון איר מאַנס פאַרדינסטן האָט איר אויף דעם אויך ניט געסטאַיעט, האָט זי זיך געגעבן אַן עצה.

זי האָט געקויפט וואָל און ווען זי האָט געלייגט די קינדער שלאָפן, האָט זי זיך אוועקגעזעצט שטריקן סוועטערס ביז אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט. די סוועטערס האָט זי דערנאָך פאַרקויפט און אַזוי אַרום זיך צו־פאַרדינט אַ דאָלער.

אויף אַ זומער־וואַוינונג

שפּעטער איז דער מאַן אירער אַוועקגעפאַלן אויפן האַרץ. דער דאָק־טער האָט איר געזאָגט:

— מיסעס שעפּס, איר זאָלט וויסן, אַז אייער מאַן טאָר מער ניט נע־מען דאָס אייזן אין האַנט אַריין.

דעמאָלט האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז אַ פּאַרלאָרענע. זי האָט געמיינט, אַז די וועלט איז פאַר איר שוין אונטערגעגאַנגען. שאָשע איז דאָך אָבער אַ בריה, האָט זי ווידער זיך געגעבן אַן עצה. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ טישל אין גאַס. פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרן די גאַנצע פּרנסה־געבערין.

דער מאַן ליגט מער ווי ער גייט אַרום. און זי פאַרקויפט זאָקן, נאָז־טיכלעך, קעמעלעך, שפּילקעס, באַוול און נאָך פאַרשיידענע קלייניקייטן. די יידן און די יידענעס, וואָס שטייען לעבן איר מיט אַלערליי טישלעך מיט שניט־סחורה, טעפּלעך, טעלער, הערינג, זויערע אוגערקעס, פיש, גרינסן — מיט זיי אַלע איז זי זייער היימיש. איינער דעם אַנדערן דערציילט זיך מעשיות, מען זאָגט זיך גלייכווערטלעך, מען זידלט זיך, מען שעלט זיך, מען וויצלט זיך. שאָשען דאַכט זיך, אַז די גאַנצע גאַס דאָרט איז שוין אירע.

אַפילו די קונים זיינען אייגענע, היימישע מענטשן. אָפטמאָל טרעפט, אַז אַ פרוי קומט קויפן אַ קלייניקייט, דינגט זיך אָפּ איבער אַ פּעני אַ שעה צייט, אַמאָל נאָך מער, און נאָך דעם ווי זי באַצאָלט, זיפצט זי שווער אָפּ און בלייבט ווידער שטיין. זי נעמט זיך דערציילן אירע גליקן און אומ־גליקן, דעם נחת און די צרות, וואָס זי האָט פון אירע קינדער. זי רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. און שאָשע דערפילט, אַז די קונים זיינען איר זייער נאָענט, ווי זיי וואָלטן געווען אירע קרובים, אייגן בלוט און פלייש.

שאָשעס יינגסטע טאָכטער איז קראַנק געוואָרן אויף די לונגען. דער דאָקטער איז אַריינגעקומען, געזען צוויי מיטלסטע צימערן האָבן נישט קיין פענצטער. איי, וואָס דער פאָרנטדיקער צימער האָט צוויי גרויסע פענצ־טער, און די קיך איז אויך נישט פינצטער, דאָס האָט ער ניט געוואָלט וויסן, און ער זאָגט צו מיר: — האָט שאָשע דערציילט איר שכנה, פאַר־וואָס זי איז אַרויסגעקומען אין קאַנטרי. — מיסעס, איר מוזט מיט אייער מיידל אַרויספאָרן. אייער וואוינונג איז נישט פאַר אירע לונגען. מען קאָן דאָ זומער ביי אייך דערשטיקט ווערן. אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך געוואָלט אויסבייטלען אַלע מיינע בייזע, ווילסטע חלומות צו זיין קאָפּ, אָבער ער איז דאָך פאָרט אַ דאָקטער, האָב איך זיך איינגעהאַלטן. איך האָב אים בלויז געזאָגט:

— מיסטער דאָקטער, איך וואוין שוין דאָ צוועלף יאָר און קיינער

בעלא גאָלדוויררט

איז נאָך ביי מיר, חלילה, ניט דערשטיקט געוואָרן.

איך בין דאָך אָבער פאָרט אַ מאַמע, האָב איך אַלץ איבערגעלאָזט און בין געפאָרן, — האָט זי באַדויערט דעם צופאַל. איצט זיצט שאָשע אָפּ גאַנצע שעהן אויף די הילצערנע טרעפּלעך פון איר זומער־וואוינונג. זי זיצט מיט פאַרפלאָכטענע הענט אויף דער ברוסט, שאָקלט פּאַמעלעך מיטן גרוילעכן קאָפּ און קוקט. זי קוקט סתם אַזוי זיך אין דער פרייער וועלט אַריין.

איר צעקנייטשט פּנים איז ערנסט. מען קאָן מיינען, אַז אירע ברוינע, מאַטע אויגן באַוואונדערן די טונקעלע און העל־גרינע טאָלן און בערג אין דער ווייטער ווייטקייט, פאַרפּוצטע מיט פאַרשיידנפאַרביקע געוויקסן, וואָס פאַרשמעקן דעם גאַנצן אַרום, אָדער זי באַטראַכט אפשר דאָס געדיכטע וועלדל אויפן הויכן באַרג, ווי דיביימער דראַפּען זיך אַרויף, אַרויף צו די הימלען.

אָבער שאָשען ליגן ניט אינזינען אַזעלכע זאַכן. זי טראַכט גאָר פון דער שטאָט. אָפּטמאָל קומט איר אָן אַ גרויסע בענקשאַפט, עס ציט זי צו די ענגע, טומלדיקע ניו־יאָרקער גאַסן פונעם נידעריקן טייל שטאָט, אין דעם סאַמע געדיכטן יידישן צענטער, וואו זי וואוינט שוין עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר.

דאָרטן האָט זי געבוירן און דערצויגן אירע אַכט קינדער ; דאָרטן זיינען איר באַקאַנט אַלע ווינקעלעך. דאָרטן קאָן זי יעדערן, זי ווייסט ווער עס מאַכט גוטע געשעפטן, ווער עס מאַכט שלעכטע געשעפטן. איר דאַכט זיך, אַז דאָרטן זיינען די מענטשן גאָר אַנדערע, בעסערע, ווי די, וואָס זי זעט אין דער קאַנטרי.

זי דערמאָנט זיך די צייט, ווען איר מאַן איז אַוועקגעפאַלן אויפן האָרץ. די שכנים זיינען אַלע טאָג צו איר אַריינגעקומען, געטרייסט, געגעבן עצות. זיי האָבן זיך אַפילו איינמאָל צוזאַמענגעלייגט און איר געגעבן אַביסל געלט. מען האָט זי ניט געלאָזט פאַלן. דאָרטן האָט זי זיך קיינמאָל ניט געפילט עלנט.

אָבער דאָ, אין דער קאַנטרי, איז גאָר אַנדערש. זי קאָן ניט פאַרטראָגן די ווייבער מיט שמאַלציק־צעיוירענע לייבער, וואָס שפּילן גאַנצע טעג אין קאָרטן. זי האָט פיינט שטייפע מענטשן, וואָס פאַררייסן די נעז און בלאָזן זיך, ווי אינדיקעס. זיצט זי אויף די הילצערנע טרעפּלעך פון איר זומער־וואוינונג און טראַכט פון איר היימישן לעבן אין דער רוישיקער ניו־יאָרק.

גאַרנישט

שוירלי איז אַלט געווען פערצן יאָר, ווען זי האָט איבערגעדרייט אַ טעפּל מיט שמאַלץ אויפן פייער. די פלאַמען האָבן אויסגעברענט שטי־קער פון איר פּנים.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיך אירע ביר־אויגן אָנגעגאָסן מיט שטילן אומעט. זי האָט זיך ווי פאַרשלאָסן, זיך אָפּגעזונדערט פון דער געזעל־שאַפט, אויפגעהערט פירן געשפּרעכן און אויפגעהערט לאַכן. זעלטן ווען מען האָט געהערט פון איר אַ וואָרט. נאָר דאָס וואָס זי האָט געזאָגט, האָט געהאַט אַ זין, ס׳איז געקומען פון אירע טיפע געפילן. וועגן זיך האָט זי קיינמאָל מיט קיינעם ניט גערעדט. די עלטערן האָבן שוין ניט געלעבט. זי האָט בלויז געהאַט צוויי עלטערע שוועסטער: לינע און מילדרעד. ווען צו די עלטערע שוועסטער פלעגן קומען פריינדינעס מיט בחורים, פלעגט שוירלי זיך פאַרמאַכן אין אַ באַזונדערן צימער. דאָרט האָט זי געשטריקט אָדער געלייענט.

נאָך איר אומגליק האָט זי זיך מיט אַלע אירע חושים אַריינגעלאָזט אין שטריקן. זי האָט זיך אַזוי אין דעם אַריינגעטאָן, אַז זי האָט געקראָגן אַ ליבשאַפט צו דער אַרבעט. זי האָט זיך אויסגעלערנט שטריקן מיט פאַר־שיידענע שפּיזלען. זי האָט אַליין זיך דערטראַכט צו פאַרשיידענע ביי־מאָדישע מוסטערן, אירע פינגער האָבן זיך אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז ס׳איז געווען שווער מיטן אויג צו זען די שנעלקייט, מיט וועלכער זי כאַפּט אויף דעם באַוול אויף די שפּיזלען. די אויסגעשטריקטע זאַכן האָט זי פאַר־קויפט אין געשעפטן און פון דעם פאַרדינט גענוג פאַר איר באַשיידן לעבן.

מער פון אַלץ האָט זי ליב געהאַט מאַכן קינדערישע זאַכן — קינ־דערישע אָנצוגן, סוועטערלעך, שאַלעקלעך, היטעלעך. מיט געוויסע קאָ־לירן און אייגנאַרטיקע מוסטערן האָט זי אויסגעפּוצט אַ ייִנגעלע, מיט אַנ־דערע האָט זי פאַרפּוצט אַ מיידעלע. נאָכן פאַרענדיקן אַ קינדערישן מל־בוש, פלעגט זי דאָס גלעטן, צערטלען און טוליען צום האַרצן. זי האָט זיך שטאַרק געפרייט, וואָס די קינדערישע זאַכן קומען אַרויס אַזוי שיין פון אירע הענט.

ווען קיינער האָט ניט געזען, האָט זי צו זיי געשמייכלט, און אַמאָל זיי אַפילו געקושט.

בעלאַ גאָלדווירט

זי האָט אַ סך געלייענט. אירע באַליבטע שרייבער זיינען געווען אי־רע פריינט, זייערע העלדן און געשטאַלטן — איר געזעלשאַפט. זי האָט מיטגעפילט זייערע לידן און זייערע פריידן. זי האָט דורכגעלעבט די געשעענישן און סיטואַציעס. אין דער ביכער־וועלט האָט שוירלי זיך אויסגעלעבט.

די עלטסטע שוועסטער לינע איז אָפט געווען פאַרנומען מיט געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט, און כמעט שטענדיק איז זי אַהיימגעקומען פון אַ פאַרזאַמלונג, פון אַן אונטערנעמונג אַן אומצופרידענע. אַלע מאָל האָט זי געהאַט פּרעטענזיעס, אויסזעצונגען אויף פאַרשיידענע זאַכן:

דאָ איז איר ניט געפעלן אַ פירער, דאָ האָט זי ניט איינגעשטימט מיט אַ באַשלוס, דאָ איז זי געווען קעגן ווי אַזוי מען פירט אַדורך אַן אַרבעט, אַלעמאָל איז זי מיט עפּעס נישט געווען צופרידן.

פון איר פערזענלעכן לעבן איז זי אויך נישט געווען צופרידן. די הייראַט האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ מאַן, וואָס זי האָט שטאַרק ליב געהאַט, זי האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז ער איז אַ פּוילענצער, ניט קיין לייט. ערשט שפּעטער, ווען זי האָט געהאַט אַ קינד, און געדאַרפט לעבן פון זיינע פאַרדינסטן, האָט זי דאָס אויסגעפונען. ווען לינע האָט אַמאָל געוויינט אויף איר ביטער מזל, האָט שוירלי אויף איר געקוקט מיט מאָדנע אויגן און דערנאָך געזאָגט:

— וואָס קלאָגסטו אַזוי, דו האָסט דאָך אים ליב געהאַט, און דו האָסט אַ קינד!

שוירלי האָט מיט די ווערטער געמיינט צו זאָגן, אַז זי האָט כאָטש עפּעס געגאָסן פון לעבן. לינע האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען, זי האָט גענומען די רייד, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַ שונא:

— איך קאָן דיר אָפּגעבן מיינע גליקן, אויב דו ביזט מיר מקנא, — האָט לינע זיך צעשריגן, — דו קאָנסט ניט פאַרשטיין וואָס הייסט האָבן אַ צרה און ניט קאָנען פון איר פּטור ווערן. דו ווייסט ניט דעם געפיל פון ווערן אָפּגענאַרט.

— הלוואַי וואָלט איך געקאָנט אַוועקגיין פון אַלץ און אַלעמען, זיין כאָטש אַ שטיקל צייט מיט זיך אַליין, — האָט די עלטסטע שוועסטער איינ־מאָל זיך אויסגעדריקט, אַהיימקומענדיק פון אַ זיצונג.

— דו דאַרפסט זיין צופרידן, וואָס דו טראָגסט צו דיין חלק פאַרן וואוילזיין פון דער געזעלשאַפט, — האָט שוירלי איר געזאָגט.

— דאָרטן פעלט נישט פון וואָס זיך צו ערגערן. מיין נישט, אַז עס

גאַרנישט

איז לייכט צו זיין אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, ס'איז שווער מיט יעדערן אויסצוקומען. עס קומט אויס זיך אַנצושטויסן אין שוועריקייטן, אין פאַרשיידענע אומאַנגענעמלעכקייטן ביי דער אַרבעט. עס איז קיינמאָל נישט אַזוי ווי מען וויל, — האָט זי זיך ווידער באַקלאָגט.

— אין די אַלע שוועריקייטן מיט די אומאַנגענעמלעכקייטן איז אָבער אויך פאַראַן עפּעס, וואָס באַפרידיקט, וואָס צעשטרייט. אַ רואיק לעבן איז, ווי אַ שטייענדיק וואַסער, וואָס טריקנט ביסלעכווייז איין, ביז עס בלייבט גאָרנישט, — האָט שוירלי געזאָגט.

די מיטלסטע שוועסטער איז געווען זייער אַ שיינע, מיט אַ סך פּרווי־אישן רייץ. דערצו האָט זי זיך נאָך שיין געקליידט, און ס'האָט איר ניט געפעלט קיין דערפאָלג, קיין קאָמפּלימענטן פון מענער.

שוירלי זעט ווי מילדרעד דרייט זיך ביים שפּיגל, קוועלט פון יעדן שיינעם שטריך אויף איר פּנים, פון איר עלאַסטישער, שיין־פאַרמירטער פיגור. אָפטמאָל זינגט זי זיך צו פריילעכע לידלעך, פון צופרידנקייט, וואָס בחורים רייסן זיך צו פאַרברענגען מיט איר אַן אָוונט.

די יינגסטע זעט און פילט ווי אין מילדרעדן וואַקסט די האָפענונג צו האָבן אַ גליקלעכע צוקונפט.

נאָר איינמאָל האָט שוירלי געהערט מילדרעדן זיפצן.

— וואָס זיפצסטו אַזוי ? — האָט מיט פאַרוואונדערונג זי געפרעגט שוירלי.

— מיין נישט, אַז ביי מיר זיינען בלויז זוניקע טעג, — האָט מילד־רעד זיך אַנגעכמורעט פון דער ניט־געוואונטשענער פראַגע.

— אָבער דו האָסט דאָך אַזויפיל דערפאָלג ביי מענער. דו מיינסט דאָך אַ סך מאָל, אַז די גאַנצע וועלט איז דיינע, וואָס נאָך ווילסטו ? — האָט די יינגסטע זי געמוסרט.

— אין דורכפאַל פאַרטונקלט אַמאָל אַלע דערפאָלגן, — האָט מילד־רעד טרויעריק געענטפערט. זי האָט דערמיט געוואָלט דערקלערן, אַז זי איז אויך ניט אַזוי גליקלעך, ווי אימעצן קאָן זיך אויסדוכטן.

— נאָך אַ דורכפאַל בלייבט אויך עפּעס איבער. — האָט שוירלי אַ זאָג געטאָן.

מילדרעד איז דערפאַר שטאַרק ברוגז געוואָרן.

די עלטערע צוויי שוועסטער האָבן זיך גאָר ווייניק אינטערעסירט מיט שוירלין. לינע איז אַלעמאָל געוואָרן מער פאַרנומען מיט איר אייגן לעבן, מיטן מאַן־פּראָבלעם און מיטן קינד.

און מילדרעד האָט געלעבט מיט איר גרויסן דערפאָלג, וואָס זי האָט

געהאַט ביי מענער. זיי האָבן זיך ניט אַריינגעטראַכט אין שוירליס גע־פילן און ניט אין איר אָפּגעזונדערטן לעבן. זיי האָבן דאָס אָנגענומען ווי אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. בלויז פון צייט־צו־צייט האָבן זיי געפילט, אַז עס פאַרפאָלגט זיי דער אומעט פון שוירליס אויגן. אַמאָל איז זיי געווען שווער צו פאַרטראָגן איר שווייגן, אָבער זיי האָבן זיך אויף דעם צופיל ניט אָפּגעשטעלט.

מילדרעד האָט זיך אויך אויסגעקליבן אַ געליבטן, אָבער ניט אויף לאַנג. ס'איז געווען אין סאַמע ברען פון מלחמה און מען האָט אים אַוועקגעשיקט אויפן שלאַכטפעלד. זי האָט געבענקט, געוויינט און גע־קלאָגט.

— וואויל איז דעם, וואָס ווייסט נישט פון בענקשאַפט, דאָס ערגסטע איז בענקען, — האָט זי געיאָמערט.

— בענקשאַפט איז דאָך אויך עפּעס, — האָט שוירלי איינמאָל אַ שעפּטשע געטאָן מער צו זיך, ווי צו דער שוועסטער, אָבער מילדרעד האָט דאָס דערהערט. זי איז געוואָרן אויפגעציטערט, פאַרוואָס שוירלי איז אַזוי גלייכגילטיק צו אירעליידן. זי האָט אַ וויש געטאָן דאָס פּנים, אַראָפּגעשלונגען עטלעכע טרערן און מיט אויפגערייצטע בליקן זיך גע־שטעלט נאָענט לעבן איר און זי איבערגעפרעגט, כדי צו זיין מער באַ־רעכטיקט זי אָנצוזידלען:

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט געדונערט איר שטים.

שוירלי איז געווען רואיק. זי האָט זייטיק אויף איר געקוקט און פּאַמעלעך איבערגעזאָגט די ווערטער:

— יאָ, בענקשאַפט איז אויך עפּעס!

זי האָט נאָך געוואָלט צוגעבן:

— אַז וואויל איז דעם, וואָס האָט כאָטש אין וואָס זיך צו דעראינערן, נאָך וואָס צו בענקען.

נאָר מילדרעד איז אויפגעשפּרונגען:

— דו ביזט פּונקט ווי אַ גומענע ליאַלקע, דו באַנעמסט נישט קיין צרות. ביזט קאַלט און גלייכגילטיק צו יענעמס ווייטיק.

— אַ מענטש מיט אַ האַרץ פילט אַ צוויטנס ליידן אויך, — האָט די עלטסטע זיך אַריינגעריסן און צוגעהאָלפן דער מיטלסטער.

ביידע עלטערע שוועסטער האָבן זיך צעשריגן, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן אָפּרעכענען מיט שוירלין פאַר אַלע צייטן, הלמאַי זי ווייזט ניט אַרויס גענוג מיטגעפיל צו זייערע איבערלעבונגען.

שוירלי איז געווען רואיק. זי האָט ניט אויסגערעדט מער קיין וואָרט.

גאַרנישט

זי האָט בלויז לאַנג, זייער לאַנג אויף זיי שווייגנדיק געקוקט.

ליבען מיט מילדרעדן איז מיט אַמאָל געוואָרן שרעקלעך שווער צו פאַרטראָגן איר קוקן. שוירליס בליקן זיינען געווען אַזוי דורכדרינגענ־דיק, אַז זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר אירע אויגן און פאַר איר שטילקייט.

„פאַרוואָס רעדט זי ניט, פאַרוואָס זאָגט זי ניט עפּעס?" — האָבן ביידע געטראַכט. אָבער שוירלי איז געווען שטיל, ווי אַ פיש. ס'האָט זיך זיי נאָר געדאַכט, אַז אירע אויגן ווערן גרעסער און גרעסער און דאָס שווייגן אַלץ שווערער און שווערער.

שוירלי האָט גאָר ניט געהאַט פון וואָס צו רעדן — ניט פון צרות, ניט פון פרייד, ניט פון ליבע, ניט פון האַס און ניט פון בענקשאַפט.

מיטאַמאָל זיינען ביידע עלטערע שוועסטער שטיל געוואָרן. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז אין שוירליס ברייט־צעעפנטע אויגן זעט זיך דורך די ליידיקייט, די אויסגעהוילטקייט פון איר לעבן. זי האָט „גאָרנישט", האָבן זיי אַ ציטער געטאָן. זיי האָבן זיך דערשראָקן, זיי האָבן מורא געקראָגן פאַר דעם גאָרנישט.

עמאַס האָפענונג

עמאַ האָט ביים באַדינגען זיך פאַרלאַנגט אַ סך אַ העכערן פּרייז פאַר איר אַרבעט ווי אַנדערע טונקל־הויטיקע דרום־פּרויען פאַרלאַנגען. די מיסעס קעטרין מעקענא האָט נאָך קיינמאָל אַזויפיל פאַר איר הויז־אַרבעט ניט געצאָלט. אַ חוץ דעם האָט עמאַ געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק אויף מרס. מעקענא: ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז עמאַ זאָגט דעם „יעס־מעם" און „נאָ־מעם" אַנדערש ווי די אַנדערע אין דער סאַוט זאָגן, ווי זי וואָלט די ווערטער שטאַרק פיינט געהאַט און זי צווינגט זיך צו זאָגן זיי.

מרס. מעקענא האָט זיך אין מיטן רעדן אָפּגעשטעלט, ווי עמאַ וואָלט זי מיט עפּעס באַליידיקט און געוואַרט, אַז יענע זאָל זיך פאַר איר אַנטשולדיקן. אָבער עמאַ האָט זיך ניט ווײַסנדיק געמאַכט. זי איז געשטאַנען רואיק פאַר דער ווייסער פרוי און פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ שטאָלצקייט, ווי איינער זאָגט: „איך בין אויך אַ מענטש".

מרס. מעקענא האָט אָבער פיינט אַ שטאָלצע דינסט. אויפן מאָמענט האָט זי געפילט ווי צו זאָגן איר: „קאָנסט גיין, איך דאַרף ניט אַזוינע ווי דו". נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, ווען עמאַ האָט דאָס דערפילט, און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, געוואָלט אַוועקגיין, האָט מרס. מעקענא זי ניט געלאָזט. זי האָט באַמערקט, אַז ביי עמאַן איז ניט קיין פוסטער שטאָלץ, נאָר אַ געוויסע ווירדיקייט, וואָס פאַרטראָגט ניט קיין באַליידיקונג, וואָס וואַרפט פון זיך אָפּ יעדע דערנידערונג.

עמאַ איז פאַרבליבן אַרבעטן און מרס. מעקענא איז געווען פון איר שטאַרק צופרידן.

עמאַ האָט מיט איר באַלעבאָסטע ניט פאַרפירט קיין שום געשפּרעכן. זי איז געגאַנגען פון איין אַרבעט צו דער אַנדערער, ווי אַ גוטע ווירטין. בלויז פון צייט־צו־צייט האָט זי עפּעס געפרעגט, אָדער געזאָגט אַ וואָרט, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט איר אַרבעט. נאָר איינמאָל, ווען עמאַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט פרעסן, האָט זיך מרס. מעקענא אַוועקגעזעצט אין קיך, אָנגעשפּאַרט ביידע עלנבויגנס אויפן ראַנד פון טיש, באַטראַכט עמאַס קליידער, וואָס האָבן אויף איר שטאַרק ניט געפּאַסט, דערנאָך גע־קוקט עמאַן אין פּנים אַריין און געפרעגט:

— ביסטו פאַרהייראַט, עמאַ, צי דו ביסט נאָך אַליין?

עמאַס האָפענונג

עמאַן זיינען אָט־די פֿראַגן גאָר ניט געווען צום האַרצן. זי האָט אַ היפּשע ווײַלע געשוויגן. ניט אָוועקנעמענדיק די אויגן פֿון קינדערשן געפּעלבטן קליידעלע, וואָס זי האָט געפּרעסט, האָט זי דערנאָך שטיל, אַביסל ווי טרויעריק, געענטפֿערט:

— איך בין ניט אַליין. איך האָב אַ זון שוין פֿופֿצן יאָר אַלט, — האָט עמאַ ווי אָפּגעהאַקט די ווערטער.

— שוין פֿופֿצן יאָר, אַז דו האָסט ניט קיין מאַן? — האָט די באַלעבאָסטע זי איבערגעפֿרעגט מיט אַ נײַגעריקן טאָן, ווי זי וואָלט ניט פֿאַרשטאַנען צי דער זון איז פֿופֿצן יאָר אַלט, צי זי איז שוין אַזוי לאַנג אָן אַ מאַן. אַזוי איז זי די מרס. מעקענא — אַז זי נעמט צו אַ דינסט דאַרף זי וועגן איר אַלצדינג וויסן.

עמאַ האָט נאָך אַלץ געפּרעסט דאָס קליידעלע. אײַנגעלייגט פֿעלבעלע נאָך פֿעלבעלע, אַכטונג געגעבן זיי זאָלן ליגן גלײַך און פּינקטלעך, פֿאַמעלעך געפֿירט דאָס אײַזן און נאָך אַ לענגערן שווײַגן דערקלערט:

— צען יאָר ווי מײַן מאַן איז טויט.

— אַזוי גאָר, האָסטו שוין אַזאַ גרויסן זון פֿון פֿופֿצן יאָר, — האָט זי זיך געוואונדערט. — וואָס טוט ער, דײַן זון? — האָט די באַלעבאָסטע ווײַטער געפֿרעגט.

עמאַ האָט זיך ניט געאײַלט צו רעדן. ווען זי האָט פֿאַרענדיקט פּרעסן דאָס קליידעלע, האָט זי מיט בײדע הענט דאָס אויפֿגעהויבן אין דער הויך, באַקוקט פֿון אַלע זײַטן, ווי זי וואָלט קאָנטראָלירט איר אייגענע אַרבעט. דערנאָך האָט זי דאָס אויפֿגעהאַנגען, גענומען אַן אַנדער שטיקל וועש צום פּרעסן, און אַלץ ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו איר פֿאַרשנדיקער באַלעבאָסטע האָט זי געזאָגט:

— ער גייט אין סקול. ווען ער וועט אויפֿוואַקסן, וויל ער זײַן אַ לערער.

— אָ, אַ לערער וויל ער גאָר זײַן, וועט ער דאָך דאַרפֿן גיין אין אַ קאַלעדזש! — האָט די מרס. מעקענא האַלב־פֿאַרוואונדערט, האַלב־אויפֿקלערעריש געזאָגט, ווי יענע, הייסט עס, וואָלט ניט אָנגעהויבן דערפֿון צו וויסן.

— ער איז אַ גערעכטענער. איך וועל אים שיקן אין קאַלעדזש, — האָט עמאַ געזאָגט מיט אַ טאָן, וואָס האָט געאָטעמט מער מיט וואונטש, ווי מיט זיכערקייט, — איך זאַמל אַ פּעני צו אַ פּעני, אַלץ פֿאַר אים, — האָט עמאַ צוגעגעבן.

מרס. מעקענא האָט ווידער געגעבן אַ בליק אויף איר אומגעלומ־

פערטן הולך. עס איז איר געוואָרן קלאָר פאַרוואָס זי קויפט זיך ניט קיין זאַכן, און זי גייט אָנגעטאָן דאָס וואָס מען שענקט איר. זי האָט געקוקט אויף עמאַן און פאַמעלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ. צי איר שאָקלען מיטן קאָפּ האָט געמיינט אַ ניט־פאַרגינען, וואָס איר דינסט טרוימט דעם זון צו מאַכן פאַר אַ לערער, צי דאָס האָט געמיינט באַוואונדערונג, — דאָס איז שווער געווען צו באַשטימען.

עמאַ האָט שטיל, אָבער שווער אין זיך אָפּגעזיפצט. זי האָט געפילט, ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך ביי איר געריררט פון אָרט. די אייגענע ווערטער האָבן אויפגערודערט אירע מאַמעשע געפילן צו איר געראָטן איין־און־איינציק קינד. זי האָט מיט עקשנות צו זיך אַליין אין דער שטיל גע־זאָגט: „ער וועט זיין, ער וועט זיין אַ לערער. איך וועל אים העלפן דער־גרייכן זיין ציל".

עמאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן פון פרעס־ברעט, אַ קוק געטאָן אויף איר באַלעבאָסטע, ווי זי וואָלט געפּאָרשט, געוואָלט וויסן צי יענע חוזקט ניט פון איר. נאָר אין דער רגע האָט מרס. מעקענא איר דערמאָנט, אַז זי האַלט אַ זיידענע בלוזקע און דאָס אייזן איז צו הייס.

עמאַ האָט פאַרזיכטיק אויסגעפּרואווט דאָס אייזן און זי האָט פּלוצ־לינג דערפילט ווי איר האַרץ וואָלט זיך מיט עפּעס אָנגעפילט. אירע אויגן האָבן פון איבערגעפילטקייט אָנגעהויבן פייכטן און איבער די טונקל־ברוי־נע באַקן האָבן זיך געקייקלט צוויי גרויסע טרערן. זי האָט אַליין ניט געוואוסט מיט וואָס איר האַרץ איז פּלוצלינג אַזוי פול געוואָרן — צי מיט פרייד, מיט שטאַרקער האָפענונג פאַר איר קינדס צוקונפט, צי מיט דער מורא, אַז ער וועט ניט דערגרייכן דאָס וואָס ער וויל.

יענעם שבת פאַרנאַכט איז עמאַ אַהיימגעגאַנגען מיטן זעלבן וועג, ווי זי איז אַלע טאָג געגאַנגען: פריער דורך עטלעכע זייער ברייטע, לייטי־קע, ריינע, אויסגערוטע גאַסן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גלאַטיקע אַספאַלטן פון יענע גאַסן וואַרטן בעטן זיך ממש מען זאָל אויף זיי פאָרן אָדער גיין. און ווי אויף צו להכעיס איז דאָרט זייער זעלטן דורכגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל און נאָך זעלטענער האָט מען געזען גיין אַ מענטש. דער־פאַר אָבער האָט מען דאָרט געזען אַ סך פייגל, זיי זיינען זיך פריי און רו־איק אַרומגעפלויגן איבער די ליידיקע גאַסן און אויף די ביימער, און ביי־מער איז דאָרט געווען אַ סך. פון ביידע זייטן גאַס און ביי יעדן הויז — קלענערע און גרעסערע ביימער.

די פייגעלעך האָבן צאַרט געסווישטשעט, ווי זיי וואָלטן זיך איינע די אַנדערע פריילעכע מעשהלעך דערציילט, ווי זיי וואָלטן זייער צופרידנ־

קייט אויסגעדריקט, וואָס קיינער שטערט ניט זייער רו.

די נידעריקע הייזלעך פֿון ביידע זייטן גאַס האָבן זומער־צייט אויס־געזען, ווי אויסגעפּוצטע חתונה־מיידלעך. איין הויז פֿונעם אַנדערן אַ שטיק אָפּגערוקט, און יעדעס הויז מיט זיין שיינקייט, מיט זיין באַזונדערן חן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז איין הויז וויל איבערשטייגן דאָס צווייטע מיט דער פֿאַרשיידנפֿאַרביקייט פֿון בלומען און באַפּוצונגען.

עמאַן פֿלעגט זיך דאַכטן, אַז אַרום יעדן פֿון יענע הייזער שוועבט דער שטאָלץ פֿון די ווייסע, רייכע מענטשן, וואָס וואוינען דאָרט. אָבער איר איז דאָס סיי־ווי־סיי וויניק אָנגעגאַנגען. ס'איז ניט געווען איר זאַך. אָט־די גאַסן זיינען איר פֿרעמד.

דאָס מאָל האָט זי די גאַנצע צייט געטראַכט וועגן דעם, וואָס זי האָט פֿריער געזאָגט צו מרס. מעקענא. די ווערטער זיינען איר דעם גאַנצן וועג נאָכגעגאַנגען. זי האָט זיך פֿון זיי גאָר ניט געקענט באַפֿרייען. עס האָט איר שוין פֿאַרדראָסן אויפֿן גאַנצן געשפּרעך, פֿאַרוואָס זי האָט דערציילט, אַרויסגעגעבן אירע האָפֿענונגען.

ווען זי איז אַריינגעגאַנגען אין די שמאָלע, בלאָטיקע געסלעך, וואו עס האָבן געוואוינט די טונקל־הויטיקע מענטשן, האָט די אָרעמקייט מיט אומאָנגענעמע ריחות איר אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז אַריין. אַרום אָפּ־געריבענע, פֿאַרחושכטע הייזער האָבן זיך געשפּילט גרעסערע און קלע־נערע קינדער, זיך געוואַלגערט אין די זאַמדן, און אַרומגעפּאַדעט ווי מו־ראַשקעס.

אויך דאָס געסל, וואו עמאַ וואוינט, איז שמאָל. די בלאָטעס האָבן זיך דאָרט זעלטן אויסגעטריקנט. אין איין זייט גאַס איז נאָך געווען אַ קאַנאַל, וואו דער אָפּפֿלוס פֿון די שמוצן פֿלעגט זיך אָפּט פֿאַרהאַלטן און פֿאַרשפּרייטן אַן עיפּוש איבערן גאַנצן אַרום.

עמאַן זיינען נאָך אַלץ די פֿריערדיקע ווערטער ניט אַרויס פֿון קאָפּ. און פּונקט ווי זי וואָלט זיך מיט עמיצן געשפּאַרט, האָט זי מיט פֿאַרבי־סענער עקשנות געמורמלט צו זיך אַליין:

— יאָ, פֿון אָט־דעם געסל וועט מיין פּאָול אַרויסוואַקסן אַ געלערנ־טער. ער וועט זיין אַ לערער. ער וועט לערנען זיינע מיטמענטשן, ווי לינקאָלן האָט אַמאָל געזאָגט: „קעמף און זיי זיכער אַז דער טאָג פֿון גלייכהייט וועט קומען”. דאָס האָט זי געהערט פֿון גלח אין איר קירך.

זי שליסט אויף די טיר, גייט אַריין און בלייבט שטיין אַ פֿאַרטראַכ־טע אין מיטן צימער. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען. גרויע וואָלקנס ווי קנוילן רויך האָבן זיך איבערן הימל געצויגן און די ליכטי־קייט איז אין נעפּל פֿאַרזונקען.

אויף די ווענט, וואָס זיינען געווען אויסגעקלעפּט מיט בלויע, געלע און אַנדערע פּאַפּירן, האָבן זיך שוואַרצע שאָטנס געלייגט. פון אַ האַל־בער סטעליע, וואו עס האָט אַריינגערעגנט, האָבן זיך שטיקער פּאַפּירן אָפּגעטיילט און האָבן אויסגעזען ווי צעהאַנגענע ברודיקע וועש. די אויס־געהאַקטע שויבן מיט בלעך און מיט טאָוול פאַרשטעלט האָבן נאָך מער די באַכטיקע פינצטערניש אין שטוב אַריינגעיאָגט. און עמאַ איז פּלוצ־לינג שטאַרק אומעטיק געוואָרן.

עמאַ האָט געוואוסט, אַז איר פּאָול האָט געדאַרפט גיין צו זיינעם אַ פּריינט קריגן ביכער צו שטודירן. דאָך האָט זיין אָפּוועזנקייט איר אומ־רואיק געמאַכט.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן, ווי שווער איר פּאָולן קומט אָן יעדעס מאָל צו קריגן אַ בוך צו שטודירן. אָבער באַלד האָט זיך ביי איר אויך צע־שפּילט די האָפענונג.

אָט שטעלט זי זיך פאָר, ווי ער האַלט די דיפּלאָמע אַלס געענדיק־טער לערער. זיין פּנים לויכט פון פרייד. ער לויפט זי אַרומנעמען, זי קושן פון גליק.

פון דער זעאונג אַליין איז איר היימלעכער געוואָרן. זי האָט אָנגעצונדן ליכט, אָוועקגעלייגט דאָס פּעקעלע עסן. מרס. מעקענאַ האָט דאָס איבערגעבליבענע פון מיטאָג איר מיטגעגעבן. זי האָט אויפגעוויקלט די פּאַפּירן, באַקוקט וואָס זי האָט געבראַכט און אַ טראַכט געטאָן: „פּאָול וועט האָבן הנאה — אַ גוט ביסל עסן”, — און אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך איבער איר פּנים צעלייגט.

באַר ווען פּאָול איז אַהיימגעגאַנגען מיט די ביכער, האָבן אים אָנגע־טראָפן אַ קאָפּטע ווייסע, צעלאָזענע בויאַנעס. איינער האָט פון אים אַ ריס געטאָן די ביכער און אַ זאָג געטאָן:

— העי דו, נ־ר, וואָס טויגן דיר ביכער, דו בעסער זינג פאַר אונדז עפּעס, — און ער האָט מיטן פוס, ווי אַ באַל אַ שלייַדער געטאָן איין בוך נאָכן אַנדערן. די בלעטער זיינען צעפאַלן געוואָרן און געפלויגן איבערן גאַנצן אַרום.

פּאָול האָט זיך אַ ריס געטאָן לויפן אויפקלייבן די צעפאַלענע בלע־טער, אָבער איינער פון די בויאַנעס האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די אַקס־לען און צו אים אַ זאָג געטאָן:

— העי דו, לויף ניט, בעסער טאַנץ פאַר אונדז, — און ער האָט אים אָנגעהויבן דרייען אין אַ ראָד.

פּאָולס האַרץ האָט זיך אָנגעגאָסן מיט צאָרן. זיינע ציין האָבן זיך

פֿאַרקריצט. עס האָט אין אים אַ ברויז געטאָן די באַליידיקונג. ער האָט אין דער רגע דערפֿילט, ווי עס וואָלט אין אים אַריין אַ מעכטיקע גבורה. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער וועט זיי אַלע קאָנען צעררייסן אויף שטיקער.

די חברה האָבן אים נאָך אַלץ געהאַלטן אין אַ רינג, געוואָלט ער זאָל פֿאַר זיי מאַכן קונצן. דער האַס צו זיי האָט שוין אָבער אין אים געבערענט ווי אַ פֿייער. ער האָט שוין מער אין זיך דעם צאָרן ניט געקאָנט איינ־האַלטן. און מיט זיינע דאַרע, פֿאַרביילטע פֿויסטן איינעם אַ זעץ געטאָן אין די ציין אַריין. אויף יענעמס ליפּן האָט זיך אַביסל בלוט באַוויזן, און זיי זיינען אַלע אויף אים אַרויפֿגעפֿאַלן מיט די הענט און מיט די פֿיס.

עמאַ איז נאָך אַלץ געזעסן און געוועבט אירע האָפֿענונגען ווען מען האָט פֿאָולן אַ באַוואוסטלאָזן אַהיימגעבראַכט. די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר צעשלאָגן, פֿאַרבלוטיקט קינד, איז אין דער רגע פֿאַר איר געוועזן אַלץ פֿאַרלאָרן. ס'איז אונטערגעגאַנגען פֿאַר איר די גאַנצע וועלט.

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר טעג. עמאַ האָט געוואַכט איבער פֿאָולס בעט, געהיילט זיינע וואונדן. ער האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך. דעמאָלט האָט זיך אין איר מיט נאָך מער עקשנות געשטאַרקט די האָפֿענונג. זי האָט שטיל צו אים געשעפּטשעט:

— דו וועסט געזונט ווערן. דו וועסט לערנען דיינע מיטמענטשן, וואָס לינקאָלן האָט געזאָגט: „דער טאָג פֿון גלייכהייט וועט קומען!"

אַנקל פרעדי

— אַנקל פרעדי, וואָס בין איך? אַ ייד צי אַ קריסט? — האָט אַ פרעג געטאָן דער אַכט־יאָריקער באָבי, בשעת יענער האָט אים עפּעס פאָרגעלייענט וועגן יידן.

פרעדי האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, געבליבן שטיל. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן־דעקלעך מיט די פלאַקסענע, לאַנגע, גיט־גליך געוואַקסענע ברעמען, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי צעשויבערטע קאָמען פון ווילדע פייגל. אויף זיין לינקער האַנט איז אומבאַוועגלעך געלעגן אויסגעשפּרייט דאָס קליינע ביכל. אויף איין זייט איז דאָרטן געווען אויסגעמאָלן אַ מיאוסע, שרעקלעכע קאַריקאַטור פון אַ יידן, און אויף דער צווייטער זייט דאָס מעשהלע, וואָס פרעדי האָט פאָרגעלייענט פאַר זיין פּלימעניק. אָפּגערוט זיך אַ ווילע פון לייענען, האָט פרעדי מיט זיינע לאַנגע, ביינערדיקע פינגער פון דער רעכטער האַנט, רואיק עטלעכע מאָל דורכגעקעמט זיינע קורץ־געשאָרענע, גראָב־נאָדלדיקע האָר. ער האָט ערנסט אַ דריק געטאָן דעם שטערן, אויף וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעלייגט עטלעכע שאַרפע קאַרבן. זיינע ברייט־צעעפנטע גרויע אויגן האָבן אַ שטרענגן קוק געטאָן אויפן יינגל, ווי ער וואָלט צו אים געהאַט אַ טענה, הלמאי ער ווייסט ניט אַליין, וואָס ער איז. נאָך אַ היפּשער ווילע שווייגן האָט פרעדי ווייטער פאָרגעזעצט דאָס לייענען. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט ער צופרידן זיך אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן:

— איצט, באָבי, גייען מיר אין די מואוויס.

באָבי האָט מיט פרייד פאַרוואָרפן די הענטלעך אַרום דעם אַנקלס האַלדז און לוסטיק אויסגעשריגן:

— אָ, דאָס איז וואונדערבאַר! איך האָב אַזוי ליב צו גיין מיט דיר אין די מואוויס.

— פאַרגעס נישט, מאָרגן איז זונטיק, — האָט דער אַנקל מיט שטאָלץ פון זיין גוטסקייט אים דערמאָנט — מאָרגן גייסטו מיט מיר זען דאָס באָל־שפּיל.

— איך געדענק, איך געדענק, אַנקל פרעדי! — האָט דער קליינער באָבי אונטערגעשפּרונגען פון פרייד.

:: :: ::

אַנקל פרעדי

— מאַ, וואָס בין איך, אַ ייד, צי בישט קיין ייד? — האָט באַבי אַמאָל אַ פרעג געטאָן די מוטער.

— דו וויסט, באַבי, דעדי האָט געזאָגט, ער וועט דיר קויפן אַ נייעם „באַיק” צו דיין געבורטסטאָג, — האָט זי אַ זאָג געטאָן אַנשטאָט צו ענט־פערן אויף זיין פראַגע.

זי האָט מיט דעם געוואָלט אָרויסרופן ביים ייִנגל אַ גרעסערע ליב־שאַפט צום פאָטער.

— איך וועל דיר מאַכן אַ גרויסע „פאַרטי” — האָט זי פאַרגעזעצט אים פאַררעדן מיט גוטע צוזאָגן.

— מאַ, זאָג מיר, וואָס בין איך? — האָט דאָס ייִנגל אָפּטער אָנגע־הויבן מוטשען די מוטער, און זי האָט אַלץ פּרובירט פאַררעדן אים מיט עפּעס אַנדערש.

די קריסטלעכע קעטלין איז יעדעס מאָל ביי דער פראַגע געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. איר האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן, ווי זי וואָלט אין דעם דערזען סימנים פון עפּעס שרעקלעכעס.

באַבי האָט געוואוסט, אַז דער פאָטער איז אַ ייד. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז זיין מוטער איז אַ קריסטין. דאָס האָט די מוטער אַליין אַמאָל אים געזאָגט. האָט ער געוואוסט, אַז אַנקל פרעדי איז אויך נישט קיין ייד, און אים געפעלט שטאַרק צו זיין, וואָס אַנקל פרעדי איז.

די גאַנצע זאַך איז אָבער געווען ניט קלאָר פאַר באַבין. אַ מאָדנער געפיל האָט דאָס ייִנגל געמאַטערט און ער האָט נאָר געוואָלט די מוטער זאָל אים ענטפערן, אים דערקלערן, וואָס ער איז.

אין דעם קליינעם שטעטל פון דער סאַוט, וואו די פאַמיליע גאַרין האָט געוואוינט, זיינען קיין סך יידן ניט געווען. פונדעסטוועגן האָט די קליינע צאָל יידן געהאַט אַ שול און אַ ראַבאַי. אין די זונטיקס האָבן טייל פון זיי געשיקט זייערע קינדער צום ראַבאַי, ער זאָל מיט זיי לערנען יידי־שע רעליגיע און געשיכטע.

מאַרק גאַרין, אַליין אַ געבאָרענער אין דער סאַוט, האָט ווייניק וואָס געוואוסט פון יידישקייט. האָט ער קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן שיקן אַהין זיין קינד. קעטלין איז אויך קיינמאָל ניט געגאַנגען אין קירך. זי האָט קיינעם ניט געהאַט פון איר פאַמיליע, אַ חוץ דעם איינציקן ברודער פרעדי.

איינמאָל איז באַבי צוגעשטאַנען צו דער מוטער און זי ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט אין איין אָטעם געפרעגט:

— וואָס בין איך, מאַ, וואָס בין איך?

בעלאַ גאָלדווירט

זי האָט אָנגעהויבן ווייך גלעטן זיין קאָפּ, אים צערטלען, ווי זי וואָלט אויף אים רחמנות געהאַט. און ניט קוקנדיק דעם קינד אין פּנים אַריין, גלייך ווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק, האָט זי געזאָגט:

— וואָס איז דער אונטערשייד? דו ביזט אַ מענטש, אַלע מענטשן זיינען גלייך.

— מאַ, אָבער אַנקל פרעדי זאָגט, אַז יידן זיינען אַנדערש.

קעטלין איז אַ צערודערטע אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער. זי איז באַלד צוריק אַריינגעקומען מיט פּידזשאַמעס אין האַנט.

— דאָ האָסטו דיינע פּידזשאַמעס, שוין צייט פאַר דיר גיין שלאָפן, — האָט זי מיט אַן אויפגערעגטן טאָן געזאָגט צום יינגל.

— אַזוי פרי שלאָפן, — האָט זיך באָבי געבייזערט.

:: :: ::

ביז קעטלין האָט זיך באַקאַנט מיט מאַרקן, האָט זי ווייניק געוואוסט פון יידן. זי האָט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן אַן אונטערשייד צווישן קריסט און ייד. זי איז געווען יונג און צאַרט, נאָך קיין גאַנצע זיבעצן יאָר ניט אַלט געווען. זי האָט ליב געהאַט אַלע מענטשן. זי האָט זיך גע־האָדעוועט אָן אַ מאַמען און האָט שטאַרק געבענקט נאָך אויפמערקזאַמ־קייט, נאָך ליבע.

מאַרק האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט די מיטלשול. ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר. נאָר מאַרק איז געווען אַ קינד פון אונטער דער מאַ־מעס פאַרטוך. אים איז שוין אַפילו יאָ געווען באַקאַנט, דורך זיינע על־טערן, אַז אַ ייד איז נישט דאָסזעלבע וואָס אַ קריסט. אָבער וואָס און ווען האָט ער קיינמאָל ניט געטראַכט, ניט געוואָלט וויסן. און ווען זיינע על־טערן האָבן פּרובירט אים דערקלערן, ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט קעטלין, אַז ער דאַרף בעסער הייראַטן מיט אַ יידישער מיידל, האָט ער ניט געוואָלט פון דעם הערן.

מאַרק, ווי אַ סך אַנדערע יונגעלייט, האָט קאָנצענטרירט זיינע גע־דאַנקען אויף ביזנעס. וועגן אַנדערע זאַכן האָט ער ווייניק געוואוסט און ניט געטראַכט. זיין וועלט איז געווען — ביזנעס. אים איז אָנגעגאַנגען בלויז זיין אייגן פּערזענלעך לעבן. אַנדערע זאַכן האָבן אים ניט אינטע־רעסירט.

זינט פרעדי איז געוואָרן אַ מענעדזשער ביי דער מיליאָנערסקער פירמע, פון וועלכער דער אייגנטימער איז אַ פירער פון אַ ראַסן־העצערי־שער אָרגאַניזאַציע, האָט קעטלין שוין נישט איינמאָל באַמערקט, אַז ער איז אומצופרידן, וואָס איר מאַן איז אַ ייד.

אַנקל פרעדי

קעטלין האָט זיך נישט געפילט בכוח צו פאַרפירן מיט פרעדין וועגן דעם אַ דיסקוסיע. זי האָט נישט פאַרמאָגט דעם געהעריקן וויסן צו קאָנען אָפּשלאָגן זיינע מיינונגען. זי האָט זיך נישט געוואָלט קריגן מיט פרעדין. זי האָט געהאַט צו אים אַ וואַרעמען שוועסטער־געפיל. זי האָט אים גע־האַלטן פאַר אַ געטרייען ברודער.

ווען זייערע עלטערן זיינען געשטאָרבן, איז זי אַלט געווען פינף יאָר, און פרעדי פערצן. אַן אַלטע טאַנטע האָט זיי גענומען צו זיך, אָבער פרעדי איז גאָר גיך געוואָרן איר דערציער. ער איז צו איר געווען ווי אַ טאַטע און אַ מאַמע צוזאַמען. און אַפילו שפּעטער, נאָך דער חתונה, האָט ער איר אַ סך געהאָלפן. אַ דאַנק פרעדין איז איר מאַן אַריין אין די מע־נער־קליידער ביזנעס און מיט זיין הילף האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט.

גאַרינס סטאַר איז פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערט געוואָרן. ער איז געווען מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין די ביזנעס. אַפילו אין יום־טוב טעג, ווען ער איז געווען אין דערהיים, זיינען אים געלעגן אין קאָפּ די ביזנעס. און צוליב דעם האָט ער זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיטן קינד. ער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז ער דאַרף זיין קינד דערקלערן, וואָס ער איז, פירן אים אויף אַ באַשטימטן וועג, צוגרייטן אים, ער זאָל קאָנען אויפנעמען דאָס לעבן מיט אַלע שוועריקייטן. ער זאָל פאַרשטיין, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, וואָס איז שיין און וואָס איז מיאוס.

גאַרין האָט נישט געהאַט קיין צייט פאַר דעם. דער ניט־פאַרהייראַ־טער פרעדי, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט פון דער שוועסטער, האָט זיך דערפאַר שוין גאָר אַ סך אָפּגעגעבן מיט באַבין.

דאָס יינגל איז געוואָרן צוגעלאָזן צו אים און האָט שטאַרק ליב גע־קראָגן דעם אָנקל.

גאַרין האָט אַפילו געוואוסט, אַז זיין שוואָגער איז אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע, וואָס העצט קעגן נעגערס און האָט ניט ליב קיין יידן, אָבער ס'איז אים קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז פרעדיס אָפּגעבן זיך מיט באַבין וועט אים ברענגען שאָדן, אַז זיין קינד וועט זיך וועלן פון אים אָפּטרייסלען.

באַבי איז איינמאָל געקומען פון סקול און אויסגעשאָסן מיט אַ גרויס געוויין:

— איך וויל נישט זיין קיין ייד! איך וויל נישט זיין קיין ייד!

— באַבי טייערער, וואָס איז פּלוצלינג געשען? — איז די מוטער צו אים צוגעלאָפן.

— אַ יינגל אין סקול האָט מיך גערופן שמוציקער ייד. איך וויל ניט זיין קיין ייד, איך וויל זיין, ווי אָנקל פרעדי.

בעלא גאָלדווירט

די מוטער איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטע.

— באַבי, וואָס רעדסטו ? דו קאָנסט ניט זיין ווי אָנקל פרעדי. דער־די איז אַ ייד, דו ביזט אַ ייד.

— נישט אמת ! — האָט זיך דאָס ייִנגל געוואָרפן. — איך וועל קיינ־מאָל ניט זיין קיין ייד ! יידן זיינען שלעכטע !

— איז דיין פאָטער אַ שלעכטער ? — האָט די מוטער פאַרצווייפלט געפרעגט. — אַ שלעכטע ייִנגל האָט דיך געדופן שמוציקער, — האָט זי מיט טיפן ווייטיק אַרויסגעשריגן. — ער איז אַ ליגנער, דו ביזט ניט קיין שמוציקער ! ביזט פונקט אַזוי ריין, ווי ער איז.

— ניין, דעדי איז ניט קיין שלעכטער, — האָט באַבי זיך געריסן צו דעם פריערדיקן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, — אָבער די אַנדערע יידן זיי־נען ניט קיין גוטע — האָט ער דורך טרערן געפליסטערט.

— נאַרישקייטן ! — האָט זיך די מוטער צעשריגן. — איז אָנקל „על" אַ שלעכטער ? איז ענטי „פעי" ניט קיין גוטע ? און קאָזין „פיל" ? זיי זיינען יידן ! — האָט קעטלין אָנגעהויבן אויסרעכענען דעם מאַנס משפחה. — האָסטו ניט אַליין געזאָגט, אַז דו האָסט זיי ליב ? — האָט זי געזוכט צו דערוועקן אין באַבין די ליבשאַפט צום פאָטערס פאַמיליע.

— אָבער אָנקל פרעדי האָט מיר געזאָגט — האָט באַבי געפלאָנ־טערט מיט דער צונג, געריבן מיט ביידע הענט די פאַרוויינטע אויגן, און אויף קיין פאַל ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן.

— דריי ניט קיין קאָפּ ! דו האָסט ניט פאַרשטאַנען, וואָס אָנקל פרעדי האָט געזאָגט, — האָט זי געוואָלט אים פאַררעדן.

אין מיטן אַמפערן פון מוטער און זון איז אַריינגעקומען גאַרין.

— וואָס גייט דאָ אָן ? וואָס זענט איר ביידע אַזוי צערודערט, אויפ־געדעגט ? — האָט גאַרין רואיק, אָבער ערנסט געפרעגט.

מאַמע און זון האָבן געשוויגן. ביידע האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער פון אים, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט אים קוקן אין די אויגן.

— וואָס איז, באַבי ? דו קריגסט זיך מיט דער מאַמען ? — האָט דער פאָטער מיט ווייכקייט זיך געווענדט צום זון.

ווען דער ייִנגל האָט ניט געענטפערט, האָט גאַרין געמאַכט עטלעכע טריט, אויסגעצויגן זיינע הענט, ווי צוויי פליגלען, און אַריינגענומען אין זיי באַבים פּנים. דער פאָטער האָט אויפגעהויבן דעם קינדס קאָפּ און מיט אַ ליבן שמייכל אַריינגעקוקט אים אין די אויגן אַריין. באַבי האָט אָבער באַלד זיך געגעבן אַ דריי אויס, מיט כעס זיך אַרויסגעריסן פון פאָטערס הענט, און אויסגעבראָכן מיט אַ ביי געוויין. קעטלין איז גע־שטאַנען אין אַ זייט און שטיל געווישט די טרערן.

אַנקל פרעדי

גאַרין האָט זיך אויסגעדרייט, זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. ער האָט געוואָלט געפינען מיט די אויגן די סיבה, פאַרוואָס דאָס ווייב מיטן זון וויינען.

— וואָס איז דער געוויין? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אין דער וועלט אַריין, ניט וויסנדיק צו וועמען זיך צו ווענדן.

— איך וויל ניט זיין קיין ייד! איך וויל ניט זיין קיין ייד! — האָט זיך באָבי צעשריגן מיט אַ יאָמערלעך קול.

דעם פאָטערס אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט. עטלעכע רגעס איז ער געשטאַנען, ווי אַ פאַרגליווערטער. זיין בלוט און פלייש וויל ניט געהערן צו אים. זיין קינד וויל זיך פון אים אָפּרייסן. אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט, מיט אימפּעט אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס רעקל, אַ וואָרף געטאָן דאָס אויף אַ שטול, אַרויסגעכאַפּט אַ טיכל פון דער הויזן־קעשענע און שנעל, מיט גרויס נערוועזקייט געווישט דעם שוויס פון שטערן, וואָס האָט פלוצלינג אויף אים אַרויסגעשלאָגן.

קעטלין איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין אַ זייט און שטיל געשלונגען די טרערן.

— פאַרוואָס האָב איך פאַר מיין חתונה מיט מאַרקן זיך ניט באַקלערט, אַז מיין קינד קאָן מיר אַמאָל אפשר פרעגן, וואָס ער איז. איך האָב אפשר אינגאַנצן נישט געדאַרפט חתונה האָבן מיט מאַרקן, איך האָב נישט געדאַרפט האָבן קיין קינד, נישט געטאָרט, — האָט זיך פלוצלינג אַריינגעריסן צו איר אַ חרטה־געפיל. — די מענטשן קאָנען נאָך נישט איינזען, אַז פעלקער קאָנען זיך פאַראייניקן, אַז איינער איז ניט אַנדערש פון צווייטן, — האָבן זיך אין איר אַריינגעריסן געדאַנקען. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז איר קינד לעבט איצט איבער עפּעס שרעקלעכעס, עפּעס וואָס פאַרקלעמט זיין לעבן, וואָס וועט אים ניט לאָזן זיך פריי אַנטוויקלען.

זי האָט אויסגעדרייט עטוואָס דעם קאָפּ, פון דער זייט אַ בליק געטאָן אויף איר מאַן און באַמערקט אויך זיין ווייטיק. זי האָט אים גוט פאַרשטאַנען און עס האָט נאָך מער זיך געוועקט אין איר די ליבע צו אים. זי האָט געפילט, אַז איר האַרץ ווערט צעריסן אויף שטיקער סיי פון דעם וואָס איר קינד לעבט איבער, סיי פון דעם וואָס דער מאַן האָט יסורים.

גאַרין האָט זיך אַוועקגעזעצט, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, איינגעפלאָכטן איינס אין אַנדערן די פינגער פון ביידע הענט און געשוויגן, ווי עס וואָלט ביי אים געוועזן אָפּגענומען דאָס לשון.

באָבי האָט ניט אויפגעהערט וויינען. קעטלין איז פּאַמעלעך אַריינגעגאַנגען אין קיך.

— דיין ברודערס אַרבעט, — האָט מאַרק שטיל איר נאָכגעשיקט די ווערטער.

בעלא גאָלדווירט

ווי אַ קללה האָבן די ווערטער זי פאַרפּאָלגט. קעטלין האָט אַ צע־טומלטע זיך געדרייט אין קיך, ניט געוואוסט וואָס זי זאָל טאָן, און מיט גרויס צערודערטקייט אָנגעהויבן גרייטן דעם טיש צום עסן.

מאַרק האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז זיין יידישער נאָמען איז מאיר, אַז זיין פאָטער הייסט יוסף, זיין מאַמעס נאָמען איז רבקה און באָבי הייסט ברוך. עס האָט אויפגעוואַכט אין אים זיין אָפּשטאַם. מיט אַמאָל איז אים נאָענט און ליב געוואָרן דאָס יידישע פאָלק.

— איך וויל נישט, ער זאָל מיין שוועל אַריבערטרעטן,—האָט גאָרין אַריינגעשריגן צום ווייב, ניט אָנרופנדיק קיין נאָמען, און כאָטש קעטלין האָט געשוויגן, האָט ער אָבער געוואוסט, אַז זי זאָגט:

— ניין, איך וועל נישט פאַרשטויסן מיין ברודער.

כאָטש אַלץ איז גאָרינען געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך, דאָך האָט ער צוגערופן באָבין און אים אויפגעפאָדערט צו רעדן.

— זאָג מיר נאָר באָבי, ווער האָט דאָס דיר געלערנט ניט צו וועלן זיין קיין ייד?

— ער ווייסט נישט, וואָס ער רעדט, ער פּלאַפּלט, — איז די מוטער אַריינגעשפּרונגען פון קיך.

— איך רעד דאָך איצט צו אים. דו מיש זיך ניט אַריין! — האָט דער מאַן מיט אויפרעגונג אַ געשריי געטאָן, ווי זי וואָלט געהאַט אַ חלק אין דעם וואָס דער זון וויל ניט זיין קיין ייד.

קעטלין האָט זיך אַזש אַ וואַקל געטאָן פון דעם געשריי. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען מאַרקן אַזאַ דערצאָרנטן. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט אויף איר אַזאַ גרילץ געטאָן, אַוועקגעשאַרט זי אין אַ זייט, ווי זי וואָלט קיין שום דעה ניט געהאַט, ווי זי וואָלט געווען אומ־ווירדיק ביי אים. ער האָט אַוועקגעשאַרט דאָס ווייב און נאָך מיט מער שטרענגקייט גענומען אויפן פאַרהער דעם זון.

דאָס ייִנגל האָט, ווייזט אויס, דערפילט, אַז עס וועט ניט אַרויסקומען קיין גוטס, אויב ער וועט זאָגן דעם אמת, האָט ער מיט שרעק אַרויסגע־שטאַמלט:

— איך האָב ליב אָנקל פרעדי! — און עס האָט פון אים אַרויסגע־פּלאַצט אַ נייער געוויין.

— האָסט ליב אָנקל פרעדי, — האָט דער פאָטער דורך קריצנדיקע ציין אַרויסגעברומט. מיט אַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שטול, ער האָט אַרומגענומען דעם שטערן מיטביידע הענט און שטאַרק געדריקט די שלייפן, פונקט ווי ס'וואָלט אים וויי געטאָן דער קאָפּ און מיטן דריקן וויל ער צערייבן דעם ווייטיק.

אַנקל פרעדי

נאָך דער פּאַסירונג האָט גאָרין, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אויסגעזידלט פרעדין. עס איז געקומען צו אַן ערנסטער קריגעריי צווישן די שוואָגערס. פרעדי האָט אויפגעהערט קומען צו דער שוועסטער אין הויז אַריין.

„באָבי מוז גיין אין דער יידישער זונטיק־שול" — איז גאָרינען איינגעפאַלן. — „זאָל ער כאָטש וויסן זיין אָפּשטאַם, זיך באַקאַנען מיט דער יידישער געשיכטע".

ווען ער האָט דאָס איינמאָל אין אַ זונטיק איבערגערעדט מיט זיין ווייב, איז קעטלינס פּנים געוואָרן אומעטיק.

„עס איז ניט בויטיק, ער וועט זיך באַגיין", — האָט זי געוואָלט זאָגן. נאָר ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן און דערזען צער אין זיינע אויגן, האָט אַ קלאַפּ געטאָן איר האַרץ. זי האָט אים פאַרשטאַנען, באַלד געוואוסט, פאַרוואָס ער וויל דאָס טאָן, און קיין וואָרט ניט געזאָגט.

„אָבער באָבי וועט דאָך נישט וועלן גיין אין סינאַגאָגע. ער איז אַן איינגעשפּאַרטער און ער איז שוין באַלד צוועלף יאָר אַלט. איך וועל דאָך אים ניט קאָנען צווינגען", — אַזוי האָט זי פאַרביטערט געטראַכט.

:: :: ::

— איך האָב באַשלאָסן צו פאַרקויפן די ביזנעס, — האָט מאַרק איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב.

— וואָס איז פּלוצלינג געשען? האָסט דאָך מיר נישט לאַנג צוריק געזאָגט, אַז די ביזנעס גייען גוט? — האָט קעטלין אַן איבעראַשטע געפרעגט.

— יאָ, עס איז אמת, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אָבער איך וויל פון דאַנען אוועק, אַנטלויפן פון דיין ברודער. ער סמט אונדזער קינד. איך קאָן דאָ מער ניט פאַרבלייבן.

גאָרין האָט פּלוצלינג פיינט געקראָגן זיינע ביזנעס. ער האָט פיינט געקראָגן דאָס אָרט, וואו ער האָט געוואוינט. עס האָט אים אַ צי געטאָן צו אַ גרעסערער שטאָט, וואו עס געפינען זיך מער יידן; זיין קינד וועט אפשר אין אַזאַ פּלאַץ אַרויסוואַרפן פון זיך דעם געדאַנק, אַז ער וויל ניט זיין קיין ייד. אַזוי איז גאָרינען איינגעפאַלן. ער האָט געזוכט מיטלען, אַז זיין זון זאָל זיך אויפהערן שעמען מיט אים, און ער האָט זיך ניט געקאָנט דערטראַכטן צו עפּעס אַנדערש.

קעטלין האָט דערפילט, אַז מיטן פאַרקויפן די ביזנעס, וועט רואיגירט איר מאַטעריעלער גוטער לעבן. זי האָט אָבער ניט געוואַגט אים צו שטערן, וויסנדיק צוליב וואָס ער וויל דאָס טאָן.

בעלאַ גאָלדווירט

— אָ, ווען וועט שוין קומען אַ צייט, אַז מען זאָל נישט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן איין פֿאָלק און אַ צווייטן? — האָט זי אַרויסגעפּליס־טערט. אויך גאָרינס האַרץ איז אין דעם מאָמענט פאַרקלעמט געוואָרן, און וועלנדיק איבעררייסן די שטימונג, האָט ער אַ רוף געטאָן: באַבי! — ווי ער וואָלט אים פּלוצלינג געוואָלט זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס. ווען ער האָט געזען, אַז באַבי איז נישטאָ אין הויז, האָט ער מיט גרויס אויפרע־גונג אַ געשריי געטאָן:

— שוין ווידער מסתמא געלאָפן צו אַנקל פרעדי!

גאָרין איז נאָך אַלץ געווען אומרואיק וועגן זיין באַבין. עס האָט זיך אים נאָר געדאַכט, אַז באַבי האַלט זיך נאָך אַלץ אָן פרעדין.

„באַבי וואַקסט אונטער”, האָט ער געטראַכט, „ער הייבט אָן גיין מיט מיידלעך”. ביי גאָרינען האָט זיך געשאַפן אַ וואונטש, אַז זיין זון זאָל הייראַטן אַ יידיש מיידל. אין דעם שטעטל, וואו ער האָט געוואוינט, זיי־נען אָבער געווען ווייניק יידן. האָט גאָרין אָנגעהויבן שטרעבן צו אַ גרע־סערער שטאָט. אַ שטיק צייט האָט ער זיך געראַנגלט מיט דעם געדאַנק. סוף־כל־סוף האָט ער באַשלאָסן צו פאַרקויפן די ביזנעס מיט זיין פריוואַטן הויז, וואו ער האָט געוואוינט, און אַרויסציען זיך קיין שיקאַגע.

דאָס אויספאַרקויפן איז פאַר קעטלין געווען ווי מען וואָלט פון איר אויסגעטאָן אירע מלבושים און אַרויפגעצויגן אויף איר שווערע ניט קיין צוגעפּאַסטע בגדים. זי האָט געיאָמערט און געקלאָגט, וואָס זי פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

דאָס נייע אָרט אין שיקאַגע איז פאַר גאָרינען גאָר ניט געווען מזל־דיק. צו וואָס ער האָט זיך נאָר גענומען, האָט זיך אים ניט איינגעגעבן.

ער האָט פאַרלאָרן אַלץ, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דעם קליי־נעם שטעטל. צום סוף האָט ער געמוזט ווערן אַן אָנגעשטעלטער ביי יע־נעם אין אַ געשעפט. קעטלין האָט זיך דערפון גענומען צום האַרצן. זי איז געוואָרן שטאַרק נערוועז און זיך געהאַלטן אין איין קורירן. מאַן און ווייב האָבן ווייניקער גערעדט צווישן זיך. יעדערער פון זיי האָט באַזונ־דער געטראָגן אין זיך פאַרשלאָסן די פאַרדראָסן, די חרטה־געפילן. פון צייט־צו־צייט פלעגט קעטלין אַרויס פון געדולד, זי האָט געמאַכט אַ סך פאַרוואורפן איר מאַן. זי האָט ניט אויפגעהערט האָבן צו אים טענות, אַז ער איז שולדיק אין איר קראַנק זיין. אין דער גרויסער שטאָט פאַלט איר צו שווער דאָס לעבן. אין קליינעם שטעטל האָט זי געהאַט אַ דינסט. דאָ מוז זי אַליין טאָן די גאַנצע הויז־אַרבעט, צו וועלכער זי איז ניט געוואוינט.

ערגער פון אַלעמען איז געווען פאַר גאָרינען. וואָס ער האָט באַ־

אַנקל פרעדי

מערקט, אַז זיין זון מיידט אויס יידישע מיידלעך. ער האָט מיט אים גע־
האַט וועגן דעם אַ שמועס, נאָר באַבי האָט אים אָפן געזאָגט:

— איך וועל קיינמאָל ניט הייראַטן קיין יידיש מיידל.

דער פאָטער האָט פון דעמאָלט אָן אויפגעהערט רעדן מיטן זון. צום
ווייב האָט ער איינמאָל געזאָגט: — פרעדיס איינפלוס איז אין אים פאַר־
בליבן.

צו שפּעט

בערנאַרד גרין האָט אין זיין פריער יוגנט געהאַט אַ נייגונג צו מאַלעריי. האָט ער דערפאַר זייער ליב געהאַט זיין פאַך אַלס מאָדעליסט ביי דאַמען־מאַנטלען. ער איז נאָר ניט צופרידן געווען, וואָס זיין אַרבעט נעמט ביי אים אַוועק כמעט זיין גאַנצע פרייע צייט. זעקס טעג אַ וואָך מוז ער זיין אין שאַפּ — צי עס איז יאָ פאַראַן אַרבעט, צי עס איז ניט פאַראַן. און די שעהן זיינען אומגעציילטע.

זיין פרוי איז אַוודאי ניט געווען צופרידן פון דעם, וואָס ער דאַרף אַוועקגעבן אַזויפיל צייט פאַרן באַלעבאָס. אמת, ער האָט גאַנץ שיין פאַרדינט ווען ער האָט געאַרבעט. אירע אייגענע האָבן איר אַלעמאָל מקנא געווען, וואָס איר מאַן איז אַ „דעזאַינער" און ער ווייסט ניט פון קיין „סלעק", ווי אַנדערע אַרבעטער. אָבער זיין פרוי האָט זיך אַלעמאָל געוואונטשן, „הלוואַי וואָלט ער געווען אַ פּשוטער מאַשין־נייער, וואָלט ער גיכער געקאָנט עסן אין צייט און לעבן נאָרמאַלער, ווי אַ „דעזאַינער".

יעדן אָוונט איז בערנאַרד שפּעט אַהיימגעקומען. אָבער ווען עס האָט זיך געמאַכט, אַז ער איז אַהיימגעקומען נאָך שפּעטער, ווי געוויינלעך און עסן אַ פולן געקאָכטן מאָלצייט איז שוין געווען צו שפּעט, דעמאָלט האָט זיין פרוי גאָר אַ סך דערפון געליטן. איר פּנים האָט געקראָגן אינגאַנצן אַן אַנדערן אויסזען. די טונקעלע, שיינענדיקע אויגן אירע האָבן פאַרלאָרן דעם גלאַנץ, ווי אַ נעפּל וואָלט זיך איבער זיי פאַרצויגן. די עטוואָס געבויגענע, לענגלעכע נאָז, האָט זיך געדאַכט, איז ביי איר לענגער געוואָרן; דאָס מויל האָט זיך אָנגעשנאָבלט פונקט ווי די ליפּן וואָלטן געווען מ׳ ז אַ צוואַנג צוגעקלעמט און אינעווייניק זיינען געלעגן ווערטער, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט דורכצורייסן די פאַרקלעמטע ליפּן און אויסשרייען:

— עס איז ניט קיין וואונדער וואָס דו האָסט זיך איבערגעפירט דעם מאָגן, און ווי לאַנג קאָן אַ מענטש אָנגיין מיט אַזאַ אומנאָרמאַלן לעבן?

אָבער זי האָט ניט געעפנט דאָס מויל, אַפילו די פאַרע ניט אַרויסגעלאָזט. זי האָט זיך באַטראַכט, אַז די רייד אירע וועלן סיי־ווי־סיי זיין אַרויסגעוואָרפן, ווייל ער קאָן זיך ניט העלפן. האָט זי זיך שטיל אַרומגעדרייט אין קיך און אויפגערואַמט די ניט־געגעסענע וועטשערע.

ער האָט באַנומען דעם גליוּוער פון זיין ווייבס שווייגן, און האָט זיך געפילט, ווי שולדיק. אָפט מאָל האָט ער איר דערציילט די סיבות, פאַרוואָס ער האָט ניט געקאָנט פריער אַהיימקומען.

צו שפעט

צוליב דעם, וואָס זי איז זעלטן ווען ערגעץ געגאַנגען האָט זי זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט דערווירטשאַפט.

די ווענט פון אירע צימערן זיינען געווען באַהאַנגען מיט פיינע ביל־דער; די פאַרהענגלעך זיינען געווען האַנט־געשטריקטע און געהאָפטענע, אויף די טישלעך זיינען געווען צאַצקעס און אומעטום זיינען געווען לעבע־דיקע און ניט־לעבעדיקע בלומען. אַז מען איז אַריינגעקומען אין הויז האָט מען ניט געוואוסט, וואו די אויגן פריער צו ווענדן. יעדע זאַך איז שטענדיק געשטאַנען פּינקטלעך אויפן אָרט. די ריינקייט האָט אַרויסגע־בלאַנקט פון יעדן ווינקעלע. מיט דער שיינער היים האָט זי, ווייזט אויס, געוואָלט פאַרגלעטן איר אומצופרידנקייט.

אין די זונטיקס זיינען צו זיי גאַנץ אָפט געקומען פריינט, וואָס האָבן געקאָנט בערנאַרד גרין נאָך פון דער אַלטער היים. זיי האָבן געדענקט די צייטן, ווען ער האָט ליב געהאַט גיין פאַרברענגען מיט אַ גרופּע גוטע ברידער, קויפן פאַר אַלעמען בילעטן צו קאָנצערטן, טעאַטער און נאָכן טעאַטער רופן אַלעמען אויף אַ טרונק און צובייס. זיי האָבן געדענקט די צייטן, ווען ער האָט אויף חתונות אָנגעפירט מיט די טענץ, אַלע מאָל באַ־פוילן די קלעזמער וואָס צו שפּילן און אַליין באַווייזן וואונדער ביים טאַנצן.

אַז די לאַנדסלייט זיינען אַרויסגעגאַנגען פון זייער הויז, פלעגן זיי איבעררײַדן איינער צום אַנדערן:

— ער איז גאָרניט דערזעלבער בערקע, וואָס אַמאָל. פון זיין אַמאָ־ליקער לוסטיקייט זעט מען אַפילו קיין סימן ניט. ער איז דאָך ערשט אין די פריע פערציקער און עס ליגט שוין אויסגעצויגן אויף זיין פּנים עפּעס אַזאַ טיפע ערנסטקייט, ווי ער וואָלט געווען גאָר ווייט, ווייט אַוועק פון זיין יוגנט. וואָס אומשטענדן קאָנען אַלץ מאַכן פון אַ מענטש!

היינט איז בערנאַרד אַ געלאַסענער, אַ רואיקער מענטש. ער רעדט געציילטע ווערטער. זיין בליק איז פול מיט ווירדע צו זיך אַליין.

אויפן אויסזען האָט ער זיך אַפילו ווייניק וואָס געביטן. בלויז די פאַרב פון זיינע באַקן איז אַביסל בלאַסער געוואָרן, אָפּגעבליאַקעוועט גע־וואָרן. זיינע ווייסע פּערלדיקע ציין שיינען נאָך ביז היינט אַרויס פון צווישן די גרעבלעכע פולבלוטיקע ליפּן. זיינע שוואַרצע האָר זיינען שוין אַפילו ערטערווייז אַביסל געזילבערט, אָבער זיי זיינען נאָך כמעט אַזוי געדיכט ווי אַמאָל, מיט די זעלבע קאַרבן, וואָס זעען אויס, ווי כוואַליעס פון אַ רואיקן טייך. עס איז אויך ביי אים פאַרבליבן דער גוטער געשמאַק און נעטקייט אין קליידן זיך. שטענדיק גייט ער אָנגעטאָן לויט דער מאָ־דע: ריין, עלעגאַנט און די בינדע זיינע איז אַלעמאָל צוגעפּאַסט צום העמד און צום אָנצוג.

בעלא גאלדווירט

ווען בערנאַרד גרין האָט אָנגעהויבן „אראָפּ פון פּנים" און פאַרלירן די כּוחות האָט דאָס ווייב זיך געבעטן ביי אים:

— בערנאַרד, גיי אַריין צו אַ ספּעציאַליסט און געפין אויס איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וואָס מיט דיר איז. פריער פון אַלץ דאַרף מען ראַטעווען דאָס געזונט.

און בערנאַרד האָט איר אַלעמאָל געענטפערט:

— דריי בעסער ניט קיין קאָפּ. פּונקט אין סאַמע ברען פון סעזאָן וועל איך גיין האָבן צו טאָן מיט ספּעציאַליסטן. און וואָס וועט זיין, אַז דער ספּעציאַליסט וועט זאָגן דאָס זעלבע, וואָס דער הויז־דאָקטאָר: איך זאָל גיין זיך אָוועקלייגן אין שפּיטאָל אַריין אויף אָבזערוואַציע? דאָס איז דאָך אַ מעשה אויף וואָכן! נו, וועט דער באָס וואַרטן אויף מיר? זאָל ער אַזוי האָבן לופט, ווי ער וועט וואַרטן.

בערנאַרד גרין האָט געאַרבעט אויף אַ נייעם פּלאַץ. נאָכדעם ווי ער האָט זיך פריער אַרומגעדרייט אַ קנאַפּ יאָר אָן אַרבעט, האָט ער שטאַרק מורא געהאַט ער זאָל ווידער ניט פאַרלירן זיין פּלאַץ.

ער האָט אָבער געפילט, אַז די כּוחות גייען אים אויס. פון טאָג־צו־טאָג ווערט ער שוואַכער. אין די שלאָפלאָזע נעכט האָט ער געטראַכט וועגן זיין געזונט:

— אפשר זאָל איך טאַקע מאָרגן גיין צו אַ ספּעציאַליסט. אָבער ווי אַזוי קאָן איך פּונקט אין סאַמע מיטן סעזאָן אָוועקגיין זיך היילן? דער באַלעבאָס וועט זיכער אויף מיר ניט וואַרטן, אַפילו קיין איין טאָג. ער וועט באַלד צונעמען אַ צווייטן אויף מיין אָרט. ווען איך וואָלט כאָטש געהאַט אָפּגעצאָלט די ח ו ב ו ת פון פריער, וואָס איך בין אַרומגעגאַנגען ליידיק. איך וואָלט שוין אפשר איינגעשטעלט דעם פּלאַץ. אָבער אַזוי לאַנג ווי איך בין אַזוי פאַרשולדיקט, קאָן איך אויף קיין פאַל ניט איינשטעלן.

— איך מוז צוזוואַרטן כאָטש נאָך עטלעכע חדשים, — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן. און בערנאַרד האָט זיך מיט אַלע זיינע כּוחות געשטאַרקט און יעדן טאָג געגאַנגען אין שאַפּ אַריין, אַהיימגעקומען שפּעט און גאָר ניט דערציילט זיין פרוי, אַז ער פילט זיך אַלץ ערגער און ערגער, ביז —

ער איז אָוועקגעפאַלן אין שאַפּ. מען האָט געמוזט אָפּרופן אַן אַמבולאַנס און אים אָוועקנעמען אין שפּיטאָל אַריין.

בערנאַרדס פרוי איז אינגאַנצן פריטשמעליעט געוואָרן פון דעם אומגליק. זי קאָן זיך גאָר ניט איינהאַלטן אין הויז, ווי עפּעס וואָלט זי אַרויסגעיאָגט פון שטוב. זי קאָכט ניט, ראַמט ניט. די הענט אירע לייגן זיך ניט צו קיין שום אַרבעט. זי און ביידע מיידלעך אירע קומען אַפּ גאַנ־

צו שפּעט

צע טעג מיט טרוקן עסן.

זי זיצט גאַנצע טעג אין גערטנדל, וואָס איז אַנטקעגנאיבער דעם שפּיטאָל און וואַרט אויף דער אָוונטיקער וויזיט־שעה.

שוין עטלעכע וואָכן, ווי מען האָט אָפּערירט דעם מאַן אירן און זי ווייסט נאָך ניט אויף וואָס די אָפּעראַציע איז געווען. זי וויל ניט וויסן. זי האָט מורא צו פרעגן דעם דאָקטאָר.

ווען זי זעט אים ליגן אויפן קראַנקן בעט, דאַכט זיך איר, אַז זיין געל אויסגעצערט פּנים איז ליכטיקער און שענער געוואָרן, אַז זיינע מאַטע אויסגעלאָשענע אויגן זיינען פרייער, שיינענדיקער און אַז זי וועט אים גאָר אין גיכן קאָנען אַהיימנעמען.

אָבער איין מאָל האָט זי דער פּראָפעסאָר, וואָס האט אים אָפּערירט, געטראָפן אין שפּיטאָל־קאָרידאָר און ער האָט צו איר אַ זאָג געטאָן:

— דיין מאַן האָט אַביסל צו לאַנג געוואַרט מיט זיין קרענק, די אָפּע־ראַציע איז געמאַכט געוואָרן צו שפּעט!

זי איז געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרגליווערטע. דערנאָך איז זי אַרויס־געגאַנגען פון שפּיטאָל און ווידער אַריינגעגאַנגען אין גערטנדל וואָס אַנט־קעגנאיבער און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק.

די גאַסן אַרום האָבן גערוישט מיט גרויסשטאָטישן טומל און געפּיל־דער. אין גערטנדל האָבן פייגעלעך אויף האַלב־נאַקעטע צווייגן אַרומגע־טאַנצט און באַגריסט דעם נייעם פרילינג.

פון די נאַר וואָס אויפגעמאַכטע קנאָספּן האָט זיך געשפּרייט אַ זאַפ־טיקער, פרישער ריח און פאַרשמעקט דעם גאַנצן אַרום. די זון האָט מיט גאָלדענע בליקן אַראָפּגעקוקט און מיט וואַרעמען אָטעם אָנגעפּילט דעם דרויסן.

אָבער בערנאַרדס פרוי האָט דערפילט אַ שוידערלעכע קעלט אין גאַנצן קערפּער. די ליפּן זיינען איר בלוי געוואָרן און דאָס פּנים איז איר געוואָרן געל, ווי וואַקס. זי האָט אינגאַנצן געציטערט. עס האָט איר גע־שווינדלט פאַר די אויגן, ווי אַלץ אַרום איר וואָלט זיך איבערגעדרייט קאַ־פּויער. אין די אויערן האָבן נאָך אַלץ געקלונגען דעם פּראָפעסאָרס ווער־טער: די אָפּעראַציע איז געמאַכט געוואָרן צו שפּעט.

— צו שפּעט! צו שפּעט!

ב

אַנטיקן

וואו נאָר מיסעס גאָלדע ווינער איז געגאַנגען, איז איר דער שילד גע־שטאַנען פאַר די אויגן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער שילד גייט איר נאָך און מוסרט זי, וואָס זי גייט פאַרביי און מאַכט זיך גאָר ניט וויסנדיק.

די ערשטע צייט, ווען מ'האָט איבער דער לײדיקער קראָם אויפגע־האַנגען דעם שילד, פלעגט מיסעס ווינער זיך אָפּשטעלן ביים פענצטער יעדעס מאָל, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען. ס'האָט איר נאָר געצויגן צו קוקן אויף דעם שילד מיט די גרויסע אויפשריפטן. זי האָט פאַמעלעך גע־לייענט און געלייענט און דווקא געוואָלט וויסן געניי, וואָס עס שרייבט זיך דאָרט.

און כאָטש מיסעס ווינער גייט שוין לאַנג אין סקול זיך לערנען ענג־ליש, פונדעסטוועגן איז איר נאָך אַלץ שווער צו לייענען און אַ סך ווער־טער פאַרשטייט זי נישט. האָט זי איינמאָל געעפנט די טיר פון דער קראָם, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און געפרעגט די פרוי דאָרטן, וואָס עס שרייבט זיך אויפן שילד.

די פרוי האָט זייער פריינטלעך געענטפערט, אַז מען בעט די איינ־וואוינער פון געגנט צונויפצונעמען אַלע מעטאַלענע אומגענוצטע זאַכן, און זיי אָוועקגעבן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד.

איצט ווען מיסעס ווינער גייט פאַרביי דער קראָם, דרייט זי אָוועק דעם קאָפּ, זי וויל ניט קוקן אויפן שילד. זי וואָלט אינגאַנצן געוואָלט פאַרגעסן, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ קראָם. איז אָבער די קראָם אויפן וועג, וואו מיסעס ווינער גייט איינקויפן און זי מוז דאָרט יעדן טאָג פאַרבייגיין. כאָטש זי קוקט ניט מער אין דעם פענצטער, דאָך טרעט ניט אָפּ דער שילד פון אירע אויגן.

אַ סך מאָל קומט זי אַרויף פון גאַס, לייגט אָוועק די פעקלעך אין קיך, שטעקט אַריין די הענט אין די קעשענעס פון איר מאַנטל און מיט איר אומגעלומפערטער הויכקייט שטעלט זי זיך אָוועק אויפן שוועל פון איר עס־צימער און קוקט אויף אירע מעטאַלענע זאַכן. איבער יעדן שטיקל מעטאַל, וואָס געפינט זיך אין איר שטוב, דאַכט זיך איר, וויקלען זיך די ווערטער פון שילד.

מיט אירע ברייטע היפּטן און מיטן צו־ברייטן מאַנטל, וואָס זי גייט אָנגעטאָן, פאַרנעמט זי שיר ניט די גאַנצע ברייט פון טיר. אירע זייער

גראָבע, מיט־גומענע־באַנדאַזשן־אַרומגעוויקלטע פיס, שטייען ווי קלעצער און רירן זיך ניט פון אָרט. דאָס ברוינע געשטריקטע קאָפּקעלע פאַררוקט זיך איר אויפן שפּיץ קאָפּ און די גלייכע, גרוילעכע האָר שטעקן ביי איר נאַכלעסיק אַרויס אַרום איינגעמאָסטשעטן, געלבלעכן פּנים. ס'דאַכט זיך דעמאָלט, אַז איר לענגלעכדיקע מאַרדעטשקע ווערט נאָך לענגער; די דאַרע, פאַרשפּיצטע נאָז נאָך שפּיציקער; די צונויפגעצויגענע, דינע ליפּן זענען אויס נאָך דינער, ווי זיי זיינען אין דער אמתן. אירע טונקעלע קליינע אויגן, וואָס האָבן אַמאָל געמוזט זיין שטאַרק חנעוודיק, ווערן ביי איר עטוואָס גרעסער. אַזוי קאָן מיסעס ווינער אָפּשטיין זייער לאַנג אויף דער שוועל פון איר עס־צימער־טיר און ניט געבן זיך קיין ריר, ווי אַ סטאַטוע וואָלט געשטאַנען אין אַ ראַם.

מיסעס ווינער היט אָפּ יעדע זאַך פון איר באַלעבאַטישקייט, ווי אַן אויג אין קאָפּ. יעדע קלייניקייט איז ביי איר אַ קערן. אַפילו אַלטע שמאַטעס, זאַכן, וואָס ברענגען איר ניט קיין שום נוצן, ליגן ביי איר אָוועקגעלייגט און עס איז איר אַ שאָד אַרויסצוואַרפן. גאָר, גאָר טייער זיינען ביי איר ירושה־זאַכן, זי היט זיי אָפּ, ווי עפּעס אַ הייליקטום. זי האָט בכלל אַ ספּעציעלע שוואַכקייט צו אַלטע פאַרצייטיקע זאַכן: וואָס עלטער אַ זאַך איז, אַלץ טייערער איז עס ביי איר, און אַלץ מער שטאַלצירט זי מיט דעם. איר הויז איז טאַקע אויסגעפּוצט מיט אַ סך אַלט־פרענקישע חפצים. מען קאָן שוין באַלד זאָגן, אַז עס זעט אויס ווי אַ מוזעאום. די מעטאַלענע זאַכן האָבן ביי איר פאַרנומען גאָר אַן אָנגעזען אָרט.

אויפן בופעט זיינען געשטאַנען צוויי מעשענע לייכטער, וואָס זי האָט געקראָגן פון איר שוויגער דרשה־געשאַנק צו איר חתונה. אויף אַ קליין טישל איז געשטאַנען אַ סאַמאָוואַר "אַ ירושה פון איר מאַמען" מיט צוויי גרויסע שטויסלען. איין שטויסל האָט איר די באָבע, דער מאַמעס מאַמע, געשענקט, דאָס צווייטע האָט זי געקראָגן פון אַן עלטער־מומען. אויפן גרויסן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסע קופּערנע וואַזע מיט פאַרשיידענע אויסגעקריצטע פיגורן. אויף אַן אַנדער טישל איז געשטאַנען אַ קופּערנע קוואָרט מיט צוויי אויערן. מיסעס ווינער האָט אין דער קוואָרט אַריינגעשטעלט בלומען און עס האָט אויך אויסגעזען, ווי אַ וואַזע. זי האָט אויך געהאַט גאָר אַן אַלטן מעשענעם חנוכה־לאָמפּ—אַ ירושה נאָך פון איר עלטער־זיידן. מיסעס ווינער האָט שוין פון לאַנג ניט געהאַט ווער עס זאָל ביי איר בענטשן חנוכה־ליכט. פונדעסטוועגן איז דער לאָמפּ ביי איר געווען זייער טייער. ווען דער לאָמפּ זאָל חלילה פאַרלאָרן ווערן, וואָלט ביי איר געווען אַ טראַגעדיע. אַלע יאָר, ווען עס איז געקומען חנוכה, האָט זי אַראָפּגענומען דעם לאָמפּ פון דער פּאָליצע, וואו ער איז געלעגן באַהאַלטן,

איינגעוויקלט אין פּאַפּירן און אין שמאַטעס. זי פלעגט אים גוט אָפּפּוצן און אַוועקשטעלן אויפן קיך־פענצטער אַלס צייכן פון חנוכה. א חוץ די אַלע זאַכן האָט זי געהאַט קליינע קופּערנע קווערטלעך, וואָס האָבן איר געניצט פאַר ציגאַרעט־אַש און עטלעכע מעשענע אַש־שיסעלעך.

אָבער זינט מ׳האָט אַרויסגעשטעלט דעם שילד, אַז מען בעט די איינוואוינער זאָלן אַריינברענגען זייער מעטאַל, קאָן מיסעס ווינער ניט רוען. שטעלט זי זיך אַלעמאָל אַוועק אויפן שוועל פון איר עס־צימער, זי קוקט, קוקט און טראַכט, וואָס זי זאָל אַוועקגעבן צו העלפן געווינען די מלחמה. און אַלץ איז איר אַ שאָד, מיט יעדער זאַך איז איר שווער זיך צו שיידן. אַ סך מאָל בלייבט זי שטיין, ווי אַ פּאַרגליווערטע און ווייסט ניט וואָס צו טאָן. נאָך דעם, ווי זי שטייט אָפּ ווי לאַנג, גייט זי צו צו יעדער זאַך באַזונדער, נעמט דאָס אין האַנט אַריין, באַקוקט עס פון אַלע זייטן פּונקט ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ נייעס. עס דערמאָנען זיך איר דעמאָלט די פאַרגאַנגענע יאָרן, די צייטן, ווען זי האָט די אַלע זאַכן געקראָגן און ווי אַזוי און וואָס עס איז געשען.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך איר מאַמעס טויט איז דער סאַמאָוואַר געווען ביי אירס אַ שוועסטער און זי האָט אים ניט געוואָלט אָפּגעבן. איז זי איינמאָל אַריינגעלאָפן צו דער שוועסטער און אַ כאַפּ געטאָן דעם סאַמאָוואַר, ווען ער איז געווען פול מיט זודיק וואַסער. די שוועסטער האָט געוואָלט אַרויסרייסן דעם סאַמאָוואַר פון אירע הענט און דאָס קאָכעדיקע וואַסער האָט זיך אַ גאָס געטאָן און זיי ביידע אָפּגעבריט. ביז היינט איז אויף דער לינקער האַנט פון מיסעס ווינער פאַרבליבן די הויט איינגעצויגן פון עלנבויגן ביז צו די פינגער. אַ גאַנצן ווינטער האָט זי דעמאָלט אָפּגעליטן פון דעם ברי. די שוועסטער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעבריט אַ פּוס און זי איז אויך עטלעכע וואָכן אָפּגעזעסן אין הויז און ניט געקאָנט אַרויסגייך.

יעדע זאַך האָט מיסעס ווינער דערמאָנט אין אַן אַנדער געשיכטע.

פונדעסטוועגן האָט זי פאַרט באַשלאָסן, אַז זי מוז עפּעס אַריינטראָגן אין דער „סטאָר" אַריין, דער שילד זאָל איר ניט נאָכגיין און ניט מאַטערן.

די טאָכטער, מיט וועלכער מיסעס ווינער האָט געוואוינט צוזאַמען, האָט זי מורא געהאַט צו פרעגן. זי האָט זיך געשראָקן טאָמער זאָגט צו איר די טאָכטער:

„מאַמע! וואָס דאַרפסטו די אַלע זאַכן? נעם טאַקע און גיב זיי בעסער אַוועק פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד".

נאָך אַ סך טראַכטן און קלערן האָט מיסעס ווינער צונויפגענומען אירע מעטאַלענע אַש־שיסעלעך מיט די קליינע, קופּערנע קווערטלעך און

געלאָפן דערמיט אין סטאָר אַריין. זי האָט דערפילט, ווי אַ באַרג וואָלט איר אַראָפּ פון קאָפּ. זי איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס זי וועט שוין אויך האָבן עפּעס צוגעטראָגן צו העלפן שלאָגן דעם שונא.

„איצט, אַז איך האָב געטאָן דאָס מייניקע", האָט זי זיך געטראַכט, „וועט מיר שוין מיין געוויסן ניט פּלאָגן".

ווען זי איז אַרויפגעקומען אין הויז אַריין נאָך דעם, ווי זי האָט אַריינגעטראָגן די פּאָר קליניקייטן, האָט זי זיך ווידער אַוועקגעשטעלט אויפן שוועל פון עס־צימער און ווידער געקוקט אויף אירע מעשענע און קופּערנע זאַכן.

זי איז צוגעגאַנגען צום קליינעם טישל, גענומעןביידע שטויסלען אין די הענט און געהויבן זיי אַרויף און אַראָפּ, ווי זי וואָלט זיי געוואויגן. „פון אַזעלכע שווערע זאַכן", האָט זי זיך געטראַכט, „קאָן מען מאַכן אַ שפּאָר ביסל קוילן צו שיסן די, וואָס מאָרדן, ברענגען אום דאָס יידישע פאָלק און ווילן אומברענגען די גאַנצע וועלט".

זי האָט גיך אַוועקגעשטעלט די שטויסלען אויפן זעלבן אָרט, וואו זיי זיינען שוין פון יאָרן געשטאַנען, און זי האָט זיך אַליין געטרייסט, אַז זי האָט שוין איר חלק געגעבן.

אָבער אין קאָפּ האָט איר אָנגעהויבן עקבערן אַ געדאַנק: „וואָס פאַראַ נוצן האָב איך געהאַט פון די שטויסלען די גאַנצע צייט זינט איך בין דאָ אין אַמעריקע און וואָס פאַראַ נוצן וועל איך האָבן, אַז זיי וועלן דאָ אָפּ־שטיין נאָך אַזויפיל יאָרן? גאָרניט! אפשר וועלן די קוילן, וואָס מען וועט פון זיי מאַכן, טרעפן אין סאַמע האַרצן אַריין די מערדער, וואָס מאַכן אַ תל פון דער וועלט?". נאָר באַלד איז איר געקומען אין זינען אַריין די באָבע מיט דער עלטער־מומען, אַז זיי האָבן איר געשענקט די זאַכן, זי זאָל פון זיי האָבן אַן אייביקן אָנדענק. „ווי־זשע קאָן איך דאָס אַוועקגעבן?" — האָט זי זיך געטראַכט.

לאַנג איז ביי איר פאַרגעקומען אין געדאַנק אַ שטאַרקער קאַמף ביז זי האָט איינמאָל אַ נעם געטאָן ביידע שטויסלען און זיי שנעל אַוועקגעטראָגן אין סטאָר אַריין. נאָך דעם האָט זי שוין אויפגעהערט טראַכטן, אַז זי דאַרף נאָך עפּעס אַוועקגעבן פון איר שטוב. עפּעס אַ קליי־ניקייט, זי האָט אַוועקגעגעבן אַזעלכע וויכטיקע זאַכן, וואָס זי האָט מיט־געפירט פון דער אַלטער היים, די גאַנצע צייט זיי געפוצט און אָפּגעהיט, ווי אַן אבן־טוב.

אַ שטיק צייט האָט מיסעס ווינער טאַקע שטאַרק געבענקט נאָך די שטויסלען. זי האָט געפילט, אַז עפּעס פעלט, אַז די שטוב איז געוואָרן פוסט און ניט איינמאָל האָט זי שווער אָפּגעזיפצט. ווען זי האָט געקוקט

אַנטיקן

אויפֿן לײדיקן אָרט, וואו זיי זײנען געשטאַנען. נאָר די טרײסט, אַז זי האָט אויך עפּעס בײגעשטײערט צו געווינען די מלחמה, האָט איר פֿאַרלײכטערט די בענקשאַפֿט.

ווען מיסעס ווינער האָט אײנמאָל אין אַן ערב יום־טוב צונויפֿגענו־מען אַלע אירע מעשענע און קופּערנע זאַכן צום פּוצן, האָט זי פּלוצלונג ווידער דערזען דעם שילד פֿאַר די אויגן. זי האָט אירע לאַנגע הענט פֿאַרפֿלאָכטן אויף דער ברוסט און איז געבליבן שטײן און געקוקט אויף דעם באַרג זאַכן.

ווי לאַנג זי איז אַזוי געשטאַנען און געקוקט, ווײסט זי אַלײן ניט. זי ווײסט נאָר, אַז זי האָט אַ זאָג געטאָן צו זיך אַלײן:

„איך וועל דאָס מער ניט פּוצן! זאָל דאָס גײן אַהין, וואו מען וועט האָבן דערפֿון אַ נוצן!"

זי האָט מיט גרויס אימפּעט אַ כאַפּ געטאָן אַ זאַק, אַרײנגעוואָרפֿן אַהין אַלע זאַכן און איז געלאָפֿן מיטן גאַנצן פּאַק אין סטאָר אַרײן, וואו דער שילד איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין פֿענצטער.

ווען זי איז אַרײן אין סטאָר, האָט זי האַסטיק אַ וואָרף געטאָן דעם זאַק מיט די זאַכן און כמעט מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אויסגערופֿן:

„נאָט אײך !! אפֿשר וועט דאָס שוין דערהרגענען היטלערן ?"

אַ סאָלדאַטס פרוי

סיידי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן באָס. אַלע ווײַלע האָט זי געקוקט אויפן גרויסן וואַנטזייגער פון דער סטאַנציע און געציילט אין געדאַנק וויפיל מינוט זי דאַרף נאָך וואַרטן ביז צום פאָרן.

כאָטש עס איז געווען אַ וואַרעמע סוף־מאַי נאַכט, איז איר אָבער פון ניט אויסגערוטקייט געווען קיל. זי האָט פאַרקנעפּלט איר העל־ברוינעם מאַנטל ביז צום האַלדז און פאַרריכט דאָס קאָלירטע טיכל אויפן קאָפּ, אירע האָר זאָלן זיך אויפן וועג ניט צעפאַלן.

איר אָפּגעצערט פּנים איז געווען בלאַס און האָט אויסגעקוקט אַ סך עלטער, ווי די אַכט־און־צוואַנציק יאָר, ווי זי איז אין דער אמתן אַלט געווען.

די אויגן־דעקלעך מיט די לאַנגע, געדיכטע, טונקעלע ברעמען האָבן זיך ביי איר געהאַלטן אין איין פאַרמאַכן צום איינדרעמלען. כדי זי זאָל ניט איינשלאָפן, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און דורכגעמאַרשירט עטלעכע מאָל אַהין און צוריק איבערן וואַרט־צימער פון דער סטאַנציע. מיט אָנגעשטרענגטע נערוון האָט זי אַלע ווײַלע אַרויסגעקוקט, צי דער באָס איז שוין אָנגעקומען.

ס'האָט זי געצויגן וואָס גיכער צו זיין ביי דער שוועסטער, וואָס זי האָט שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזען, און צום קליינעם שטעטעלע, וואָס איז שוין איבגעאַנצן צעגריבנט און איינגעטונקען אין בליאונג.

דאָרט, האָט זי געטראַכט, וועט זי דורכן זומער זיך קאָנען אָפּרוען. איר שוועסטער וועט זען זי זאָל זיך פּאָפּראַווען און צוריקגעווינען די וואָג, וואָס זי האָט לעצטנס פאַרלאָרן, זינט מען האָט איר מאַן אַוועקגעשיקט צום פראָנט.

ווי נאָר זי איז אַריין אין באָס, איז אַריינגעלאָפן ווי אַ ווינט אַ דינער, אַ הויכער, דריי־בענדלדיקער סאָלדאַט. אין איין אויגנבליק איז דער באָס געוואָרן איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. דער סאָלדאַט האָט קוים באַוויזן צו פאַרכאַפּן דאָס איינציק ליידיק אָרט לעבן סיידין. ער האָט באַמערקט, אַז סיידין איז שווער אַרויפצולייגן איר באַגאַזש אויף דער פּאָליצע, האָט ער מיט שמייכלענדיקע אויגן אויף איר אַ בליק געטאָן און זי געפרעגט:

— קאָן איך אייך העלפן?

און נאָך איידער זי האָט אים געענטפערט, האָט ער אַרויסגענומען

אַ סאָלדאַטס פרוי

דעם טשעמאָדאַן פון אירע הענט און אים אַרויפגעלייגט אין דער הויך. דערנאָך האָט ער אויך אָוועקגעלייגט זיין באַגאַזש. און ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער איר באַלד אָנגעהויבן דערציילן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין קעמפּ, ווען די סאָלדאַטן האָבן פּלוצלינג דערהערט, אַז מען גיט זיי צוליב דעקאָרעישאָן־דעי פיר טעג פריי. ס׳האָבן אים אויס־געפעלט ווערטער איבערצוגעבן, וואָס פאַר אַ טומל עס איז דאָרט געוואָרן, וואָס פאַרא פרייד דאָס האָט אַרויסגערופן ביי די סאָלדאַטן.

— מען דאַרף דאָס קאָנען פאַרשטיין, — האָט ער מיט אַ טיפן געפיל געזאָגט, — פיר טעג פריי! דאָס הייסט דאָך פאַר אַ גרויסער צאָל באַיעס אַ מעגלעכקייט צו פאָרן אַהיים!

סיידי האָט געקוקט אויף דעם סאָלדאַט, מיט וואָס פאַרא פרייד ער רעדט וועגן פאָרן אַהיים און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז פון זיינע ווער־טער האָט זיך דאָס האַרץ ביי איר גערירט פון אָרט און זיך איינגעטונקען אין דער פרייד, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיין פנים.

— אין עטלעכע שעה אַרום, — האָט ער ווי אויסגעזונגען, — וועל איך שוין זיין אינדערהיים. מיינע עלטערן וואַרטן געוויס מיט אומגעדולד אויף מיר. מיין ברודער, אויך אַ סאָלדאַט, איז שוין מער ווי אַ יאָר אויפן פּאַסיפיק. ער קאָן ניט אהיימקומען, דאַרף איך זיי ברענגען די פרייד פאַר צוויי, פאַר מיר און פאַר מיין ברודער.

דערנאָך האָט ער דערציילט, אַז ער איז שוין פופצן שעה אין וועג, ניט געשלאָפן, ניט געגעסן. ערשט אַראָפּ פון צוג און מיט גרויס איילע־ניש גלייך געקומען צום באַס.

ווען סיידי האָט דאָס דערהערט, האָט זי אויפגעפּאַקט אַ פּעקל, אַרויס־גענומען אירע סענדוויטשעס און מיט גרויס פריינטשאַפט אים פאָרגע־שלאָגן צו עסן. פון אָנהייב האָט ער זיך אָביסל ווי פאַרשעמט און פרו־בירט איר אָפּזאָגן, נאָר ווען זי האָט אים געזאָגט:

— איר מעגט נעמען, מיר זיינען ניט קיין פרעמדע. מיין מאַן איז אויך אַ סאָלדאַט. ער איז אויך אַ סאַרדזשענט, ווי איר. ער איז שוין אויפן פראָנט . . .

סיידיס האַרציקע ווערטער האָבן דעם סאָלדאַט אַרומגענומען מיט וואַרעמקייט. ער האָט זיך דערפילט היימישער, און מיט פאַרגעניגן ביי איר גענומען איין סענדוויטש נאָכן אַנדערן.

נאָכן עסן איז ער פון מידקייט באַלד איינגעשלאָפן. זיין קאָפּ האָט זיך געשאָקלט, געוויגט אויף אַלע זייטן, און אַזוי וויגנדיק זיך געפאַלן אויף סיידיס אַקסל. זי האָט דערפילט זיין הייסן אָטעם אויף איר האַלדז און ברוסט, און דאָס האַרץ האָט ביי איר אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן.

בעלא גאָלדווירט

אין באָס זיינען שוין געווען אויסגעלאָשן אַלע ליכט. בלויז אין איין זייט האָט געברענט אַ קליין בלוי לעמפּעלע.

דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ בלויער הימל מיט פינקלענ־דיקע שטערן. אַ פולע לבנה האָט דעם גאַנצן וועג באַגלייט דעם באָס און באַלויכטן דעם צופרידענעם פּנים פון דעם שלאָפנדיקן סאָלדאַט.

פון סיידין איז די מידקייט אינגאַנצן פאַרשוואונדן, דער שלאָף איז ביי איר ווי אַוועקגענומען געוואָרן. זי איז געווען וואַך מיט אַלע אירע חושים. פאַר אירע אויגן האָבן דורכגעשוועבט, ווי טעפּיכער, רחבותדיקע טונקעלע שמעקעדיקע פעלדער, בערג און בערגלעך מיט הימל פאַרזוימט; טייכן און טייכלעך, ווי טונקעלער, געשליפענער גלאָז, האָבן זיך געצויגן ביז צו די הימל־ראַנדן, וואו עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט ענדיקט זיך די וועלט. שטילע ווערלדלעך האָבן פאַרביי געשוועבט, וואָס האָבן אויס־געזען, ווי זיי וואָלטן געווען אין שוואַרצן טוך איינגעהילט און פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. די שטילקייט פון דער נאַכט האָט ביי סיידין אַרויסגע־כישופט פאַרשיידענע דעראינערונגען. ביסלעכווייז האָט די מאָנאָטאָנקייט זי אָנגעהויבן איינוויגן, איינדרעמלען. איר קאָפּ איז געווען ווי אין אַ טו־מאַן. געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט, געוויקלט אין אַ קנויל און זי האָט אַליין ניט געוואוסט קלאָר וועגן וואָס זי טראַכט.

ווען דער באָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע, און דאָס עלעקטרישע ליכט האָט אַ בלענד געטאָן אירע אויגן, זיינען אירע געדאַנ־קען איבערגעריסן געוואָרן. זי האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, און זיך דערמאָנט, אַז ניט איינמאָל איז זי אַזוי געפאָרן מיט איר דעניך. און דעני איז אויך אַזוי געשלאָפן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף איר אַקסל.

דאָס גאַנצע ערשטע יאָר, וואָס איר מאַן איז געווען אין דער אַרמיי, האָט זי זיך באַמיט צו זיין נאָענט לעבן אים, זי איז אים נאָכגעפאָרן אין אַלע קעמפּס, וואו מען האָט אים אַריבערגעשיקט. איצט, ווען מען האָט אים אַוועקגעשיקט אויף יענער זייט ים, האָט זי שוין ניט געקאָנט אים נאָכפאָרן. און אָט פאָרט זי ווידער, — איז עס ניט דעני אָנגעשפּאַרט אויף איר אַקסל? זי האָט אַלע מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום שלאָפנדיקן סאָלדאַט און מיט גרויס ליבשאַפט אויף אים געקוקט, ער איז איר געוואָרן נאָענט און טייער. ווען זי וואָלט ניט מורא געהאַט, אַז זי וועט אים אויפ־וועקן, וואָלט זי געגלעט זיין רויטלעך אָפּגעברענטן פּנים און וואָלט, אפשר, געקושט זיין שטערן.

אין אָנהייב האָט זי אַ ציטער געטאָן, ווי זי וואָלט זיך פאַר אירע אייגענע געפילן דערשראָקן. נאָר אַ געדאַנק האָט זי באַלד באַרואיקט, אַז

אַ סאָלדאַטס פרוי

דאָס זיינען געפילן, ווי פון אַ מאַמען צו אירס אַ קינד. און ווי אַ מאַמען האָט איר הנאה געטאָן, וואָס דעם מידן סאָלדאַט איז באַקוועם צו שלאָפן אָנגעשפּאַרט אויף איר אַקסל.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן איר מאַן, וואָס איז אַזוי ווייט פון איר:

— אפשר נויטיקט זיך איצט אויך מיין דעני אין דער וואַרעמקייט פון אַ באַגענטן, פון אַן אייגענעם מענטשן, אויף וועמען צו קאָנען אָנשפּאַרן זיין מידן קאָפּ?

זי האָט ווידער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום סאָלדאַט און איר באַק האָט זיך לייכט אָנגערירט אין זיין צעוואָרעמטן שטערן.

ווען דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן די סטאַנציע, וואו זיי האָבןביידע געדאַרפט אַראָפּגיין, האָט אים סיידי אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים און אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון איר אַקסל. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיינע אויגן זיינען געווען פול מיט שמייכל. ער האָט זיך מיט איר שנעל און האַרציק געזעגנט און איז אין איילעניש אַוועק צו זיינע עלטערן.

זיין אַוועקגיין האָט ביי סיידין איבערגעלאָזט אַן אומעט. אַ שטאַרקע בענקשאַפט איז איר ווידער באַפאַלן נאָך דענין.

אַ דאַנק דעם חלום

איזי לאַפּ גייט קיינמאָל ניט קיין טראָט אָן זיין ווייב בעסין. בכלל איז ער ניט פון די לויפּערס. ווען בעסי זאָל ניט צושטיין, אַז ער זאָל אַמאָל מיט איר גיין זען אַ פריינט, וואָלט ער קיינמאָל צו קיינעם ניט גע־גאַנגען. און דאָ איז לאַפּ געוואָרן אַן איבערגעקערטער.

די לעצטע צייט האָט ער זיך געמאַכט אַ מאָדע, ער עסט אָפּ שנעל זיין וועטשערע, זאָגט ניט קיין וואָרט און לויפט אַוועק. אַז בעסי פרעגט אים: „איזי, וואוהין איילסטו זיך אַזוי?" ענטפערט ער איר: „וואו איך דאַרף". בלייבט שוין בעסי ווי אַן אָפּגעבריטע און זי פרעגט אים ניט מער.

די גאַנצע צרה איז, וואָס לאַפּ איז פון די קנאַפּע רעדנער. אַ מענטש אַ שווייגער, גלייך אַ וואָרט וואָלט געווען אַ מיליאָן, אַזוי שווער איז עס ביי אים אַרויסצוקריגן.

אַז די ווייב גיט אים עסן, וואָס געפעלט אים ניט, שאַרט ער פּאַמע־לעך אַוועק דעם טעלער און מאַכט זיך ניט וויסנדיק, פאַרוואָס און פאַר ווען ער עסט נישט.

אַמאָל איז אַ פולע שטוב מיט מענטשן, מען רעדט פון וואָס נאָר אין דער וועלט, נאָר אויב מען רעדט ניט צו אים דירעקט, גייט אים ניט אָן. ער מישט זיך נישט אין קיין שום געשפּרעכן. גאַנץ אָפּט טרעפט, מען רעדט און מען שמועסט, און לאַפּ כאַפּט גאָר אַ געשמאַקן דרימל מיטן צי־גאַר אין מויל.

ווען מען קוקט אים אָן, האַלט ער אַ ציגאַר אין מויל. אַז מען רעדט צו אים, עפנט ער ברייט זיינע גרויסע, גרוילעכע, שטילע אויגן און קוקט יענעם גלייך אין מויל אַריין. אויב ער איז איינשטימיק מיט יענעמס רייד, שאָקלט זיך ביי אים אין מויל דער ציגאַר אַרויף און אַראָפּ — דאָס מיינט, ער באַשטעטיקט די רייד, גיט יענעם געךעכט, ווי איינער זאָגט: „יאָ, יאָ, אַזוי איז עס טאַקע". ווען ער איז ניט איינשטימיק, האַלט ער דעם ציגאַר צווישן זיינע פולבלוטיקע, גראָבע ליפּן גלייך, גיט ניט מיט אים קיין ריר. אַלע פריינט קאָנען אים שוין, זיי וויסן אויסגעצייכנט זיין מיינונג, ווען זיי קוקן אויף זיין ציגאַר.

אַ סך פון די באַקאַנטע רופן אים טאַקע דערפאַר: „איזי מיטן צי־גאַר".

אַ דאַנק דעם חלום

ווען ס'קומען געסט אין שטוב אַריין, זיצט איזי מיט זיין קורצן אָבער וואַגיקן קערפּער ביים טיש און רירט זיך ניט פון אָרט. איינמאָל האָט בעסי פאַרגעסן שטעלן זאַלץ צום טיש. זאָגט ער איר ניט זי זאָל דער־לאַנגען, נאָר ער פרעגט: „האָסט ניט אַביסל זאַלץ אין שטוב?" ווען ס'פעלט אַ לעפל צי אַ גאָפל, פרעגט ער: „מ'דאַרף שוין ביי דיר עסן מיט די הענט, דאַרף מען?" ווייסט שוין בעסי, אַז עס פעלט זילבער ביים טיש.

איזיס ווייס־ראָזלעך, פולער פּנים איז שטענדיק גלאַט געראַזירט. זיינע פּאָר, אין די זייטן איבערגעבליבענע, גלייכע האָר, לאָזט ער אין איין זייט וואַקסן לאַנג. ער וויל מיט די עטלעכע זייטיקע האָר פאַרדעקן זיין גרויסן נאַקעטן קאָפּ. ער שמירט דעם קאָפּ מיט אַ פעטקייט, דערפאַר ליגן ביי אים די עטלעכע שיטערע האָר אַלעמאָל אויסגעצויגן און צעפלאַ־טשעט, ווי זיי וואָלטן געווען אַרויפגעקלעפּט אויפן פּליך.

ער האָט שטענדיק ליב צו זיין ריין און פּינקטלעך אָנגעטאָן, און אַלעמאָל זיך אויסצופּוצן אין עפּעס נייעס.

נאָר גראָדע די לעצטע צייט, זינט ער האָט אָנגעהויבן אָפּט אַוועק־צוגיין אַליין פון הויז, קויפט ער זיך ווייניקער זאַכן. און כאָטש ער פאַר־דינט אין דער צייט פון דער מלחמה מער, ווי ווען עס איז פריער, גיט ער בעסין ווייניקער געלט ווי פריער.

בעסי קאָן גאָר קיינעם ניט דערציילן איר צרה. זי ווייסט, אַז קיי־נער וועט איר ניט גלויבן, ווי אַזוי איזי פירט זיך לעצטנס אויף. אַלע פריינט ווייסן, אַז איזי איז אַ שטילער, באַשיידענער, ערלעכער מענטש, וואָס איז גאָר ניט פייאיק אויף דריידלעך. קיינער וועט גאָר ניט קאָנען צו זיך צולאָזן דעם געדאַנק, אַז איזי פאַרשווינדט אין געוויסע אָוונטן, קומט אַהיים האַלבע נאַכט, און גיט איר ניט אַוועק דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער פאַרדינט.

בעסין איז אַפילו ניט אָנגעשטאַנען מער צו רעדן וועגן דעם מיט איר מאַן. זי האָט אָבער געפילט, אַז זי קאָן דאָס שוין מער ניט אַריבער־טראָגן. ס'איז ביי איר צוגענומען געוואָרן דער שלאָף. גאַנצע נעכט איז זי געלעגן און געטראַכט וואוהין איזי קאָן דאָס אַוועקגיין, און וואָס ער טוט מיטן געלט, וואָס ער גיט איר ניט אַוועק.

„אַז ער וועט נאָך אַמאָל אַוועקגיין", האָט זי זיך געטראַכט, „וועל איך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אים זאָגן: זאָלסט מער צו מיר אַהיים ניט קומען. איך וויל דיך מער ניט אָנקוקן". זי האָט אים געוואָלט נאָך און נאָך אַ סך זאָגן. שיר, שיר האָט זיך ביי איר אַרויסגעגליטשט אַ קללה, נאָר זי האָט זי פאַרהאַלטן אויף די ליפּן.

זינט זי קאָן איזין, האָט זי אים קיינמאָל ניט געשאָלטן; ער זי אויך נישט. „איך וועל אים בלויז זאָגן", האָט זי זיך געטראַכט, „קום ניט מער צו מיר אין שטוב אַריין. איך וויל דיך נישט קענען".

אין דער צייט, וואָס בעסי איז געלעגן אין בעט און געטראַכט, וואָס זי זאָל זאָגן איר מאַן, ווען ער וועט נאָכאַמאָל אַוועקגיין, האָט זיך איזין געחלומט אַ שרעקלעכער, שווידערלעכער חלום: פּיינטלעכע עראָפּלאַנען פליען איבער די דעכער אין אַזעלכע ריזיקע מחנות, אַז מ'זעט ניט אַרויס דעם הימל. ס'איז געוואָרן פינצטער, חושך אין מיטן העלן טאָג, די עראָפּלאַנען זעען אויס, ווי ווילדע רויב־פייגל, מיט לאַנגע, גיפטיקע שנאָבלען, וואָס ווילן אַלץ פאַרניכטן, פון אַלעמען מאַכן אַש און ערד. עס האָגלט מיט באָמבעס, עס קראַכן ריזיקע געביידעס, הייזער נאָך הייזער ווערן צעשמעטערט, פייערן פלאַקערן פון אַלע זייטן, קליינע קינדער שרייען אַרויס פון די ברענענדיקע פלאַמען. מענטשן פאַלן איינער אויפן אַנדערן, ווי פליגן. גאַנצע בערג מיט טויטע מענטשן. אַ שרעקלעכער געברום פון חיות מישט זיך אויס מיטן געפּילדער און געיאָמער פון מענטשן און ווערט פאַרהילכט פון האַרמאַטן־דונערן. עס דוכט זיך אים, אַז די וועלט קערט זיך איבער, אַז די ערד ווערט אויף פּיצלעך צעריסן, אַז אַלץ גייט אַוועק מיט שטויב און מיט רויך און אַז די פייער־צונגען לעקן זיינע פענצטער און רייצן זיך מיט אים, ווי זיי וואָלטן אים זאָגן: „נו, וואו ביסטו, לעקיש, נאַרישער עיר־רעיד וואַרדן? ווען מיר צעפלאַקערן זיך, קאָנען מיר אַלץ פאַרברענען".

בעסי האָט נאָך ניט געהאַט קיין אויג צוגעמאַכט. זי האָט דערהערט איזין שרייען פון שלאָף:

„בעסי, נעם די באַנדס, די באַנדס".

דערנאָך האָט ער געשריען: „און וואו איז דער ציגאַר? מיין ציגאַר?"

בעסי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'מוז זיך אים עפּעס חלומען. האָט זי אים אַ שטופּ געטאָן אין זייט. איזי האָט זיך אַ דריי געטאָן און אָנגעכאַפּט זיך ביים האַרץ, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געוועזן צעריסן אויף שטיקער און ער וויל דאָס צוזאַמענגעמען.

„אוי!", האָט ער שווער אַרויסגעזיפצט און שטיל מיט אַ פאַרשטיקט קול געמורמלט: „צו אונדזערע שונאימס קעפּ זאָל עס אויסגיין". ער האָט אַזש געקרעכצט און זיך געטרייסלט פון שרעק.

„וואָס פאַר אַ באַנדס מיט ציגאַרן האָבן זיך דיך געפלאָנטערט אין קאָפּ?" — האָט אים בעסי בייז געפרעגט. איזי האָט שווער אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

אַ דאַנק דעם חלום

„ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער שונא שטורעמט די שטאָט, ס'ברענט און מען רופט מיך צו די עיר־רעיד וואַרדנס, האָב איך דיר גע־וואָלט געבן די באַנדס, דאָס גאַנצע פאַרמעגן אונדזערס. האָב איך אָבער געהאַלטן אין מיטן זוכן דעם ציגאַר און האָב ניט געקאָנט געפינען".

איזי האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט און האָט שטיל, ווי צו זיך אַליין, געזאָגט: „אפשר איז עפּעס פאָרגעקומען און איך דאַרף גיין צו די עיר־רעיד וואַרדנס?"

בעסי איז נאָך מער בייז געוואָרן און זי האָט זיך צעשריִען: „וואָס פאַר אַ משוגעת איז דיר צוגעטראָטן? ווי קומסטו צו די עיר־רעיד וואַרדנס? און וואָס פאַר אַ באַנדס שלעפּן זיך דיר נאָך?"

איזי, אַן אויפגעקאָכטער פון דעם שרעקלעכן חלום, האָט אַ געשריי געטאָן: „חכמה מײַנע, וואָס דו ביסט! וואָס הייסט ווי איך קום צו די עיר־רעיד וואַרדנס? איך בין דאָך איינער פון זיי. וואוהין גיי איך דען אַלעמאָל, אַז ניט צו זיי? דו ווייסט דען נישט, אַז איך בין אָנגעשלאָסן אין דער סיוויל־דעפענס? און וואו טו איך אַהין דאָס געלט, וואָס איך נעם אָפּ יעדע וואָך, אַז נישט אויף מלחמה־באָנדס?"

בעסי האָט נישט געגלויבט אירע אייגענע אויערן. זי האָט פון אי־בערראַשונג אַזש אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן, ווי זי וואָלט וועלן זען צי ס'איז אמת, צי די ווערטער גייען טאַקע אַרויס פון איזיס מויל. זי האָט דערפילט, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט איר אַראָפּ פון האַרצן, און אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער איר פּנים.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט זיך בעסי געוועזן שטאַרק באַליידיקט, ווען איזי זאָל זי מאַכן צום נאַר. אָבער דאָס מאָל האָט זי דאָס אַפילו ניט גע־נומען אין אַכט. איר האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד, וואָס איר מאַן טוט אַזאַ וויכטיקע אַרבעט צו העלפן זיין לאַנד געווינען די מלחמה קעגן פאַשיזם.

איזי האָט זיך גאַרניט געקענט באַרואיקן פונעם שוידערלעכן חלום. ער האָט געהאַלטן אין איין זיפצן און שטילערהייט, ווי אין זיך, שעפּטשען: „צו אַלע שונאים זאָל עס אויסגיין, צו זייערע קעפּ!"

בעסין איז געלעגן אויפן שפּיץ צונג צו זאָגן: „ערגער זיך ניט. דו מעגסט זיין צופרידן, וואָס עס האָט זיך דיר געחלומט. אַדאַנק דעם חלום האָסטו זיך איינגעשפּאָרט אַביסל צרות. נאָר זי האָט געזען, אַז איזי וועט איצט ניט הערן, וואָס זי רעדט צו אים.

איזי האָט אַ קרעכץ געטאָן און אָנגעהויבן זוכן אויפן נאַכט־טישל דעם ציגאַר. נאָר דער ציגאַר איז גאָר געלעגן אין בעט אונטער דער

בעלא גאָלדווירט

קאָלדרע לעבן אים, האָט אויסגעברענט אַ לאָך אין די פּאַדזשאַמעס און געבריט אים דאָס לייב.

איזי האָט אַריינגענומען דעם ציגאַר אין מויל, באַקוקט די אויסגע־ברענטע לאָך אין זיינע פּאַדזשאַמעס און געטראַכט : „אַ דאַנק, אַ דאַנק דעם חלום !"

אַ פֿאַרשטערטער יום-טוב

— צו וואָס דאַרפֿט איר אַזוי פֿיל פֿלייש, איר זענט דאָך בלויז צוויי מענטשן? — האָט דער קצב געזאָגט צו שרה פֿעלדמאַן. ער האָט געוואָלט זי זאָל נעמען ווייניקער פֿלייש, ווייל ער האָט ניט גענוג און ער וויל יע־דערן געבן אַ גוטן חלק אויף פּסח.

— וואָס איז אייער עסק, פֿאַר וועמען איך דאַרף דאָס? — האָט זיך שרה פֿעלדמאַן געבייזערט אויפֿן קצב, פֿאַרוואָס ער דערמאָנט איר וויפֿיל מענטשן זי האָט צום עסן.

שרה האָט אויף פּסח אָנגעגרייט אַלצדינג פּונקט אַזוי פֿיל ווי פֿאַראַ־יאָרן, ווען אירעביידע זין זיינען נאָך געווען אין דער היים. זי האָט ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זי דאַרף ווייניקער, אַז איר משפּחה איז קלענער. פֿאַר אָט־דעם געפֿיל האָט זי געציטערט. ווען זי האָט געגרייט צום סדר, האָט זי צוליבן זעלבן געפֿיל אַרויסגענומען דאָס גאַנ־צע אָפּגעפּוצטע זילבער, וואָס זי האָט גענוצט פֿאַר דער גאַנצער פֿאַמיליע.

ביים טיש איז זי געבליבן שטיין מיטן זילבער אין האַנט, ווי זי וואָלט זיך געשיובט פֿאַר וויפֿיל מענטשן צו גרייטן. נאָר טראַכטנדיק וועגן די קינדער, האָט זי מיט אַ פֿאַרנעפּלטן געדאַנק אויסגעלייגט דאָס זילבער פֿאַר פֿיר.

ווען דער מאַן אירער, חיים, האָט דאָס באַמערקט, האָט ער פֿאַרוואונ־דערט זי אַ פֿרעג געטאָן:

— אויף וועמען ריכטסטו זיך, וואָס דו האָסט געגרייט פֿאַר נאָך צוויי?

שרה האָט זיך אַביסל פֿאַרלאָרן. זי האָט זיך פֿאַר איר אייגענעם מאַן פֿאַרשעמט, פֿאַרוואָס זי גייט אַרום מיט אַזעלכע געדאַנקען. דערנאָך האָט זי נאָך אַלץ אַביסל אומרואיק געענטפֿערט:

— איך ריכט זיך אויף קיינעם נישט. — זי האָט געקוקט אויפֿן טיש פּונקט ווי זי וואָלט ניט אָנגעהויבן וויסן, אַז זי האָט דאָס געטאָן. און זי האָט צוגעגעבן:

— טאָקע צופֿיל געלייגט. — זי האָט אויסגעצויגן די האַנט און גע־וואָלט אָװעקנעמען די איבעריקע לעפֿל, גאָפּל און מעסער, אָבער די האַנט האָט זיך ביי איר ווי פֿון זיך אַליין צוריקגעצויגן, ווי עמיצער וואָלט איר ניט געלאָזט אַראָפּנעמען. זי האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט און שפּעטער געזאָגט:

— זאָל עס שוין ליגן, וועט דער טיש זיין פולער, זאָל זיך אונדז דאַכטן, אַז די קינדער זיינען דאָ.

אַ צופרידענע מיט דעם אַרויסגעזאָגטן האָט זי שוין וויין־גלעזלעך אויך געשטעלט פאַר פיר. ווען חיים האָט אָנגעגאָסן דעם וויין, האָט זי געזאָגט צום מאַן:

— גיס אָן אַלע פיר. מיר וועלן זיי שרייבן, אַז די כוסות שטייען פאַר זיי אָנגעגאָסן און וואַרטן זיי זאָלן אַהיימקומען אויסטרינקען דעם וויין . . . נאָך אַלעמען זיינען מיר דאָך נאָך פון די גליקלעכע עלטערן, — האָט זי ווי צו זיך געזאָגט, אינזינען האָבנדיק דערביי, אַז דער עלטערער זון סידני איז נאָך דערווייל דאָ אין לאַנד און דער יונגערער הערי, איז טאַקע אין ענגלאַנד, אָבער עס קומען פון אים אָפטע בריוו. „איז גאָט צו דאַנקען דערפאַר”, האָט זי געטראַכט, ווי זי וואָלט וועלן מיט דעם געדאַנק זיך אַליין טרייסטן, זיך פאַרענטפערן פאַרוואָס זי איז עפּעס צופרידן, כאָטש די קינדער זיינען נישטאָ ביים טיש.

שרה האָט ליב יום־טובים. פּסח איז ביי איר פון אַלע מאָל דער שענסטער און ליבסטער יום־טוב. האָט זי שטאַרק געוואָלט, אַז היי־יאָר זאָל דער יום־טוב אויך ניט זיין פאַרשטערט. זי האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז זי האָט זיך געקויפט אַ פאַרטעך, איז זי צוגעגאַנגען צום שופלאַד, אַרויסגענומען דעם נייעם פאַרטעך, אָנגעטאָן אויף זיך און זיך אָנגעשפּיגלט, צי עס פּאַסט איר. דערנאָך איז זי אַריינגעגאַנגען אין קיך, אַוועקגעשטעלט זיך אַנטקעגן פענצטער און געקוקט אויפן נייעם פאַרהאַנגל, וואָס זי האָט נישט לאַנג צוריק לכבוד יום־טוב אויפגעהאַנגען. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס פאַרהאַנגל איז אויפן פענצטער אַ סך שענער, ווי עס האָט זיך איר אויסגעוויזן ביים קויפן. זי איז צוגעגאַנגען נעענטער צום פענצטער און פאַרריכט די פריש־איינגעפּרעסטע פעלבלעך, זיי זאָלן ליגן גלייך און פינקטלעך. שרה איז געווען זייער אַ פּינקטלעכע. כאָטש זי איז שוין אַ פרוי נאָענט צו די פופציק און האָט ביידע זין אין דער אַרמיי, האָט זי זיך ניט אָפּגעלאָזט. זי האַלט אין אָרדענונג איר הויז און אַליין גייט זי אויך, ווי אַלעמאָל, ריין און נעט אָנגעטאָן.

דערנאָך האָט זי פּאַמעלעך און שווייגנדיק דערלאַנגט דאָס עסן. זי האָט אַלע ווילע אַ קוק געטאָן אויף די אָנגעגאָסענע ניט־גערירטע גלעזלעך וויין און יעדעס מאָל אַ שטילן זיפץ געטאָן. חיים האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ געשלונגען דאָס עסן. ער האָט געוואָלט גיך אָפּפּטרן דעם מאָלצייט און שנעלער אַוועקגיין פון דעם פאַראיינזאַמטן, פאַרבענקטן טיש.

אַ חוצפּה

אַז דעבאַן פאַלט איין אַ געדאַנק עפּעס צו טאָן, מעג דונערן און בליצן, מוז זי דאָס דורכפירן.

ס'איז אַוועק אַ שטיקל צייט נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן פאַרנומען פּאַריז, און זי האָט פון יולעקן ניט געהאַט קיין שום ידיעה. איז איר איינגעפאַלן צו גיין אין „האַיאַס" אויסגעפינען, ווען עס קומט אָן אַ שיף מיט פּאַסאַזשירן פון אייראָפּע; זי וועט קומען זוכן צווישן די אָנגע־קומענע פליכטלינגען אַ באַקאַנטן, וואָס וועט אפשר האָבן אַ גרוס פון איר יולעקן, האָט זי פעסט באַשלאָסן.

אַז דעבאַן איז איינגעפאַלן צו פאַרלאָזן איר געבורט־שטאָט אין פוילן און איר פיינע באַלעבאַטישע היים און פאָרן קיין פראַנקרייך אין אוניווער־זיטעט שטודירן, האָט זי אין אַ שיינעם פרימאָרגן געזאָגט צו די עלטערן:

„איך פאָר קיין אויסלאַנד פאַרזעצן לערנען".

און אויב די עלטערן וואָלטן איר ניט געוואָלט געבן קיין געלט צו פאָרן, וואָלט זי געזוכט אַנדערע מיטלען, צי דורך געבן פּריוואַטע לעק־ציעס, צי זי וואָלט ערגעץ געליען — אָבער זי וואָלט סיי־ווי־סיי געפאָרן שטודירן אין אוניווערזיטעט. זי האָט זיך געקענט צופּאַסן צו פאַרשיידענע באַדינגונגען פון לעבן. כאָטש זי איז ניט געוווען קיין אָרעם קינד פון דער היים, האָט זי געקענט לעבן זייער עקאָנאָמיש און ניט מאַכן דערפון קיין טראַגעדיע.

ווען יולעק האָט ניט פאַרדינט, האָבן זיי ביידע געלעבט מיט דעם באַגרענעצטן געלט, וואָס זי האָט געקראָגן צוגעשיקט פון דער היים. אויף איר גוטמוטיקן פּנים איז שטענדיק געלעגן אַ ליבער שמייכל. אָבער נאָר דער, וואָס איז געווען מיט איר נאָענט, האָט געקאָנט וויסן, ווי ערנסט זי נעמט אויף זאַכן און ווי זי קען ליידן פונקט ווי זי קען זיך פרייען.

אין פראַנקרייך האָט זי גענומען אַן אָנטייל אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און דאָרט האָט זי געפונען יולעקן. זי האָט אים ליב באַקומען און איז געווען גליקלעך מיט אים, כאָטש ער איז אַ פּשוטער אַרבעטער און זי אַ געלערנטע און אַ קענערין פון שפּראַכן.

איצט קען דעבאַ ניט רוען. ס'גייט איר ניט איין דאָס לעבן אין אַמע־ריקע. ס'דאַכט זיך איר, אַז די שיפסקאַרטע, וואָס זי האָט דערהאַלטן פון איר אָנקל, פונקט עטלעכע טעג איידער די נאַצישע הינט האָבן זיך אַריינ־

בעלאַ גאָלדווירט

געריסן אין פראַנקרייך, איז פאַר איר געווען דער גרעסטער אומגליק. ווען זי קריגט ניט די שיפסקאַרטע, האָט זי זיך געטראַכט, וואָלט זי דאָך געבליבן צוזאַמען מיט יולעקן. וואָס מיט אים — וואָלט אויך געווען מיט איר. דאָס ערגסטע איז ווען מ'איז צעריסן, ווען איינער ווייס ניט פון דעם אַנדערן. איר גאַנצער געדאַנק איז געוואָרן פאַרנומען מיט קלערן און זוכן מיטלען און וועגן ווי אַזוי צו געפינען אַ שפור פון איר ליבן יולעקן.

פון דעבאָס קליינע, ברוינע אויגן שטראַמט אַרויס אַ ים מיט ענערגיע. איר קיילעכדיק, ווייס־ראָזלעך פּנים מיטן קורצן פאַרריסענעם נעזל און שמאָל פאַרמירטן מויל, דריקן אויס איר שטאַלצן כאַראַקטער. אַפילו אין אירע שוואַרצע, געשווירענע, גלאַט־פאַרקאַמטע האָר ליגט אַ געוויסער שטאָלץ. אין יעדער באַוועגונג פון איר הויכער, דיקלעכער פיגור פילט זיך אַנטשלאָסנקייט.

צוליב דעבאָס קענען פליסיק די ענגלישע שפּראַך, האָט זי געקראָגן אַ שטעלע ביי דער רייכער מיסעס גרעיס פונק אַלס אַ גואווערנאַנטקע פון אירע צוויי מיידעלעך.

ווען די רייכע מאַדאַם האָט דעבאַן געגעבן אַנדערע הויז־אַרבעט, וואָס האָט ניט געהערט צו איר, האָט דעבאָ דאָך ניט אַרויסגעוויזן קיין מינדסטע אומצופרידנקייט. זי האָט געדריקט אין זיך דעם פּראָטעסט און געשוויגן. אַלץ דערפאַר, וואָס די רייכע האָט איר פאַרזיכערט, אַז זי וועט קאָנען צו יעדער צייט אַוועקגיין, ווען דער „האַיאַס" וועט זי נאָר רופן.

מיסעס פונק איז געוואָרן זייער היימיש מיט דעבאַן, גאַנץ אָפט האָט זי זיך פאַר איר אויסגערעדט דאָס האַרץ, דערציילט פון אירע אומגליקן און גליקן.

די רייכע פרוי האָט שטאַרק ליב צו ריידן פון אירע מיידלשע יאָרן, צו דערציילן דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס זי האָט געהאַט ביי יונגעלייט. ווען זי רעדט פון אירע אַמאָליקע ליבעס, ווערן אירע גרוילעכע, שטעכיקע, קאַלטע אויגן צעצונדן, ווי גליענדיקע קוילן, און איר שטענדיק רויטלעך פּנים צעפלאַמט זיך ווי אַ פייער.

אָבער דעבאַן האַלט זי פאַר אַ נאַאיוו, נאַריש מיידל, פאַרוואָס זי ליידט און בענקט אַזוי שטאַרק נאָך יולעקן.

זי גלויבט, אַז אַזאַ שיין און אינטעליגענט מיידל ווי דעבאָ, קאָן דאָ אין אַמעריקע לייכט געפינען אַ לייטישן בחור, ווען מען זי זאָל ליב האָבן און זיין פונקט אַזוי גליקלעך ווי מיט יענעם בחור. „ליבעס", זאָגט איר מיסעס פונק, „זיינען אַזוי ווי שמעקעדיקע בלומען. ווען זיי בליען, זיינען זיי פּרעכטיק. זיי פאַרמאָגן אַלערליי טייערע, געשמאַקע ריחות, וואָס מ'קאָן פון זיי פאַרשיכורט ווערן און יעדער וויל זיי אַ שמעק טאָן. אָבער

זיי בליען אָפּ, ווערן פּאַרוויאַנעט און האָבן שפּעטער קיין שום ווערט ניט".

אָבער כאָטש זי האָט ניט געהאַלטן מער פון ליבעס, פונדעסטוועגן האָט זי צוגעזאָגט דעבאַן צו העלפן איר אויסגעפינען, וואו יולעק געפינט זיך. און אַז מ'וועט וויסן וואו ער איז, וועט זי טאָן אַלץ, וואָס וועט נאָר זיין מעגלעך פאַר איר, אים אַריבערצוברענגען אַהער.

דעבאַן האָט זיך געדאַכט, אַז מיסעס פונק איז איר בעסטער פריינט. ס'איז איר ליב געוואָרן מיסעס פונקס שטוב, די קינדער זיינען ביי איר געוואָרן, ווי זיי וואָלטן געווען אירע שוועסטערלעך.

זינט מיסעס פונק האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שפּילן קאָרטן, גייט זי ניט מער צוזאַמען מיט איר מאַן.

„צו־וואָס דאַרף איך ער זאָל זיך מיר נאָכשלעפּן", זאָגט זי, „און קוקן מיר אויף די הענט, צי איך פאַרשפּיל, צי איך געווין". זי גייט זיך באַזונדער איר וועג און ער גייט זיין וועג.

האָט איינע פון מיסעס פונקס מיטשפּילערינס געמאַכט אַ ספּעציעלע „קאָרד־פּאַרטי". זי האָט געלאַדן אַלע פרויען זאָלן קומען מיט זייערע מענער. האָט מיסעס פונק אונטערגעהערט, ווי איינע פון די שפּילערינס זאָגט צו דער אַנדערער:

„דער עיקר וועט מיסטער פונק קומען; ער האָט שוין ניט מער וואָס צו טאָן, נאָר גיין מיט זיין פּאַפּוגאַי צו אַ קאָרד־פּאַרטי". — „און וואו וועט ער לאָזן זיין געליבטע?" — האָט זיך די צווייטע אָנגערופן.

אין די קאָרטן־קרייזן האָט מען מיסעס פונק גערופן די „פּאַפּוגאַי". צוליב איר שמאָל, לאַנג פּנים, מיט די רויטלעכע, געפאַרבטע האָר און דאַרן האַלדז איז זי געווען ענלעך צו אַ פויגל. און איר גרויסע, געבויגענע נאָז האָט אויסגעזען, ווי אַ פּאַפּוגאַי־שנאָבל.

אַז מיסעס פונק האָט געהערט, וואָס פאַראַ מיינונג אירע פריינדינעס האָבן וועגן איר און איר מאַן, האָט זי זיך געטראַכט:

„איר וועט שוין ביי מיר פּלאַצן. איך וועל אייך שוין ווייזן, אַז מיין מאַן גייט יאָ מיט מיר".

ווען מיסעס פונק האָט געזאָגט איר מאַן וועגן גיין מיט איר צו אַ „קאָרד־פּאַרטי", האָט ער זי מאָדנע אָנגעקוקט.

„וואָס פאַר אַ משוגעת איז דאָס?" האָט ער זיך געטראַכט.

נאָר ווען ער האָט געזען, אַז זיין ווייב איז ניט אַראָפּ פון זינען, אַז זי מיינט דאָס ערנסט, האָט ער איר קורץ און אָנטשלאָסן געזאָגט:

„דריי מיר ניט קיין קאָפּ מיט דיינע „פּאַרטיס", איך בין דעם אָוונט פאַרנומען".

מיסעס פונק איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס איריקע, און נאָך אַ סך

באַלאַ גאָלדוואָרט

רייד און קריגערייען איז איר פּאָרט געלונגען צו פּועלן ביי איר מאַן, ער זאָל מיט איר מיטגיין.

מיט אַמאָל: עס קלינגט דער טעלעפאָן . . . עס רעדט איינער פון „האַיאַס". דאָס לאָזט מען וויסן דעבאַן, אַז אַ שיף מיט אַ סך פּליכטלינגען איז נאָר־וואָס אָנגעקומען פון פראַנקרייך.

דעבאַן האָט אַ ריס געטאָן צום שיף.

מיסעס פּונק איז אַ האַלב־נאַקעטע אַרויסגעלאָפן פון איר צימער און אַריינגעשריגן צו דעבאַן:

„היינט קאָנסטו ניט גיין, דו מוזט בלייבן אין הויז מיט די קינדער".

דעבאַ האָט אָבער די געשרייען פון איר באַלעבאָסטע ניט געהערט. זי האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַנטל און איז געלאָפן צו דער שיף.

די מיסעס פּונק האָט אויפגעציטערט פון אויפרעגונג און זיך גאַרניט געקאָנט באַרואיקן. די אָדערן אויף איר דאַרן אויסגעצויגענעם האַלדז זיינען אויפגעלאָפן, ווי בלויע שטריק.

„אַזאַ חוצפה", — האָט זי געשריגן מיט אַ ווילדן קול. „פּונקט ווען מיר בידע דאַרפן אַוועקגיין", — האָט זי זיך געווענדט צום מאַן, וואָס האָט געבלעטערט די צייטונג און געקוקט אויף די קעפּלעך, — „איז זי גאָר אַוועקגעלאָפן!"

ווען דעבאַ איז שפּעט ביינאַכט צוריקגעקומען, איז מיסעס פּונק נאָך ניט געשלאָפן. זי איז איר אַנטקעגנגעקומען מיט אַ רויט, צעצונדן פּנים. מיט אַ ווילדן צאָרן האָט זי אַ וואָרף געטאָן דעבאַן דאָס געלט, וואָס איר איז געקומען און געשריען:

„אויב דו האָסט אַזאַ חוצפה אַנטלויפן פּונקט דעמאָלט, ווען איך האָב געדאַרפט אַוועקגיין מיט מיין מאַן, האָסטו מער ביי מיר ניט קיין שטעלע. גיי שוין אַרויס פון מיין שטוב!" — האָט זי געגוואַלדעוועט.

דעבאַ איז אַ ווילע געבליבן שטיין אַ צעטומלטע, נאָר זי איז באַלד געקומען צו זיך. זי האָט געלאָסן צונויפגענומען אירע זאַכן און שטילערהייט, ווי צו זיך אַליין, נאָכגערעדט איר פּאַפּוגאַי־באַלעבאָסטע: „אַזאַ חוצפה, אַזאַ חוצפה!"

דורכגעפירט זיין מיסיע

צוליב זיין שטענדיקער אַקטיווקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַר־בעטער־באַוועגונג, איז יאַקאָוו שוין געוואוינט געווען צו ווערן געיאָגט און געפּלאָגט פון איין לאַנד אין אַנדערן.

אין די דרייסיק יאָר פון זיין לעבן, האָט ער שוין פאַרזוכט דעם טעם פון פאַרשיידענע טורמעס. נאָך אַ סך וואַנדערונגען, איז ער גע־בליבן אומלעגאַל אין בעלגיע. און וויפיל מאָל מען זאָל אים ניט האָבן אַרויסגעשיקט פון לאַנד, האָט ער צוריק געשוואַרצט די גרענעץ און וויי־טער אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג.

יאַקאָוו איז פון דער נאַטור אַ געלאַסענער מענטש. ער האָט פיינט צו כאַפּן. ער גייט צו ערנסט צו באַשלוסן און האָט זיי ליב דורכצופירן שטיל, אָבער מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. אָפט מאָל נעמט ער אויף זאַכן שוין אַביסל צו ערנסט און צו שווער. אַ גליק, וואָס זיין פרוי איז אַנדערש. בראַנקע, מיט אירע שטענדיק־לאַכנדיקע אויגן, מיט אי־רע וויצן און גלייכוואָרטלעך, האָט אַלעמאָל פאַרלייכטערט זיין שווער גע־מיט. מיט איר פריילעכקייט, שפּילעוודיקייט, האָט זי אָפּגעווישט דעם ערנסט פון זיין פּנים.

כאָטש זי איז שוין אַלט געווען זעקס־און־צוואַנציק יאָר, האָט בראַנקע אויסגעזען, ווי אַ צוועלף־יאָריק אויסגעדאַרט מיידל. ווי קליין און דאַר זי איז געווען, האָט זי אָבער געהאַט ענערגיע פאַר צען גרויסע. מיט איר געשליפענער שפּראַך, האָט זי געקאָנט אָנקומען אַפילו צום קיסר אַליין. מיט איר געוואַגטקייט און אירע וואונדערבאַרע איינפאַלן, האָט זי זיך געקאָנט אַרויסדרייען פון די גרעסטע פאַסטקעס. נישט איין מאָל האָט זי טאַקע יאַקאָוון געראַטעוועט פון פּאָליצייאישע הענט.

יאַקאָוו האָט דאָס גוט געוואוסט און אָפּגעשאַצט.

— דו האָסט געדאַרפט ווערן אַן אַדוואָקאַט, ניט קיין קראַנקן־שוועס־טער (נוירס), — האָט ער איר געזאָגט.

זיי האָבן איינער דעם אַנדערן שטאַרק רעספּעקטירט. זי האָט גע־קראָגן מער שול־בילדונג פון איר מאַן. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז מיט זיין דערפאַרונג, זעלבסט־בילדונג, געזונטן פּאָליטישן חוש, שטייט ער אַ סך העכער פון איר. און ער האָט געפילט, אַז מיט איר אומגעהייערער ענערגיע, גוטמוטיקן כאַראַקטער און געוואַגטקייט, פרישט זי אויף און שטאַרקט אין אים זיין קאַמפּס־לוסט.

בעלאַ גאָלדווירט

ווען היטלער איז באַפאַלן פוילן, איז פאַר יאַקאָוון געוואָרן קלאָר, אַז ער וועט זיך דאָרטן ניט אָפּשטעלן. בראָנקע האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן מיט אים איינטענהן, אַז ער זאָל ערגעץ אָפּפאָרן, ער זאָל ניט אַריינפאַלן אין די נאַצישע הענט.

ס'איז אַוועק דער זומער. דער הימל איז געוואָרן גרוי. די ביימער אָפּגעפליקטע, כמעט נאַקעטע. נאָכאַנאַנד שפּריצט אַ רעגנדל מיט דינע, מאָנאָטאָנע טראָפּנס. עס טראָגט זיך אַ פאַרדומפּענער ריח פון נאַסע, טויטע בלעטער. ווינטן האָבן אָנגעוויִיט אומעט און מרה־שחורה.

יאַקאָוו איז מער ווי אַלעמאָל פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן פאַרשיידענע טעטיקייטן. און בראנקע איז אַרומגעלאָפן פון אינדערפרי ביז שפּעט ביי־נאַכט, געזוכט אַ וועג צו ראַטעווען איר מאַן.

די נאַכטיקע טונקלקייט האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלייגט אויפן פאַרוויינטן הימל, ווען בראנקע האָט אָפּגעזוכט יאַקאָוון. ער איז גראָד געווען ביי חברים אין הויז. אַ צעהיצטע, מיט פלאַמענדיקע אויגן, האָט זי אויסגעשריגן:

קום, טו זיך איבער! צוועלף ביינאַכט פאָרסטו אָפּ מיט אַ שיף קיין אַמעריקע!

יאַקאָוו האָט אויף איר אָנגעשטעלט זיינע גרויסע אויגן, ווי אירע רייד וואָלטן געווען אומגלויבלעך, ניט פאַרשטענדלעך.

— שטיי נישט, די צייט איז קורץ! — האָט זי אים אונטערגעיאָגט.

— וואָס פאַראַ שיף, וואָס רעדסטו? — האָט ער מיט דערשטוינונג געפרעגט.

— איך האָב געפונען אַ סטואַרד, — האָט זי שווער סאָפּענדיק פון אַרומלויפן און מידקייט געזאָגט. — ער וועט דיך ברענגען קיין אַמעריקע. קום, קום גיכער, ס'ווערט שפּעט!

— פאָר געזונט, זאָל זיין מיט גליק! — האָבן די חברים, ביי וועמען ער איז געווען, אָנגעהויבן מיט אים זיך שנעל געזעגענען.

יאַקאָוו איז געווען צעטומלט פון דער אומגעריכטער אַנטוויקלונג. אַלע האָבן מיט אַמאָל גערעדט, אים אונטערגעיאָגט. ער האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט דורכצוטראַכטן דעם גאַנצן עסק.

בראַנקע האָט אים אַלץ דערלאַנגט. ער האָט זיך שנעל אָפּגעזעגנט, זיך איבערגעטאָן.

— נאַ, לייג אַריין אַ פּאָר אונטערוועש אין קעשענע. קיין שום באַגאַזש קאָנסטו ניט מיטנעמען. דער סטואַרד דאַרף דיך אַריינשמוגלען אויף דער שיף, — האָט זי אים שנעל דערקלערט.

:: :: ::

זיצנדיק אין דער ענגער, פינצטערער קאַמער, און האַלטנדיק דאָס שטריקל אין האַנט, כדי די טיר זאָל זיך ניט קאָנען עפענען, האָט יאַקאָוו ערשט אָנגעהויבן זיך אויסטשוכען פון דעם קאָשמאַר, באַטראַכטן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

ס'איז געווען שטיל אַרום קאַמער. מען האָט ניט געהערט קיין פיס־טריט, קיין רייד. האָט ער עטוואָס נאָכגעלאָזט דאָס שטריקל, געעפנט אַ דינינקע שפּאַרע, פרייער אָפּצואָטעמען. ווי נאָר ער האָט דערהערט דעם מינדסטן שאָרך, האָט ער דאָס שטריקל שטאַרקער געצויגן, געהאַלטן עס מיט ביידע הענט צוגעדריקט צום האַרץ. ער פלעגט איינהאַלטן דעם אָטעם, ס'זאָל קיין דוך ניט אַרויס, מען זאָל זיך ניט כאַפּן, אַז אין דער קאַמער געפינט זיך אַ לעבעדיקער נפש.

די שיף האָט זיך פּאַמעלעך און שווער געקאָלאָטעט, געוויגט זיך מיט אַ פליעסקעריי געשניטן דעם ים.

יאַקאָוון האָט זיך געדוכט, אַז דאָס טאָג־ליכט האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלאָשן. די גאַנצע וועלט איז אין אַ ים מיט פינצטערניש אַריינגע־פאַלן און זינקט אַלץ טיפער און טיפער.

ער קאָן גאָר ניט פאַרשטיין, וואָס מיט אים איז געשען. ווי אַזוי האָט ער זיך דאָס געקאָנט לאָזן איינריידן פון בראַנקען?

„וואָס איז די חכמה צו אַנטלויפן פון שונא? איך האָב געדאַרפט בלייבן, העלפן שאַפן אַן אונטערערדישע באַוועגונג צו קעמפן קעגן די אַריינדרינגער, ניט אַנטלויפן צו ראַטעווען די אייגענע פעל!"

אפשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך אַזאַ ערנסטן פאַר־וואורף געמאַכט.

— און אויף וועמען האָב איך געלאָזט בראַנקען? — האָט אים גע־שניטן אַ ביטערער געפיל.

די צייט וואָס ער איז געזעסן אין שיף־קאַמער זיינען אים געקומען אויפן זינען אַלערליי געשעענישן פון זינט ער איז געווען אַ קינד. ער האָט זיך באַזונדערס דערמאָנט אין יענער נאַכט, ווען חברים האָבן אים געבראַכט אַ פאַרטיקן, אויסלענדישן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען יאַקאָוו פּאָ־דאָלאַק. ער האָט דעמאָלט געדאַרפט פאַרגעסן, אַז ער הייסט הערשל פישביין.

ער מיט נאָך איינעם האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט אַ פּראָוואָקאַטאָר. אים האָט געדראָט אַ לאַנג־יאָריקער טורמע־טערמין. די דעמאָלטדיקע פּוילישע רעגירונג האָט אַזעלכע שטרענג און אכזריותדיק באַשטראָפט. מען האָט פריער פון אַלץ אַריינגעלייגט קלעפּ וויפיל ס'האָט זיך געלאָזט, אונטערגעהאַקט די לונגען מיטן האַרץ און ערשט דערנאָך פאַרשפאַרט אויף לאַנגע יאָר אין תפיסה.

ב ע ל אַ   ג אָ ל ד ו ו י ר ט

מיטן נייעם פּאַספּאָרט האָט ער די זעלבע נאַכט אָנגעקלאַפּט אין טיר ביי אַרקע באַלעגאָלע און אים געזאָגט:

— שפּאַן דאָס פערד, מיר דאַרפן זעקס אינדערפרי שוין זיין ביי דער טשעכישער גרענעץ.

אַרקע האָט געוואוסט, אַז אויב הערשל זאָגט, דאַרף מען גאָרניט פרעגן. יאַקאָווס פּנים איז דעמאָלט געווען נאָך ערנסטער, ווי געוויינלעך. זיינע טונקעלע אויגן זיינען נאָך טונקעלער געוואָרן. די קאַרבן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון ביידע זייטן פון זיין היפּשער, פליישיקער נאָז, ביז צום מויל, האָבן זיך, דוכט זיך, טיפער איינגעשניטן. אויפן וואָגן האָט ער זיך געזעצט זייט־ביי־זייט מיטן פורמאַן. ביידע האָבן געשוויגן, ניט אויס־גערעדט קיין וואָרט איינער צום אַנדערן. אַרקע האָט בלויז געוואוסט, אַז ער דאַרף אָנטרייבן דאָס פערד צו קומען אין צייט.

יאַקאָוו איז געזעסן אָן שום סימן פון וועלכער עס איז שרעק. אַזוי איז ער געווען יאַקאָוו. יעדע פּאַסירונג האָט ער אויפגענומען רואיק, ווי ער וואָלט דאָס דערוואַרט.

קיין גרויסער רײדער איז ער נישט געווען. אָבער זיינע פּאָרזיכטי־קע, געציילטע ווערטער האָבן זיך אַלעמאָל ערגעץ אָפּגעזעצט מיט אַ גע־וויכטיקייט.

אויף דער צווייטער זייט גרענעץ האָט שוין אויף אים געוואַרט חבר־טע בראָניע, זיין איצטיקע ווייב. אין יענעם ווייסן פראָסטיקן ווינטער־טאָג האָט ער צום צווייטן מאָל געזען דאָס קליין־געוויקסיקע בלאָנדע מיידל מיטן לענגלעך־צאַרטן פּנימל, נאָר מיט די גרויסע העל־גרויע, ליכ־טיקע אויגן.

— איך האָב פאַר אייך געקראָגן אַ צימער אין דעם הויז, וואו איך וואוין, — זיינען געווען אירע ערשטע וואַרעמע ווערטער.

— איר וועט דאָרטן קאָנען אַ שטיקל צייט זיך אויסבאַהאַלטן, — האָט בראָניע, גייענדיק אויפן וועג אַהיים, צו אים געזאָגט.

יאַקאָוו האָט פון דער זייט אויף איר אַ קרומען קוק געטאָן, געדענקט ער, און שמייכלענדיק זיך צו איר אָפּגערופן:

— איר מיינט, אַז איך בין אַנטלאָפן פון פוילן צו באַהאַלטן זיך אין אַ לאָך, אָדער זיך פאַרשפּאַרן צווישן פיר ווענט?

האָט מען אים טאַקע אינגיכן אַרעסטירט. די קעסט פון דער טשע־כאָסלאָוואַקישער טורמע האָט אים אויך ניט אויסגעמיטן. נאָר בראָניע האָט געקערט וועלטן און אים באַפרייט.

— ווי אַזוי האָב איך געקאָנט ביי זיך פועלן זי צו לאָזן אַליין אין אַזאַ צייט ? אין געפאַר־צייט טאָר מען זיך ניט צעשיידן, איינער דעם אַנ־דערן דאַרף אַרויסהעלפן, — האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק. ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט מוחל זיין, פאַר דעם וואָס ער האָט געטאָן. די חרטה האָט ווי אַ וואָרים גענאָגט דאָס בלוט און ניט געגעבן קיין רו.

אַמאָל האָט זיך צו אים אויך אַריינגעכאַפּט אַן אַנדער געדאַנק:

— בראָנקע וועט זיך אַן עצה געבן, זי וועט זיך ניט לאָזן כאַפּן אין היטלערס לאַפּעס.

אַמאָל האָט דער טרייסט־געפיל, און אַמאָל האָט דער חרטה־געפיל געוואונען די אויבערהאַנט.

:: :: ::

אין אַ באַגינען איז ער אַרויסגעקראָכן פון זיין פאַרשפּאַרטן קאַמער און אַרויפגעטראָטן אויף דער ליכטיקער אַמעריקאַנער ערד. דער דרויסן האָט געשמעקט מיט אָנקומענדיקן פראָסט. אויף אַ מאַטן הימל האָבן ווי שעפּסענע פעלעכלעך, ווייסע וואָלקנס געשוועבט.

יאַקאָוו האָט בלויז עטלעכע בריוו נאָך באַוויזן צו קריגן פון בראָנ־קען. שפּעטער קיין צייכן פון איר, ווי זי וואָלט אין וואַסער אַריין.

דער חרטה־געפיל איז ניט אָפּגעטראָטן פון יאַקאָוון. ער האָט זיך ניט געקאָנט שענקען, פאַרוואָס ער איז אַליין אָן איר אַוועקגעפאָרן. און זיך אויסמישן מיטן ניו־יאָרקער רעש, זיך יאָגן נאָכן דאָלער, ווי אַנדערע, איז ניט געווען אין אים.

— צו וואָס בין איך אַהער געקומען און וואָס האָב איך דאָ צו טאָן? — האָט ער געהאַלטן זיך אין איין פרעגן. — איך האָב געדאַרפט זיין דאָרטן, העלפן באַזיגן דעם שונא.

ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט. מען האָט אָנגעהויבן רעקרוטירן יונגעלייט אין מיליטער. זיין חרטה־געפיל האָט אָנגעהויבן עטוואָס נאָכ־לאָזן. אָבער די רעגיסטראַציע איז פאַר אים געווען צו פאַמעלעך. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיין אויף אַן עראָפּלאַן, אָדער ערגעץ אין אַ שוץ־גרוב אָפּצורעכענען זיך מיטן שונא. ס׳האָט אין אים שטאַרק געברענט די נקמה. ער האָט שוין ניט געקאָנט רוען.

מיטאַמאָל האָט ער באַשלאָסן: ער וועט אַריבערשמוגלען נאָך אַ גרענעץ, די קאַנאַדישע. דאָרט וועט ער זיך באַלד קאָנען פרייוויליק אָנ־שליסן אָן דער קאַנאַדישער אַרמיי. דאָרט וועט ער גיכער קאָנען נעמען נקמה פאַר בראָנקען, נקמה פאַר די יידן, נקמה פאַר אַלע צעטראָטענע פעלקער און מענטשן.

בעלאַ גאָלדווירט

יאַקאָוו האָט זיך דערפּרייט מיט דעם פּלאַן.

דאָס ערשטע מאָל, נאָך לאַנגע יאָרן, האָט ער אָנגעגעבן זיין אמתן נאָמען. — ענדלעך — האָט ער צו זיך געזאָגט, וועל איך זיין לעגאַל, ווערן אַ בירגער פון אַ לאַנד.

ער איז אַריין אין קאַמף, צוריק אויף זיין קאַמפּס־פּאָזיציע, צו וועלכער ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט און געשטרעבט.

— איצט וועל איך אויספירן מיין מיסיע, — האָט ער געטראַכט. מיט גלויבן און קוראַזש איז ער אָפּגעפאָרן אויפן שלאַכטפעלד.

אַליין זיך אָפּגעזאָגט

ווען די שניידערס קריגן אַ בריוו פון זייער זון, לויכטן זיי אויף פון פרייד.

זינט נייטן, דער זון זייערער, האָט מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי גע־לאַנדעט אין פראַנקרייך, שרייבט ער זייער אָפט צו זיינע עלטערן. די מו־טער ווייסט שוין גענוי די צייט ווען דער בריוו־טרעגער גייט אויף איר גאַס. יעדעס מאָל גייט זי אַראָפּ פון פערטן שטאָק, זען צי ס׳איז עפּעס אָנגעקומען פון נייטענען.

געוויינלעך לייענט זי יעדן בריוו פון זון עטלעכע מאָל ביז יעדעס וואָרט, וואָס ער שרייבט, ווערט ביי איר גוט איינגעקריצט אין זכרון. דער־נאָך טוט זי איר הויז־אַרבעט מיט אַ גרעסערן חשק. אין געדאַנק חזרט זי כסדר איבער איר זונס ווערטער. און אויב עס דאַכט זיך איר, אַז זי האָט פאַרגעסן אַ וואָרט, נעמט זי ווידער דעם בריוו און לייענט אים נאָכ־אַמאָל.

ווען דער מאַן טרעט אַריבער די שוועל, אַהיים קומענדיק פון דער אַרבעט, איז זיין ערשטע פראַגע:

— איז פאַראַן אַ בריוו?

ווען ער דערהערט אַן ענטפער „יאָ", ווערט אים פריילעכער אויפן האַרץ. ער טוט באַלד אָן די ברילן, נעמט דעם בריוו, וואָס ליגט געוויינ־לעך אויפן קיך־טיש, ער זאָל אים גלייך דערזען, און לייענט אים אויפן קול. אויב ער פאַרהאַקט זיך אַמאָל ביי אַ וואָרט, אָדער ער לייענט עפּעס ניט ריכטיק, זאָגט אים די פרוי אונטער פון אויסנווייניק. נאָכן לייענען עסט ער מיט מער אַפּעטיט זיין וועטשערע. ביים עסן רעדן טאַטע־מאַמע וועגן דעם, וואָס דער זון שרייבט. מען טייטשט אויס ווערטער, וואָס זיי־נען ניט קלאָר, אָדער ניט דערזאָגט. שפּעטער נעמט די מאַמע צו דעם בריוו און לייגט אים אַריין אין שופלאָד פון קליינעם טישעלע לעבן בעט, וואו זי האַלט דעם זונס אַלע בריוו.

נאָכדעם, ווי נייטן איז פאַרוואונדעט געוואָרן, האָט ער געשריבן, אַז ער איז שוין באַלד געזונט. ער האָפט, אַז אין גיכן וועט מען אים אַהיימשיקן אויף אָפּרו. האָבן די עלטערן מיט נאָך מער אומגעדולד גע־וואַרט אויף אַ בריוו פון זון. זיי האָבן געהאָפט, אַז אָט־אָט וועלן זיי לייע־נען פון אים:

בעלאַ גאָלדווירט

„איך בין שוין געזונט; נאָך אַ טאָג צוויי, וועל איך אַרויס פון שפּי־טאָל און וועל אָפּפאָרן אַהיים".

ענדלעך איז ווידער אָנגעקומען פון נייטענען אַ בריוו. אָבער ניט אַזאַ, וואָס די עלטערן האָבן דערוואַרט.

דער זון שרייבט צו זיי:

„טייערע עלטערן! אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב פון אייך און פון מיר אַוועקגענומען די פרייד פון מיין גיכן אַהיימקומען. איך פיל, ווי גרויס עס וואָלט געווען אונדזער אַלעמענס פרייד, ווען איך וואָלט זיך מיט אייך געזען און געווען צוזאַמען מיט אייך.

„נאָר עפּעס האָט מיך באַוואויגן, אַז איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון אורלויב, כאָטש מיין בענקשאַפט צו אייך איז זייער גרויס. איבערהויפּט דו, מאַמע מיינע, וועסט פאַרשטיין, אַז אַנדערש וואָלט מיין געוויסן דאָס גאַנצע לעבן ניט געלאָזט מיר רוען.

„געווען איז דאָס אַזוי: איך בין געזעסן פאַרן שפּיטאָל אויף דער פראַנצויזישער ערד און האָב גערעדט מיט נאָך אַ סאָלדאַט וועגן מיין אַהיימפאָרן. איך בין שוין געזונט און יענעם טאָג האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז איך קריג די דערלויבעניש צו פאָרן.

„פּלוצים האָבן מיר בײדע דערזען פון וויטנס עפּעס אַ געשטאַלט באַוועגט זיך און רוקט זיך פּאַמעלעך אין אונדזער ריכטונג. אַ פרוי, איינ־געוויקלט אין שמאַטעס, איז צוגעקומען און מיט מוראדיקע בליקן אונדז אָנגעקוקט . . . אירע באָרוועסע פיס זיינען געווען צעקאַליעטשעט, פול מיט בלויע צייכנס און שרעקלעך געשוואָלן. אירע אויגן זיינען געווען מיט בלוט פאַרלאָפן. דאָס פּנים איינגעדאַרט, הויט און ביין. די ליפּן פאַרטריקנט, פאַרברענט, ווי פון אַ שטאַרקער היץ־קראַנקהייט. אירע גרויע האָר האָבן נאַכלעסיק אַרויסגעשטעקט פון אונטער אַ צעריסענער פאַטשיילקע.

„אויפן ערשטן בליק האָט מען געקאָנט מיינען, אַז זי איז זייער אַן אַלטיטשקע. איר שטימע איז אָבער געווען פון אַ יונגן מענטשן. זי האָט לאַנג אויף אונדז מאָדנע געקוקט און מיטאַמאָל האָט זי אַ פרעג געטאָן מיין פריינט:

— זאָג מיר, זון, ווי אַזוי הייסטו?

— איך הייס פּאָול — האָט ער שנעל געענטפערט, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַר איר פראַגע. זי האָט אים נאָענט אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין, געשאָקלט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געשלעפּט אויף זיך די שמאַטעס און זיך ביטער געקרימט ווי פון יסורים. דערנאָך האָט זי זיך אויסגע־דרייט צו מיר און געפרעגט:

אַליין זיך אָפּגעזאָגט

— זאָג מיר, זון, ווי אַזוי הייסטו ?

— נאַטאַן — האָב איך געענטפערט.

— נאַטאַן, נאַטאַן ! — האָט זי מיט אַ יאָמערלעך קול געשריגן. איר אָטעם האָט זיך פאַרהאַקט, ווי זי וואָלט זיך מיט עפּעס געשטיקט. אָבער באַלד האָט זי ווידער איבערגעחזרט :

— נאַטאַן, נאַטאַן טייערער, מיין זון, דו ביסט דאָך מיין זון ! . . .

מיט טרייסלענדיקע הענט האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון בוזים אַ פּעקעלע. זי האָט דאָס צעוויקלט. זי האָט דאָרט געהאַט עטלעכע פלוימען. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי מיך געבעטן :

— נאַ, מיין קינד, נעם, נעם פלוימען. אַלע, אַלע פלוימען נעם. דאָס טראָג איך פאַר דיר, מיין זון. עס, עס. אַלע פלוימען נעם.

אירע אויגן זיינען מיטאַמאָל זייער גרויס געוואָרן און האָבן זיך פייערדיק צעצונדן. אירע פאַרטריקנטע ליפּן זיינען באַדעקט געוואָרן מיט אַ ווייסן שוים. זי איז געשטאַנען נאָענט לעבן מיר. איר אָטעם האָט געשלאָגן אויף מיין פּנים מיט היץ. איך האָב געפילט, ווי מיין הויט איז מיר געברונצלט געוואָרן. זי האָט געהאַלטן די פלוימען אין אירע דאַרע, אויסגעשטרעקטע הענט און מיך געבעטן :

— נעם, נעם פלוימען. אַלע, אַלע, אַלע פלוימען נעם. דו ביזט דאָך מיין קינד, מיין זון . . .

פּלוצים האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט. זי האָט אָנגעהויבן רעדן אַביסל געלאַסענער :

— אינמיטן נאַכט — האָט זי געזאָגט, — זיינען די מערדער אַריין אין מיין הויז און צוגערויבט ביי מיר די קינדער. פון די בעטן האָט מען זיי ביי מיר אַרויסגענומען. מיין זיבעצן־יאָריקן נאַטאַן און מיין פופצן־יאָריקע מאַדלען. אויף אַרבעט, האָבן די מערדער געזאָגט. נעמט מען זיי, און פון דעמאָלט אָן זוך איך זיי אַרום.

— זאָג מיר, מיין קינד — האָט זי זיך צו מיר געווענדט, — וואו זאָל איך זוכן מיין טאָכטער ? מיין ליבע מאַדלען. אין די גריבער צווישן די טויטע זאָל איך זי זוכן, צי ערגעץ, וואו איר יונג לייב ווערט געשענדעט ? . . .

„אירע רייד האָבן ווי הייסע קוילן זיך געלייגט אויף מיין קאָפּ. אַז איך האָב שוין מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן אירע רייד, האָב איך אַ גלעט געטאָן איר אויסגעצערט פּנים און געזאָגט :

— מאַמע, באַרואיק זיך, מאַמע !

„ווען זי האָט דערהערט דאָס וואָרט „מאַמע", איז זי צוגעפאַלן צו

מיר, זיך איינגעקלאַמערט אין מיינע אָרעמס, אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויף מיין אַקסל, מיך צוגעדריקט צו איר ברוסט און זי איז שטיל גע־בליבן. איך האָב געפילט, ווי איר אָטעם לעשט זיך אויס, ווי איר האַרץ הערט אויף קלאַפּן. אירע פאַרבלוטיקטע אויגן האָבן זיך פאַרשלאָסן, ווי זי וואָלט איינגעשלאָפן.

„זי איז געווען אַ מאַמע, וואָס האָט געזוכט אירע צוגערויבטע קינ־דער און איר האַרץ האָט געפּלאַצט פון ווייטיק. איך האָב באַשלאָסן צו־ריקצוגיין אויפן שלאַכטפעלד נקמה נעמען פון די קינדער־מערדער.

„זייט געזונט,

אייער נייטן".

ווען די מאַמע האָט פאַרענדיקט לייענען, האָט זי בשעת־מעשה גע־וואָלט אַראָפּלויפן צו די שכנים, זיי דערציילן, אַז איר זון האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון אהיימקומען, אַז ער גייט פרייוויליק צוריק אויפן שלאַכט־פעלד. נאָר זי האָט געפילט, ווי דאָס לייב וואָלט ביי איר פאַרגליווערט געוואָרן. אירע הענט זיינען ביי איר מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלן, איר האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט שטאָלץ און מיט אומעט צוזאַמען. אַ געמיש פון פרייד מיט ווייטיק האָט געשפּאַרט איר ברוסט און זי געשטיקט אין האַלדז.

זי איז צוגעגאַנגען צו נייטנס בילדער, וואָס זי האָט געהאַט ליגן פון זיין פאַרשיידענעם עלטער. זי האָט לאַנג באַקוקט יעדעס בילד, געקושט און געוויינט. זי האָט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס זי וויינט. צי דער־פאַר, וואָס איר זון גייט צוריק אויפן שלאַכטפעלד, צי אויף דער טראַגע־דיע פון יענער אומבאַקאַנטער מאַמען.

זי איז ווידער צוגעגאַנגען צום בריוו און געוואָלט אים נאָכאַמאָל לייענען. אָבער זי האָט אים צוריק אַוועקגעלייגט, ווי זי וואָלט זיך פאַר אים געשראָקן. זי האָט אַ טראַכט געטאָן: אפשר באַהאַלטן דעם בריוו, דער מאַן זאָל פון אים גאָרניט וויסן. נאָר דאָס האַרץ האָט זי ניט גע־לאָזט דאָס צו טאָן. זי האָט דעם בריוו געלאָזט ליגן אויפן קליינעם טי־שעלע לעבן בעט. ווי אין אַ קאָשמאַר איז זי געגאַנגען פון איין צימער אין אַנדערן און ניט געוואוסט צו וואָס זי זאָל זיך נעמען.

ווען דער מאַן איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט זי זיך ערשט געכאַפּט ווי שפּעט ס'איז, און אַז זי האָט ניט צוגעגרייט קיין וועטשערע.

אַ שווייגנדיקע, מיט פאַרשלאָסענע ליפּן, האָט זי אים געגעבן אין אַ טעלער עפּעס עסן.

אָנקוקנדיק זיין ווייב האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש

אַליין זיך אָפּגעזאָגט

און איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־צימער, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים גע־זאָגט, אַז דאָרט וועט ער אויסגעפינען וואָס איז געשען. דאָס ווייב איז אים אַ שווייגנדיקע נאָכגעגאַנגען. ער האָט דערזען אויפן טישעלע דעם בריוו. ער האָט אָנגעשפּאַרט איין עלנבויגן אויפן טיש און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם בריוו און אָנגעהויבן לייענען. דאָס מאָל האָט ער אָבער ניט געלייענט אויפן קול, נאָר שטילערהייט פאַר זיך אַליין. דאָס ווייב איז געשטאַנען און געקוקט דעם מאַן אין פּנים אַריין. זי האָט געזען, ווי ער איז בלאַס געוואָרן. ער האָט געלייענט די שורות פון יענער מאַמען.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, דאָס ווייב זאָל ניט זען זיינע טרערן.

„אַליין זיך אָפּגעזאָגט, אַליין", האָט די מאַמע שטיל געזאָגט. און די ווערטער האָבן זייביידן אָנגעפילט מיט אומעט און בענקשאַפט — מיט ליבע און שטאָלץ.

אַ משפּט אין דאָרף

קאַרל איז געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אַביסל זייטיק. די פּיס אַרונטערגערוקט אונטער דער באַנק, ווי ער וואָלט וועלן זיך אָפּרוקן און אַוועקדרייען זיך פון די מענטשן, צווישן וועלכע ער האָט זיך געפונען. די גאַנצע צייט פון משפּט האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי ס'וואָלט אים צו דער ערד געצויגן, און מיט קאַלטע בליקן געקוקט אויף זיך, אויף זיין אייגענעם צעקנייטשטן אָנטאָן. ער האָט קיינעם ניט געוואָלט זען, אויף קיינעם ניט געוואָלט קוקן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין דעם פּויערישן געריכט־צימער איז די לופט שרעקלעך שטיקנדיק, אַז ער וועט דערשטיקט ווערן. און ער האָט זיך דערפילט, ווי אַ קראָ מיט אונטערגעהאַקטע פליגלען, וואָס קאָן זיך ניט רירן פון אָרט.

זיינע עטלעכע און דרייסיק יאָר האָבן זיך ביי אים אויסגעוויזן, ווי זיי וואָלטן מיט אַ בלאָז פון ווינט פאַרפלויגן. לאַנג, אומענדלעך לאַנג האָט נאָר ביי אים אויסגעזען די צייט זינט ער איז אַריינגעפאַלן צו די בעלאָרוסישע פּויערים אין די הענט אַריין. יעדע מינוט איז ביי אים געווען אַן אייביקייט. און ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלטווירקלעך אין דעם איינעם טאָג אַלט געוואָרן. ער איז געזעסן געבויגן, איינגעקאָרטשעט, זיין מיטל־וואוקסיקער קערפּער האָט אויסגעזען קלענער, ווי ער איז אין דער אמתן געווען, ווי איינער, וואָס ווערט אויף דער עלטער איינגעשרומפּן. זיינע גלייכע, טונקל־בלאָנדע האָר, וואָס האָבן זיך נאָך פון פריער ביי די זייטן געגרויט, זיינען נאָך גרויער געוואָרן. וואָס וועלן איצט די פּויערים מיט אים טאָן? וואָס פאַר אַן אורטייל וועט דער ייד פאַר אים אַרויסגעבן?

טויט? ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט זיין דער טויט. נאָר מער פון אַלץ האָט ער זיך געשראָקן, וואָס מען וועט מיט אים טאָן ביז צום טויט. און דאָס וואָס אַ ייד וועט אים משפּטן, דאָס האָט אים ווי אַ פייער געברענט.

„וואו האָט דאָס פאַרפלוכטע דאָרף גענומען אַ יידן?", האָט ער געטראַכט, „איך האָב דאָך דעם גאַנצן געגנט ריין געמאַכט פון יידן, זיי אויסגעראָטן פונעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן, און דער טייוול ווייסט זיי פון וואַנען ס'האָט זיך דערנומען אַ ייד?" און פון אומרואיקייט האָט ער ווי אַ שלאַנג קוים מערקבאַר זיך עטוואָס אויף דער באַנק געדרייט.

א משפט אין דאָרף

בערקע ווײַנפעלד איז פון די דאָרפלייט באַשטימט געוואָרן צו זיין קאַרלס ריכטער. ער איז געווען דער אײַנציקער ייד, וואָס האָט זיך פון אַ שטאָט מיט יידן געראַטעוועט.

באַלד פון אָנהייב, אַזוי ווי דער דייטש האָט פאַרנומען דעם בעלאָרוסישן געגנט אַרום פוילן, האָט זיך בערקע אַריינגעכאַפּט אין דעם דאָרף אַריין. ער האָט זיך אין דאָרף איבערגעטאָן אין פויערישע קליידער, זיך פאַרלאָזט וואָנסעס און דאָס דאָרף האָט אים די גאַנצע צייט אויסגעהיט די דייטשן זאָלן ניט וויסן, אַז ער איז אַ ייד.

ביי וולאַדימירן אין הויז, וואו בערקע האָט זיך אויפגעהאַלטן, האָט מען אים ליב געקראָגן, ווי אַן אייגענעם לייבלעכן ברודער. בערקע איז געווען אַ ייד שוין באָענט צו די זעכציקער. זיין ליכטיקע הויט מיט דער גלייכער שיינער נאָז, די גרויע אויגן מיט די גלייכע האָר זיינע און זיין הויכער וואוקס מיט די ברייטע ביינער, האָבן אים ניט אונטערשיידט פון די בעלאָרוסן אָדער פּאָליאַקן.

אַזוי ווי קאַרל איז אַריין אין דאָרף, האָט ער דאָרט באַלד אָנגעהויבן צרות אָנטאָן. קאַרל איז געווען דער, וואָס האָט פאַרן דאָרף אַלעמאָל נייע געזעצן אַרויסגעגעבן: ער האָט באַשטימט וויפיל תבואה יעדער פויער מוז פאַר די דייטשן צושטעלן. און ביי די דאָרפלייט איז אָנגעוואַקסן אַ הייסער דראַנג זיך אָפּצורעכענען מיט קאַרלען.

דאָס דאָרף האָט דערהערט באַנייטע שיסערייען. מען האָט דערפילט, אַז די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך. האָבן די דאָרפלייט נאָך מער ווי ווען ס'איז פריער געוואָלט אַריינקריגן די „חזירשע מאַרדע“, ער זאָל קיין לעבעדיקער פון דאָרף ניט אַרויסגיין.

אַלע וועגן זיינען שוין געווען פאַרשטאָפּט מיט אָפּטרעטנדיקע דייטשן. אין דאָרף האָט זיך שוין אויך דערפילט אַ צערודערונג, אַן אָנדייט, אַז די פייניקער וועלן זיך באַלד אָפּטראָגן. די שיסערייען האָבן זיך אַלעמאָל שטאַרקער און שטאַרקער געהערט. און נאָך אַן אומרואיקער נאַכט איז פיאָטער זאַכאַראָוו באַגינען אַרויס פון זיין שטוב און זיך געטראָפן מיט זיין שכן וולאַדימיר.

זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביים צעבראָכענעם פּלויט, וואָס האָט אָפּגעטיילט פיאָטערס פּאָדוויר (הויף) פון דעם פּאָדוויר, וואו די חזירישע מאַרדע איז איינגעשטאַנען. און אַזוי ווי זיי האָבן נאָר אָנגעהויבן רעדן וועגן דער ניי־געשאַפענער לאַגע, האָבן זיי דערזען קאַרלען ניט קיין באַוואָפנטן גיין דורכן פּאָדוויר. זיי האָבן זיך געגעבן אַ קוק אַרום צי מען זעט ניט ערגעץ קיין דייטש, האָבן מיט שנעלע טריט אים אָנגעהויבן

נאָכגיין, און אַזוי ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַפּטריט, נאָך איידער ער האָט באַוויזן זיך צו פאַרקייטלען, האָבן זיי אַ ריס געטאָן דאָס טירל. די אַלטע ברעטער האָבן זיך צעקרישלט, און זיי האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַלדז, אים באַלד פאַרשטאָפּט דאָס מויל ער זאָל ניט קאָנען שרייען און אים אַריינגעשלעפּט אין פּיאָטערס דערנעבנדיקן קעלער אַריין. ווען ער איז שוין געווען אינעווייניק, האָבן זיי עטלעכע מאָל פּרובירט צי דאָס טירל פון קעלער איז גוט פאַרשפּאַרט. מיט קלאַפּנדיקע הערצער נאָך דעם אָפּגעטאָגענעם שטיקל אַרבעט, זיינען זיי געבליבן שטיין אויפן פאָד־ וויר עטלעכע טריט פון קעלער, אַכטונג געבן, געהיט דאָס אָרט, קיינער זאָל אַהין ניט צוגיין.

— וואָס וועט מען איצט מיט אים טאָן ? — האָט וולאַדימיר אַ צע־ רודערטער געפרעגט.

— זאָל נאָר דאָס דאָרף פריי ווערן פון דער נאַצישער פעסט, וועלן מיר שוין וויסן וואָס צו טאָן, — האָט פּיאָטער אויך אַביסל אומרואיק גע־ ענטפערט.

דער עפּל־בוים אונטער פּיאָטערס פענצטער, וואָס די דייטשן האָבן שטיקער פון אים אָפּגעבראָכן, איז געבליבן בלויז מיט איין צווייג. ער האָט אויסגעזען, ווי אַן אויסגעשטרעקטע האַנט מיט איין פינגער.

מיטן פרילינג איז דער איין און איינציק איבערגעבליבענער צווייג אויף דעם עפּל־בוים צום לעבן געקומען, און מיט גרינענקע בלעטעלעך און מיט ווייס־ראָזלעכע בלימעלעך זיך פאַרפּוצט. אויפן סאַמע שפּיץ פון דעם צווייג האָבן זיך צוויי פייגעלעך אָוועקגעשטעלט. זיי האָבן גלייך צו פּיאָטערן מיט וולאַדימירן געקוקט און פריילעך געסווישטשעט, ווי זיי וואָלטן גוטע בשורות זיי אָנגעזאָגט.

אין מזרח איז ווי פון דער ערד אַ פלאַם אַרויסגעוואַקסן און אַ שטיק הימל האָט זיך אָנגעצונדן. דערנאָך ווי אַ בלוטיק אויג האָט זיך די זון אויפן ראַנד פון הימל באַוויזן און מיט פרילינגדיקער וואַרעמקייט אַראָפּ־ געקוקט אויף צעטראָטענע לאָנקעס מיט יונגינקע מאָגערע גראָזן באַגרינט און אויף שטיקער שוואַרצע נאָך ניט פאַרזייטע פעלדער, וואָס האָבן אויפן אַקער־אייזן און אויף זריעה געוואַרט.

אין דאָרף איז נאָך זייער שטיל געווען, ס'וויזט אויס, ווי נאָך דער אומרואיקער נאַכט האָבן מענטשן מורא געהאַט פון די בעטן אַרויסקריכן און אין דרויסן אַרויסצוגיין.

פון די פוסטע שטאַלן האָט אַן אומעט איבערן דאָרף געוויייעט. מען האָט ניט געהערט קיין הירזשען פון קיין פערד, קיין מעקען פון קיין קו, קיין מוקען פון קיין שעפּס, אַפילו ניט קיין קריי פון אַ האָן. די דייטשן

אַ משפּט אין דאָרף

האָבן אַלע צוגענומען, אויסגעליידיקט און פּוסט געמאַכט דאָס דאָרף.

אָבער נישט לאַנג וואַרטנדיק האָבן זיך אָנגעהויבן אויף די פּאָדווירן באַוויזן איילנדיקע דייטשן. זיי האָבן געזוכט נאָך עפּעס ביי די פּויערים צוצונעמען.

פּיאָטער האָט ניט געוואָלט עס זאָל פאַלן אויף אים אַ חשד, אַז ער הינט דעם קעלער, איז ער אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין און וולאַדימיר איז מיט אים מיטגעגאַנגען.

אַביסל שפּעטער האָבן די דייטשן אָנגעהויבן לויפן פון דאָרף, ווי פאַרסמטע מייז.

מיטאָג־צייט האָט מען שוין קיין דייטש פאַר די אויגן ניט געזען, די שיסערייען האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט.

פּיאָטער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען זען, וואָס ס׳הערט זיך אויפן דאָרף.

דער פּחד פאַר די נאַצישע הענקער איז נאָך געהאַנגען איבער די דאָרפישע כאַטעס.

די שטיבער, וואו די דייטשן האָבן געוואוינט, זיינען געשטאַנען מיט צעפּראַלטע טירן, קיינער איז נאָך אַהין ניט אַריינגעגאַנגען. קיינער האָט נישט געוואָלט איבערטרעטן די שוועלן, פּונקט ווי עס וואָלטן דאָרט גע־ווען נבלות און מען וויל זיך צו די ערטער ניט צורירן. מען וואַרט דער עיקר זאָל נאָך זיי אַרויס. פּיאָטער האָט אַ פּאָר מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט, דערציילט, אַז קאַרל ליגט אַ געבונדענער ביי אים אין קעלער. די נייעס האָט זיך שנעל איבערן גאַנצן דאָרף צעטראָגן. אַלע זיינען פון זייערע נאָרעס אַרויסגעקראָכן.

די דערוואַרטונג פון דער רויטער אַרמיי האָט אַלעמענס הערצער מיט פרייד אָנגעפילט. אָבער אין קאַרלען האָט מען ניט פאַרגעסן. עס האָט זיך געקאָכט און געטומלט, וואָס מען זאָל מיט אים טאָן.

— מען דאַרף אים פאַרברענען! — האָט אַ פּויערטע אויסגעשריגן.

— איך וואָלט אים אויפגעהאַנגען! — האָט איינער געזאָגט. כאָטש אַלע האָבן געוואוסט, אַז דעם מערדער קומט טויט־שטראָף, דאָך האָבן זיי אים ניט געוואָלט אומברענגען אָן אַ משפּט.

— מען דאַרף אים משפּטן, — האָבן אַ צאָל פון די דאָרפלייט גע־טענהט.

— און וואו זאָל מען אין אַזאַ צייט נעמען אַ געריכט? און האַלטן זיך מיט אים לוינט זיך נישט, — האָבן אַנדערע געשריען, און זיי זיינען געווען גרייט אים ווי מיגוט צו דערהרגענען.

די יונגע אָלגאַ סטעפּאַנאָוונאַ, די טאָכטער פון אַ פּאַרטיזאַן, וועֿ־

מען קאַרל האָט צום טויט פאַרפייניקט, האָט זיך מיט איר שטימע אַריינגעריסן און געזאָגט :

— מיר דאַרפן ניט זוכן קיין געריכט. דאָס דאַרף האָט פון אים גע־ליטן און דאָס דאַרף דאַרף אים משפטן.

איר געדאַנק איז אַלעמען געפעלן געוואָרן, און מען האָט באַלד אויפן אָרט געשאַפן אַ געריכט.

דאָס גאַנצע דאַרף האָט געוואוסט, אַז בערקע וויינפעלד איז אַ גרויס־שטאָטישער, אַ קלוגער און אַ געלערנטער מענטש, אַ קענער פון עטלעכע שפּראַכן. האָט מען באַשטימט, אַז בערקע וויינפעלד זאָל זיין דער ריכ־טער, דער פאַרטיידיקער, פּיאָטער זאַכאַראָוו. די יונגע אַלגאַ סטעפּאַנאָוונאַ — פּראָקוראָר, און צען אַנדערע מענטשן — די עדות.

און נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט מען קאַרלען אַריינגעפירט אין פּיאָטערס שטוב אַריין אים צו משפטן.

ווען בערקע איז צוגעגאַנגען צום טיש, וואָס איז געשטאַנען אויבן־אָן ביים פענצטער, האָט ער געזאָגט :

— איך, אַלס אַ ייִד, בין זייער צופרידן צו זיין דער ריכטער איבער אַזעלכן, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויסצוראָטן, אומברענגען ביז צום לעצטן מענטש פון מיין פאָלק.

נאָך זיין קורצער רעדע האָט ער געגעבן דאָס וואָרט דעם פּראָקוראָר — אַלגאַ סטעפּאַנאָוונאַ. אַלגאַ האָט זיך מיט אימפּעט געגעבן אַ שטעל־אויף. זי האָט געוואוסט, אַז אַלע, וואָס זיצן דאָרט, ווייסן זייער גוט, וואָס קאַרל האָט געטאָן מיט איר פאָטער און מיט דער גאַנצער פאַמיליע אירער. דאָך האָט זי געהאַלטן פאַר נויטיק איבערצודערציילן די גרויל־טאָטן, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן אירע אייגענע :

— ער האָט געכאַפּט מיין פאָטער — האָט זי מיטן פינגער אָנגעוויזן אויפן מערדער, און מיט די רייד זיך געווענדט צו בערקען, — און גע־וואָלט מיין פאָטער זאָל אויסזאָגן ווער און וואו די פאַרטיזאַנען געפינען זיך. און אַז ער האָט פון אים גאָרניט געקאָנט אַרויסקריגן, האָט ער אָנ־געגליט אַן אייזן און געברענט זיין לייב ביז צו די ביינער. אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט ער אים פון ביידע הענט די פינגער אָפּגעהאַקט. און אַז ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט פון אים קיין וואָרט אַרויסקריגן, האָט ער אים געשטיקט, ער זאָל די צונג אַרויסשטעקן און ער האָט זיי־נעם אַן אַרויסהעלפער געהייסן אים די צונג אָפּשניידן. דערנאָך האָט ער אים ביי די פיס אויפגעהאַנגען, און אַזוי מיטן קאָפּ אַראָפּ איז ער אויס־געגאַנגען. שפּעטער איז ער מיט נאָך עטלעכע דייטשע מערדער געקומען צו אונדז אין שטוב אַריין, געוואָלט צווינגען מיין מוטער זי זאָל אויסזאָגן

וואו די פּאַרטיזאַנען געפינען זיך. און ווען זי האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט ניט פון קיין שום פּאַרטיזאַנען, האָט ער געכאַפּט אַ היי־גאָפּל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און פאַר דער מוטערס אויגן מיין צוויי יאָריק שוועסטערל דאָס בייכל אַדורכגעשטאָכן. דערנאָך האָט ער מיינע צוויי ברידער מיט דער מוטער אומגעבראַכט. צופעליק בין איך פונקט דע־מאָלט אין הויז ניט געווען און איך בין לעבן געבליבן, די איינציקע פון מיין פאַמיליע.

— איך פאַרלאַנג דערפאַר מען זאָל אָט דעם מערדער אויפן זעלבן אופן אומברענגען, ווי ער האָט מיין פאָטער אומגעבראַכט.

דורך דער צייט, וואָס קאַרל איז געווען אין דעם ווייסרוסישן דאָרף, האָט ער זיך אויסגעלערנט גוט צו פאַרשטיין זייער שפּראַך. און הערנדיק אַלגאָס רייד איז ביי אים דאָס לייב געררונצלט געוואָרן. ער האָט שטאַרק מורא געקראָגן פאַר דעם טויט, וואָס אַלגאַ פאָדערט, ער האָט זיך דער־שראָקן פאַר דער פייניקונג, און ער האָט זיך ווידער פאַמעלעך אָנגעהויבן אויף דער באַנק צו דרייען.

בערקע האָט איבערגעריסן די שטילקייט מיטן אַרויסרופן אַן עדות. דער עדות האָט אָנגעהויבן דערמאָנען שוידערלעכע פאַקטן, וואָס קאַרל מיט זיינע חברים האָבן אָפּגעטאָן.

קאַרל האָט דערהערט זיינע אָפּגעטאָנענע מעשים, האָט ער אויסגע־שטעלט אַ פּאָר ווילדע אויגן. די מורא אין אים איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָקסן.

דערנאָך האָט איין עדות נאָכן אַנדערן גערעדט.

ווען מען האָט אים דערמאָנט גרוילטאָטן אין וועלכע ער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן, האָט ער געוואָלט פון צאָרן אַ געשריי טאָן:

— צום טייוול! אַלץ געדענקען זיי! — אָבער ער האָט זיך איינ־געהאַלטן. ער האָט געזען, אַז ביי די פויערים איז יעדע זאַך, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, געוואָרן איינגעקריצט אין זייערע מוחות און זיי געדענקען.

קאַרלען האָט זיך געדאַכט, אַז די עדות ציען זיך און ציען זיך אָן אַ סוף און די רייד זייערע זיינען אָן אַן ענדע. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין שאַרבן הייבט זיך אים פון די אַלע רייד, און אין קאָפּ רוישט אים, ווי בינען וואָלטן דאָרט געזשומעט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די מענטשן, וואָס ער האָט לעבעדיק באַגראָבן, זיינען פון די גריבער אַרויס און גייען עדות זאָגן. די קינדער, וואָס ער האָט פאַרפייניקט קריכן אויף אַלע פיר צו זיין משפּט. די אויסגעקוילעטע יידן זיינען פון די קברים אַרויס און פון אַלע זייטן קומען זיי אָן און שרייען: נקמה! נקמה!

ס'האָט זיך אים אַפילו געדאַכט, אַז די גלידער, וואָס ער האָט ביי

מענטשן אָפּגעהאַקט, האָבן זיך פון די פעלדער אויפגעהויבן און זיי זיינען עדות, און אַז די וואַסערן שטורעמען מיט מוראדיקן געררויש און וואַרפן אַרויס די דערטרונקענע קערפּערס — אויך זיי זאָלן זיין עדות. אַזוי האָט ער זיך דערשראָקן פאַר די אַלע דערמאָנטע פאַקטן. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם מוראדיקן אַוועקגעוואָרפן רופֿ, אַז דער יידישער ריכטער וועט זיך מיט אים פאַר אַלצדינג אָפּרעכענען, און ער וועט צופּסקענען מיט די ערגסטע מיטלען אים צו טויטן.

— אָ, דער טויט! — האָט ער שטיל אין זיך אויסגעשריען, — ווען מען גיט מיר וואָס שנעלער אַ קויל".

„אָבער דער ייד וועט פּייניקן, ער וועט געוויס פּייניקן", האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט.

בערקע האָט אַוועקגענומען די אויגן פון די פּאַפּירן, וואו ער האָט די גאַנצע צייט עפּעס געצייכנט, און אַרויסגערופן דעם פּאַרטיידיקער.

פּיאָטער, שוין אַן עלטערער פויער פון אַ יאָר עטלעכע זעכציק, האָט זיך פּאַמעלעך און שווער אויפגעשטעלט. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט צו קאָנען פּאַרטיידיקן דעם מערדער, און אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— איך האַלט, אַז מען דאַרף אים ניט געבן אַזאַ שווערן טויט, ווי אַלגאַ סטעפּאַנאָוונאַ פאַרלאַנגט, ווייל ער איז ניט אינגאַנצן שולדיק אין זיינע פאַרברעכנס. דאָס האָט אַ טייוול, אַ בייזער רוח צו דעם אים צוגערעדט; עפּעס אַ טייוול, וואָס האָט געוואָלט די וועלט זאָל ווערן אַ גיהנום, ס'זאָל ניט זיין קיין שיינקייט און קיין גערעכטיקייט; אַ טייוול, וואָס האָט געוואָלט צעטרעטן אַלע הייליקייטן כדי ער זאָל קענען די גאַנצע וועלט אין זיינע שוואַרצע נעגל אַריינגעמען. דערפאַר איז מיין מיינונג, אַז מען זאָל אים געבן אַ גרינגערן טויט. דערשיסן! און פּטור אַן עסק.

בערקע האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויפן טיש, אַרומגענומען מיט ביידע הענט דעם קאָפּ און זיך פאַרטראַכט. ס'האָבן פאַר אים געשוועבט די גאַז־אויוונס וואו מען האָט געוואָרפן לעבעדיקע מענטשן. זיי זיינען אומגעקומען מיט אַ שטומען רוף אויף זייערע בלויע ליפּן: נקמה! נקמה! און זייערע ברענענדיקע קערפּערס, האָט זיך אים געדאַכט, לעשן זיך ניט אויס. זיי גליען און גליען, און פון זשאַר סטאַרטשען אַרויס פאַרדריקטע ציין דורך וועלכע עס שפּריצן פונקען און שרייען: נקמה! נקמה!

„אָבער ווי קאָן איך, ווי קאָן איך אים פאַרמשפּטן צו אַן אַנדערן טויט ווי שיסן?" האָט בערקע צו זיך אַליין געזאָגט, און פּלוצים האָט ביי אים אויפגעבליצט אַ געדאַנק:

„איך וועל כאָטש פּרובירן אַרויסקריגן פון אים אַליין זיינע אָפּגע־

טאָגנעע מערדערייען. זאָל ער מיט זיין אייגענער האַנטשריפט אויפשרייבן אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן".

און דעמאָלט איז בערקע זייער רואיק געוואָרן. ער האָט אָוועקגענר־מען די הענט פון זיין קאָפּ און זיך געווענדט צום פאַרברעכער:

— נו, וואָס האָסטו צו זאָגן?

קאַרל האָט געשוויגן, קיין וואָרט ניט געענטפערט. בערקע האָט אים נאָכאַמאָל, שוין מיט אַ העכערן טאָן געפרעגט:

— וואָס איז דיין לעצטער וואונטש?

— איך וויל מען זאָל מיך וואָס גיכער דערשיסן, — האָט ער גע־ענטפערט מיט אַ ציטערדיקער שטים נאָך אַלץ האַלטנדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ווער זיינען דיינע נאָענטסטע? — האָט אים בערקע געפרעגט.

— אַ פרוי מיט דריי קינדער.

בערקע האָט זיך אויפגעשטעלט. אַלע האָבן ברייט צעעפנט די אויגן, אָנגעשפיצט די אויערן און מיט אָפענע מיילער געוואַרט צו הערן דעם אורטייל, נאָר בערקע האָט געלאָסן צום מערדער געזאָגט:

— מיר וועלן דיר דערלויבן צו דיין ווייב מיט די קינדער דעם לעצטן בריוו שרייבן. אויב דו וועסט אין דעם בריוו אויסרעכענען אַלע גרוילטאַטן, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן צו אונדזערע מענטשן, וועט דיין פאַר־לאַנג דערפילט ווערן. און אויב דו וועסט דאָס ניט וועלן טאָן, וועסטו קריגן אַן אַנדערן טויט.

די מענטשן אין געריכט־צימער זיינען געוואָרן אומרואיק, זיי זיי־נען ניט געווען פאַר דעם, אַז מען זאָל אים דערשיסן. ס'איז געוואָרן אַ שטילער גערודער, אַ שושקעריי.

— מען דאַרף פון אים לעבעדיקע שטיקער רייסן! — האָבן טייל אָנגעהויבן רעדן.

בערקע האָט געבעטן דעם עולם צו זיין שטיל. און אַזוי ווי זיי האָבן אים אויסגעקליבן פאַרן ריכטער, האָבן זיי אים געפאָלגט, און ס'איז באַלד שטיל געוואָרן. אָבער קיינער פון די אָנוועזנדיקע האָט גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין צוליב וואָס בערקע דאַרף דאָס, אַז דער דייטש זאָל אַליין אויס־שרייבן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. „אַלע ווייסן דאָך", האָבן זיי ביי זיך געטראַכט. און ס'האָט אַן אומצופרידנקייט אין זיי אויפגעברויזט פאַרוואָס דער מערדער וועט קריגן אַזאַ גרינגן טויט.

קאַרל האָט געוואוסט, אַז ער קאָן גאָרניט פאַרלייקענען, אַז דאָס דאָרף ווייסט און געדענקט אַלץ זייער גוט, און די נאָר־וואָס דערמאָנטע

פאַקטן האָבן זיך אים אין קאָפּ אַ מיש געטאָן. דאָס שרייבן וואָלט אים ניט געאַרט. נאָר דאָס, וואָס ער דאַרף אויספאָלגן אַ יידן, דאָס איז ביי אים ערגער פון אַלץ. אָבער ווען ער האָט זיך דערמאָנט וואָס פאַר אַ טויט אַלגאַ פאַדערט פאַר אים און מען קאָן אים נאָך אָט־די פּייניקונג צופּסקענען, איז אים אַ גרויל דורכגעגאַנגען. נאָך אַ פּאָר מינוט טראַכטן האָט ער געזאָגט:

— איך וועל שרייבן.

מען האָט אים צוגערוקט אַ טיש, אים געגעבן אַ פּען, פּאַפּיר און טינט, און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן:

„ליבע פרוי און קינדער! דאָס איז מיין לעצטער בריוו צו אייך. אַנטשולדיקט פאַר די זאַכן, וואָס זיינען פאַר אייך אומוויכטיק צו וויסן. איך בין אָבער אַ געפאַנגענער ביי די פּויערים און איך טו דאָס כדי איך זאָל קריגן אַ גרינגערן טויט.

„נאָר איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז איך באַדויער ניט, וואָס איך האָב געטאָן. איך בין צופרידן, וואָס איך האָב דערפילט די פליכטן, וואָס אונדזער פירער האָט פאַרלאַנגט און דורכגעפירט די אויפגאַבן, וואָס מען האָט אונדז דייטשן געגעבן. איך האָב דאָס געטאָן מיט מיין גוטן ווילן:

„וואו איך האָב נאָר באַגעגנט אַ יידן, האָב איך אים לאַנג ניט געלאָזט לעבן. און אַז מען האָט געדאַרפט זייערע קינדער פירן אין די גאַזקאַמערן, האָב איך זיך ניט אָפּגעזאָגט. איך האָב אַפילו אַליין ניט איינמאָל צו זיי דעם גאַז אַריינגעלאָזט. און ווען אַנדערע ניט־יידישע האָבן זיך געשטעלט קעגן אונדז, האָב איך זיך מיט זיי אויך ניט געשפּילט. ווען צוויי דייטשן זיינען אין דאָרף דערהרגעט געוואָרן פון אויפרייסשטאָף, וואָס עמיצער פון די דאָרפס־לייט האָט אונטערגעלייגט, האָב איך אַרעסטירט ווער ס׳איז מיר אונטערן האַנט אונטערגעקומען, אַריינגעיאָגט עטלעכע צענדליק אין אַ שייער אַריין און דעם שייער אונטערגעצונדן".

ער האָט געשריבן אַלץ שנעלער און שנעלער, ווי ער וואָלט וועלן וואָס גיכער דאָס שרייבן אָפּפּטרן. מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהערט שרייבן. ס׳האָבן מיט אַמאָל אים אַ שפּאַר געטאָן אָן אַ שיר זיינע בעסטיאַלישע מעשים. ווי אַ קנויל האָבן זיי זיך פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט אין זיין געדאַנק. ער האָט אויף קיין פאַל ניט געקאָנט אָפּטיילן איינס פונעם אַנדערן. בערקע האָט באַמערקט, אַז ער וועט שוין מער פון אים ניט קאָנען אַרויסקריגן, האָט ער אים געזאָגט:

— זאָל זיין גענוג. איצט שרייב איבער דאָס זעלבע אויף אַן אַנדער פּאַפּיר. קאַרל האָט זיך פאַרקרימט, פאַרוואָס ער דאַרף ווידער אויספאָלגן

אַ יידן, און אומגערן איבערגעשריבן. דערנאָך האָט אים בערקע געהייסן נאָכאַמאָל איבערשרייבן. קאַרל האָט דערפילט, אַז אַ שוויס האָט פון אים אַרויסגעשלאָגן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס רייצט זיך דער ייד מיט אים, און אַ ביטערער פאַרדרוס האָט זיך אין אים צעברענט. ער האָט געוואָלט אַ וואָרף טאָן די פּען אויף דער ערד. עס האָט אים אָבער אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ דער אורטייל, וואָס אָלגאַ פאָדערט פאַר אים. איז ער גע־וואָרן אַ פּאַרציטערטער. אויב ער וועט ניט אויספאָלגן, וואָס דער ייד הייסט אים, וועט ער אים אפשר מיט אָנגעגליטע אייזנס ברענען זיין לייב. מען וועט אים נאָך אָפּהאַקן די פינגער, אויסשניידן די צונג און אים אויפ־הענגען ביי די פיס. האָט ער שנעל געכאַפּט אַ פּאַפּיר און אָנגעהויבן צום דריטן מאָל איבערשרייבן.

דערנאָך האָט זיך בערקע אויפגעשטעלט. ער האָט גענומען איינעם פון די אָנגעשריבענע פּאַפּירן, פאַרגעלייענט און איבערגעזעצט אויף רו־סיש יעדעס וואָרט, כדי דער עולם זאָל וויסן, וואָס דאָרט איז געשריבן. אַלע האָבן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט און מיט אומגע־דולד געוואַרט אויפן סוף פון משפּט. ווען בערקע האָט פאַרענדיקט דאָס לייענען, האָט ער געזאָגט:

— איין פּאַפּיר וועלן מיר צו זיין ווייב מיט די קינדער אַוועקשיקן. דאָס צווייטע וועט מען אים אין גרוב אַריין מיטגעבן. ווען מען וועט אמאָל אפשר אויף יענעם אָרט אַ ישוב בויען, און מען וועט זיינע ביינער אויסגראָבן, וועט מען דאָרט זיין ירושה געפינען. און די דריטע קאָפּיע וועט אַריין אין מוזיי און וועט אויף אייביק בלייבן ווי אַ פלעק אויף זיין שטאָם.

בערקע האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאַרברעכער און געזאָגט:

— דו ווערסט פאַראורטיילט צו ווערן דערשאָסן!

אַלע האָבן זיך מיט איין מאָל פון די ערטער אויפגעהויבן און אין דער שפּעטער נאַכט האָט מען אים ביז צום פעלד באַגלייט.

.1944

ג

ערגער ווי פאַרלאָרן

נאָכן איבערלייענען דאָס קורצע בריוול פון זיין לאַנדסמאַן הערש־ליבן, האָט דעיוו איינגעקלעמט אין האַנט דאָס בריוול און האָט עס אַזוי שטאַרק געדריקט, ווי ער וואָלט עס וועלן צעקוועטשן, צערייבן אויף שטויב.

זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס, דאָס מויל האָט זיך ביי אים אויסגעקרימט, ווי ער וואָלט פּלוצלינג באַקומען אַ קראַמף.

עס איז נאָך געווען פרי, דעיוו איז געווען איינער אַליין אין זיין געשעפט. ער האָט אַ בליק געטאָן אויפן גרויסן פענצטער, דורך וועלכן עס האָט אַריינגעקוקט אַ גרויער, אומעטיק־פאַרכמורעטער הימל, און האָט אַ טראַכט געטאָן: — אפשר פאַרשליסן די טיר קיינער זאָל ניט אַריינקומען?

ער האָט געפילט, אַז אין דעם מאָמענט וועט ער מיט קיינעם ניט קאָנען קיין וואָרט אויסרעדן.

זיינע בליקן האָבן זיך אָבער באַלד צוריקגעקערט צום בריוול, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרקוועטשט אין האַנט. ער האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, האָט לאַנגזאַם נאָכגעלאָזט די שטייפקייט פון זיינע פינגער, אויסגעגלייכט דאָס איינגעקנייטשטע שטיקל פּאַפּיר און נאָכאַמאָל גענומען לייענען די עטלעכע שורות: אפשר האָט ער דאָס ניט־ריכטיק פאַרשטאַנען, אפשר האָט ער געמאַכט אַ טעות ביים לייענען, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט מיט גרויס ערנסטקייט געקוקט, געלייענט און שטילערהייט אַרויסגעשעפּטשעט די ווערטער פון בריוו, ווי ער וואָלט ניט געטרויט די אייגענע אויגן און גענומען צוהילף די אויערן.

נאָך עטלעכע מאָל איבערלייענען האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס בריוול.

„מיין ברודער! ניין, ניין, ס׳קאָן ניט זיין, עס איז אוממעגלעך!" האָט ער עטלעכע מאָל אַ צערודערטער איבערגעחזרט. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון שטול און נערוועז אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק.

מיטאַמאָל האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט ביים טיש, גענומען דעם קאָנווערט און נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם אַדרעס: „אפשר איז דאָס

גאָר ניט צו מיר", איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק.

ער זעט אָבער פּאָרט: „דעיוו ווייַנפעלד". יאָ, עס איז זיין נאָמען, זיין אַדרעס. און ער קען דאָך דעם בריוו־שרייבער אויך.

— וואָס־זשע קאָן דאָס זיין? האָט ער ווידער מיט אומגלויבן צו דעם, וואָס ער האָט איבערגעלייענט, געזאָגט צו זיך אַליין: — אפשר האָט מיר עמיצער געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל? ער האָט ניט געקאָנט צולאָזן צום געדאַנק, אַז דאָס וואָס מען שרייבט אים, איז טאַקע וועגן זיין ברודער.

ער האָט נאָכאַמאָל גענומען דאָס בריוול און איינגעגראָבן די אויגן אין דער אונטערשריפט. יאָ, עס איז פּאָרט הערש־לייב מאָרגנשטערן, אַן אָנגעזעענער מענטש אין דער היימישער שטאָט. „קאָן ידען געמאָלט זיין, אַז ער זאָל שרייבן אַזאַ בלבול, וואָס זאָל מיר פאַרשאַפן אַזויפיל ווייטיק?" האָט ער נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס וואָס מען לאָזט אים וויסן וועגן זיין ברודער איז אמת.

— איך וועל אָנשרייבן אַ בריוו צו הערש־לייבן, — איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. — איך וועל אים בעטן ער זאָל מיר שרייבן, וואָס און פון וואַנען ער ווייסט דאָס. אַזוי לאַנג, ווי איך וועל ניט האָבן קיין ריכטיקע באַווייזן מיט אַלע איינצלהייטן, קאָן איך ניט גלויבן.

אָט דער געדאַנק האָט דעיוון געבראַכט אַ דערלייכטערונג, ווי עפּעס אַן אומבאַשטימטע טרייסט, אַ פונק פון האָפענונג, אַז ער וועט קריגן אַן ענטפער, אַז די גאַנצע מעשה איז עפּעס אַ ווילדע מיספאַרשטענדעניש, אַז דאָס איז גאָרניט ז י י ן ברודער, מען האָט גאָר געמיינט אַן אַנדערן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט, ווי זיין לאַנדסמאַן בעט אים אין די ערשטע שורות פון דעם ענטפער, ער זאָל אים אַנטשולדיקן פאַרן טעות, וואָס ער האָט געמאַכט.

דעיוו האָט צונויפגעלייגט דאָס בריוול פון זיין לאַנדסמאַן און געוואָלט עס אַריינלייגן אין בוזים־קעשענע. האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, אַז דאָרט ליגט דאָס פּאַפּיר מיט די אויסגעשריבענע נעמען פון זיין גאַנצער פאַמיליע. ער האָט דאָס בריוול שנעל אַוועקגעכאַפּט פון דער בוזים־קעשענע, ווי עס וואָלט געווען אַן אומריינע זאַך, וואָס קאָן פאַרשוועכן די נעמען וואָס זיינען אים ליב און טייער.

אַ שטיק צייט נאָך איידער די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָט דעיוו געהאַט אויסגעשריבן אַלע נעמען פון זיין גאַנצער משפחה, וואָס ער האָט געלאָזן אין פּוילן. די ערשטע אויפן צעטל זיינען געווען זיינע זעקס ברידער, פיר שוועסטער, די שוועגערנס, די שוואָגערס מיט זייערע קינדער. דערנאָך זיינען געווען אויסגערעכנט די פעטערס, די מומעס מיט זייערע קינדער און קינדס־קינדער.

ערגער ווי פאַרלאָרן

ער פלעגט אָפטמאָל אַרויסנעמען דאָס צעטל און איבערקוקן עס. ער האָט ליב געהאַט צו דערמאָנען זיינע נאָענטע און איז געווען צופרידן צו האַלטן זייערע נעמען נאָענט צו זיין האַרצן. ער האָט זיך געפּרוווט דער־מאָנען און פאָרשטעלן ווי אַזוי דער און יענער פון זיין ברודערס אָדער שוועסטערס קינדער האָבן געהייסן און ווי אַלט זיי וואָלטן שוין געדאַרפט זיין. אָפטמאָל האָט ער אַפילו גענומען צו הילף זיין פרוי ציליען און האָט צוזאַמען מיט איר נאָכגעטראַכט, גערעכנט און קאָנטראָלירט, צי ער האָט עמיצן ניט פאַרגעסן.

אָט האָט זיך שוין די מלחמה ענדלעך געענדיקט. דעיוו הייבט באַלד אָן זיך נאָכפרעגן און זוכן זיינע אייגענע. ער גייט צום רויטן קרייץ, צו פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און לאַנדסמאַנשאַפטן, גיט אַריין אַנאָנסן אין צייטונגען און האָפט: אפשר וועל איך פאָרט געפינען אָן אייגענעם, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דעם האַקן־קרייץ.

די גאַנצע זעכצן יאָר, זינט דעיוו ווײַנפעלד איז געקומען קיין אַמע־ריקע, האָט ער געשטרעבט צו האָבן לעבן זיך אַ שוועסטער, אָדער אַ ברו־דער.

דורך די מלחמה־יאָרן איז דעיוו געוואָרן גאַנץ פאַרמעגלעך. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווער עס וועט נאָר בלייבן לעבן פון זיין גרויסער משפּחה אין פּוילן, וועט ער זיי אַריבערנעמען קיין אַמעריקע, וואָס דאָס זאָל אים ניט קאָסטן.

ער דערוויסט זיך, אַז זיינע אַ שוועסטער האָבן די דייטשן פאַר־שמיסן צום טויט פאַר פּרוּוון קריגן נאָך אַ פאַרציע זופּ פאַר אירע קינ־דער. וועגן די אַנדערע קאָן ער גאָרניט אויסגעפינען. גייט ער אַרום אַ פאַרצווייפלטער מיט אַ פאַרוואונדעט האַרץ.

— אַזאַ גרויסע משפּחה און קיין זכר איז ניט פאַרבליבן, — קלאָגט ער זיך פאַר זיין ווייב, ציליען, און זי פּרוווט אים טרייסטן:

— מען קאָן נאָך ניט וויסן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עמיצער וועט זיך נאָך פאָרט אָפּזוכן . . .

אין אַ צייט אַרום געפינט ער אויס, אַז אייניקע פון זיינע שוועסטער־קינדער האָבן זיך געראַטעוועט. יעדעס מאָל, ווען ער האָט עמיצן אויס־געפונען, האָט ציליע מיט באַנייטער פרייד געטרייסט איר מאַן:

— זעסט, מען דאַרף ניט פאַרלירן די האָפענונג, וועסט נאָך געפינען די שוועסטער און ברידער אויך.

און איינמאָל איז טאַקע אָנגעקומען אַ פאַרחתמהטער בריוו. דעיוו האָט אַ קוק געטאָן אויפן אַדרעס, דערזען דעם נאָמען „פעלעק ווײַנפעלד״

בעלאַ גאָלדווירט

האָט ער אַ געשריי געטאָן: — ציליע, אַ בריוו פון מיין ברודער פייוול!

ציליע איז פון אַ צווייטן צימער אַריינגעלאָפן. ביידע האָבן מיט אַ פריידיקן ציטער אָנגעהויבן לייענען:

„ליבער ברודער און שוועגערין:

„איך מיט מיין פרוי און מיינע דריי קינדער לעבן, אָבער דער טויט לויערט נאָך אַלץ איבער מיין קאָפּ. איצט ביסטו דער איינציקער, וואָס קאָן מיך ראַטעווען. אויב דו ווילסט איך זאָל בלייבן לעבן מוזטו מיך וואָס גיכער אַרויסנעמען פון אייראָפּע".

דערצו שיקט ער צו נאָך געוויסע פרטים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן ראַטעווען זיין לעבן.

דעיוו און ציליע באַוואונדערן מיט טיפער פרייד דעם גרויסן נס, וואָס נאָך אַזאַ חורבן איז פאַרט געבליבן לעבן אַ גאַנצע פאַמיליע פון זייער משפחה.

דעיוו פאַרלירט ניט קיין צייט. ער הייבט אָן באַלד אַרבעטן וועגן אַריבערנעמען דעם ברודער מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע. ער איז גליקלעך וואָס עס האָט זיך אָפּגעזוכט זיינער אַ לעבעדיקער ברודער און טיילט זיין גליק מיט אַלע זיינע פריינט, באַקאַנטע און לאַנדסלייט. יעדערן זאָגט ער אָן די בשורה: „איך האָב געפונען אַ ברודער". מענטשן באַגריסן אים און ווינטשן ער זאָל אין גיכן זען זיין ברודער מיט דער פאַמיליע ביי זיך אין דער היים.

ווען עס באַוויזן זיך אויסזיכטן, אַז פעלעק זאָל אינגיכן שוין באַקומען די אַמעריקאַנער וויזע, הייבט דעיוו אָן באַצייטנס פאַר אים זוכן אַ דירה. ער לאָזט זיך קאָסטן אַ סך געלט און מיט גרויסע שוועריקייטן האָט ער באַקומען אַ וואוינונג. ער באַשטעלט אויך מעבל און באַשטימט אין זיין געדאַנק, ווי ער וועט זיי אויסקליידן ווי נאָר זיי וועלן אַראָפּ פון שיף.

„עטלעכע חדשים וועל איך דעם ברודער גאָר ניט לאָזן טאָן. זאָל ער זיך גוט אויסרוען, קומען צו זיך נאָך די שוידערלעכע איבערלעבונגען", — האָט דעיוו געטראַכט.

און פּלוצלינג איז געקומען דער בריוו פון דעם לאַנדסמאַן, וואָס האָט געמאַכט אַ תל פון אַלע זיינע טרוימען. ער האָט דעם לאַנדסמאַן תיכף געענטפערט. אָבער וואַרטנדיק אויף אַ צווייטן בריוו, האָט ער אויפגעהערט צו שלאָפן, ניט געקאָנט עסן, איז געוואָרן פאַרענדערט און האָט מיט קיינעם מער ניט געוואָלט רעדן וועגן זיין ברודער.

ציליע האָט גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מיט איר מאַן איז גע-

שען. איינמאָל האָט זי צו אים געזאָגט:

— דעיוו, איך וויל דו זאָלסט אַריינגיין צו אַ דאָקטער, עפּעס זעסטו אויס די לעצטע צייט ניט מיט אַלעמען.

דעיוו וואַרפט אַן אומצופרידענעם בליק אויף זיין ווייב, ווי עס וואָלט אים פאַרדראָסן פאַרוואָס זי פאַרשטייט ניט, אַז אַ דאָקטער קאָן אים ניט העלפן. ער האָט שטיל, ווי אין זיך, אַ זאָג געטאָן:

— אַן איינפאַל, גיין גאָר צו אַ דאָקטער . . .

דערציילן ציליען, וואָס אים דריקט, האָט ער ניט געקאָנט. ער וועט וואַרטן ביז עס וועט קומען דער ענטפער פון הערש־לייבן, — האָט ער געטראַכט, און האָט זיך געפּרוּווט טרייסטן מיט דער האָפענונג:

— ס'איז אַ ליגן. די גאַנצע מעשה הייבט זיך גאָרניט אָן. ווי קאָן איך דאָס גאָר צולאָזן צום געדאַנק? — האָט ער זיך געמאַכט פאַרוואורפן. — איך קאָן דען ניט מיין ברודער? ווען איך האָב אים איבערגעלאָזט, איז ער אַלט געווען דריי־און־צוואַנציק יאָר. אמת, אַרבעטן האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט. ער האָט זיך געדרייט ביים טאַטן אין דער מיל און דער טאַטע האָט אַלעמאָל צו אים געהאַט טענות, אַז ער גיט אַרויס מעל און נעמט־צו פאַר זיך דאָס געלט. — האָט דעיוו אָנגעהויבן דערמאָנען זיך וועגן זיין ברודער פעלעק. אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אַנדערע זינדלעך פון פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן אויך ניט געוואָלט אַרבעטן און געשלעפּט ביי זייערע טאַטעס. „דאָס איז דאָך שוין ניט וויכטיק, — האָט ער געטראַכט, — אָבער אַ גוטער יונג איז ער שטענדיק געווען".

ענדלעך איז פון פּוילן אָנגעקומען דער ענטפער. דער צווייטער בריוו איז שוין געווען אונטערגעשריבן ניט פון הערש־לייבן אַליין, נאָר פון נאָך צוויי אָנגעזעענע יידן פון שטאָט, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאַצישע נעגל. אין עטלעכע שורות איז אַלץ דייטלעך און קלאָר אַרויסגעזאָגט געוואָרן:

„דוד, זיי וויסן, אַז ביי אונדז איז פאַרשריבן, פאַרצייכנט יעדע אומרעכט, וואָס דיין ברודער פעלעק ווינפעלד האָט געטאָן צו אונדזערע שוועסטער און ברידער אין דער געטאָ. מיר ווייסן זיכער און גענוי ווער עס איז דורך אים געוואָרן געפּייניקט און אומגעקומען. אונדזער פאָלק וועט קיינמאָל אַזעלכע ניט מוחל זיין, און אויב דו וועסט אים איצט שטיצן, וועסטו אַ שותף צו זיינע פאַרברעכנס".

נאָך דעם האָט שוין דעיוו מער ניט געקאָנט צווייפלען: „מיין ברודער איז אַ פאַר־רע־טער", ער האָט דאָס שענדלעכע וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען פאַר זיינע ליפּן. דאָס וואָרט האָט אים געשטיקט אין האַלדז.

בעלאַ גאָלדווירם

די בריוו האָט ער אויף פּיץ־פּיצלעך צעריסן. ער האָט געוואָלט אָפּ־מעקן, פאַרניכטן יעדעס וואָרט פון זיי, אָבער די ווערטער האָבן זיך, ווי פּיאַווקעס, איינגעזויגן אין זיין מאַרך און האַרץ און געצאַפּט זיין בלוט.

געפילן און געדאַנקען האָבן ווי כוואַליעס אין אַ שטורמישן ים געַ־בראַזעט ביי דעיוון און זיך געשלאָגן איינע מיט די אַנדערע.

„אַ ברודער, אַן אייגענער לייבלעכער ברודער, ווי קאָן מען נ י ט העלפן אים אין אַזאַ צייט? און די קינדער זיינע ליידן דאָך אויך. וואָס זיינען קינדער שולדיק? איך מוז אים ראַטעווען צוליב די קינדער", — האָט דעיוון געשטויסן דער ברודערלעכער געפיל.

„און אפשר איז ער אַליין אויך ניט אַזוי פיל שולדיק, ווי מען מאַכט אים?" — האָט נאָך אַ געפיל אים אונטערגעהאַלטן, — אפשר האָט אים די מורא פאַרפירט, ווען ער האָט מיט זיינע אויגן אַליין געזען די שווי־דערלעכסטע פּייניקונגען? ווער איז אימשטאַנד צו באַגרייפן, וואָס אין אַזאַ צייט קאָן מיט אַ מענטש פאַרקומען? איז ווי קאָן מען, ווי טאָר מען באַשולדיקן?" — האָט דער ברודער־געפיל געפּרואווט אין זיין געדאַנק אַריינדרינגען. ער האָט געוואָלט געפינען עפּעס אַ זכות, וואָס זאָל אים העלפן אין זיין צרה, וואָס זאָל אים געבן די באַרעכטיקונג ניט איבערצו־טראַכטן און העלפן פעלעקן מיט זיין פאַמיליע.

אין דער זעלבער צייט איז אין אים אויפגעקומען אַ געדאַנק:

„קאָן אַ מענטש צוליב ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן פּייניקן שוועס־טער און ברידער, אומשולדיקע קינדער? ווי קאָן מען, ווי קאָן מען? דאָס איז דאָך גרויליקער פון אַלע גרוילן! — האָט ער אויפן קול צו זיך אַליין אויסגערופן און זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, פאַר־געסנדיק אויפן מאָמענט, אַז עס גייט וועגן זיין אייגענעם ברודער.

נאָר באַלד האָט אים טאַקע ווידער אַ כאַפּ געטאָן דער ברודער־געפיל:

„אפשר האָט ער גאָר מיט דעם, וואָס ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער דינט די היטלער־מערדער, געמיינט צו ראַטעווען אַנדערע יידן? אפשר איז ער גאָר אויסן געווען גוטס? מענטשן קאָנען דאָס ניט פאַרשטיין, ווילן ניט איינזען, אָבער ער איז דאָך מיין ברודער, דאַרף איך דאָך אים פאַרשטיין... יאָ, איך וועל אים העלפן. איך מוז אים ראַטעווען".

און ווידער האָט זיך אין אים געשפּאַרט אַן אַנדער געדאַנק, וואָס האָט ווי אַ שפּיז אים געשטאָכן:

„און די פאַרפּייניקטע, די אומגעקומענע — וואָס פאַראַ פאַרענטפער־רונג קאָן מען האָבן פאַר זיי? זיי קאָנען דאָך שוין קיינמאָל ניט מוחל זיין..."

ווען דעיוו איז אַמאָל ביינאַכט איינגעשלאָפן, האָט זיך אים געחלומט,

ערגער ווי פאַרלאָרן

אַז די ערד האָלט זיך אין שפּאַלטן און פון די טיפענישן האַלטן אין אײַן אַרויסקומען נייע און נייע קדושים און אַלע לאָזן זיך צו פעלעקן און שרײַען מיט באַנומענע קולות צו אים: „קום, קום מיט אונדז, מען וואַרט אויף דיר, מען דאַרף דיך משפּטן!"

און ער, דעיוו, פּרואווט אים באַהאַלטן. אָבער די מתים לאָזן ניט אָפּ, זיי האָבן אים אַרומגערינגלט און אַזוי לאַנג זיך געשטופּט און זיך געריסן צו אים, ביז דעיוו האָט דערפילט, אַז ער האָט פאַרלאָרן די כוחות און קאָן זיך שוין מער מיט זיי ניט ראַנגלען... און אין גרויס פאַרצווייפלונג האָט דעיוו אַרויסגעבראָמט: איך האָב ניט קיין ברודער, איך האָב ניט קיין ברודער!

ציליע האָט זיך אויפגעכאַפּט, מיט גרויס שרעק געוועקט איר מאַן און אים געפרעגט:

— דעיוו, וואָס איז געשען, ס'האָט זיך דיר עפּעס געחלומט...

דעיוו האָט אָן עפן געטאָן די אויגן, אַ שווערן זיפץ געטאָן, ווי ער וואָלט מיטן זיפץ אַרויסגעהויכט פון זיך אַ שטיק ווייטיק און שטיל, ווי אין זיך, איבערגעחזרט:

„איך האָב נישט, איך האָב נישט קיין ברודער".

ציליע האָט זיך נאָך מער דערשראָקן. זי האָט געמיינט, אַז ער איז געווירט געוואָרן פון זינען. זי האָט אים אָנגעהויבן באַרואיקן:

— דעיוו, וואָס רעדסטו, דו האָסט דאָך געפונען דיין ברודער, פעלעקן האָסטו דאָך, האָסט אים ניט פאַרלאָרן...

דעיוו האָט איינגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן און האָט מיט אַ פאַרשטיקטער, כליפּענדיקער שטימע אַרויסגעשטאַמלט:

— ציליע, איך האָב מורא, אַז פעלעק איז פאַר אונדז נאָך ערגער ווי פאַרלאָרן...

איך וויל נישט ווערן אַנדערש...

דער האַס צו די נאַציס האָט ניט אויפגעהערט גליען ביים ניט־לאַנג אַריבערגעקומענעם אַכט־און־צוואַנציק יאָריקן ישראליק.

וואו ער זאָל נישט האָבן געקומען, ווען ער זאָל נישט האָבן געטראָפן, האָט ער דערציילט וועגן די נאַצישע אומבאַשרייבלעכע אכזריותן.

העני און סעם סטיינבערג, די טאַנטע און דער אָנקל, וואָס האָבן אים אַריבערגענומען אַהער קיין אַמעריקע, האָבן אַ סך מאָל זיך פאַרענטפערט פאַר זייערע פריינט, וואָס ישראליק פאַרשאַפט זיי יסורים מיט זיינע רייד. די טאַנטע האָט טאַקע גאַנץ אָפט געפּרוּווט אים אָפּשטעלן:

— זאָל מען בעסער רעדן פון פריילעכע זאַכן. וואָס ווייניקער מען דערמאָנט וועגן דעם איז געזינטער. עס איז בעסער, אַז מען פאַרגעסט אין דעם אַלעמען.

ווען סעם סטיינבערג איז געווען דערביי, האָט ער זי געטרייסט:

— ער וועט פאַרגעסן, זאָרג זיך נישט. זאָל ער נאָר אָפּזיין אַ שטיקל צייט, וועט ער אַנדערש ווערן. נישקשה, ער וועט פאַרגעסן.

אָט־די ווערטער האָבן ישראליקן געברענט, ווי אַ פייער. ער האָט נאָך שטאַרקער דערפילט דעם באַגער אַראָפּצוריידן זיך פון האַרצן.

אין די נעכט, ווען ער האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן, האָבן זיך אים פאַרגעשטעלט אַלע זיינע שוידערלעכע איבערלעבונגען:

— בין איך דען צוליב דעם ניצול געוואָרן פון די מערדער, כדי איך זאָל אין אַלעמען פאַרגעסן? — פלעגט ער ביי זיך פרעגן.

ער האָט זיך דערמאָנט: ווען די געפאַרן האָבן אויף אים געלויערט, און ער האָט געזען דעם טויט פאַר די אויגן, איז זיין לעבן ביי אים דעמאָלט ניט געווען די הויפּט־זאַך. ער האָט דווקא געוואָלט בלייבן לעבן, כדי ער זאָל קאָנען נעמען נקמה. נאָר דאָס האָט אים געשטאַרקט, געגעבן אים כוחות דאָס אַלץ איבערצוטראָגן.

אַזוי האָט ישראליק געגלויבט, ווען ער האָט וועגן דעם געטראַכט. און איצט רעדן אים איין די טאַנטע און דער אָנקל, אַז ער דאַרף נאָר טראַכטן וועגן אייגענעם וואוילזיין, פאַרגעסן וואָס עס איז געווען.

איין טאָג איז ישראליק ניט אַרויס פון שטוב. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, אַ פאַרטראַכטער.

איך וויל ניט ווערן אַנדערש

די טאַנטע האָט אים געזאָגט:

— סרולקע, — אַזוי האָט זי אים גערופן, — פאַר־צו צום אָנקל אין שאָפּ אַריין, הויב זיך אָן צו באַקענען מיט דער עמברוידערי־מאַשין.

ער האָט נערוועז אַ זאָג געטאָן:

— נישט היינט, נישט היינט.

פאַרנאַכט איז געקומען דער אָנקל. ער האָט אין קאָרידאָר געלאָסן אויסגעטאָן דעם מאַנטל מיטן הוט און מיט פאַמעלעכע טריט געשלעפּט זיין שווערן גוף צו דער קיך. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל, אַ קוק געטאָן אויפן זאַטן טיש. ס'איז דאָרטן געשטאַנען צוגע־גרייט: גרעיפּפרוכט, געהאַקטע לעבערלעך מיט שמאַלץ און אַ טעלער פול מיט פאַרשיידענע גרינסן. האָט ער מיט צופרידנהייט אַ גלעט געטאָן זיין באַקעטן קאָפּ און איז אַריינגעגאַנגען אין באַד־צימער זיך אָפּוואַשן די הענט. גייענדיק צוריק האָט ער באַמערקט, ווי ישראליק שטייט פאַר־טראַכט, גיט ער צו אים אַ זאָג:

— נישט געזאָרגט, ישראליק, אין אַמעריקע איז נאָך דערווייל פאַ־ראַן וואָס צו עסן. קום אַריין, וועלן מיר נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

דער אָנקל איז געגאַנגען פאָראויס און ישראליק איז אים נאָכגעגאַנ־גען. סעם סטיינבערג האָט אַרויסגענומען פון קיך־שענקל אַ פלעשל משקה, אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך און זיך געזעצט צום טיש. ישראליק האָט זיין גלעזל ניט אָנגערירט, ער האָט יענעם אָוונט ניט געקאָנט עסן.

דער אָנקל האָט אַריינגעלייגט די אויגן אין טעלער און זיך פאַסמאַ־קעוועט מיט די געהאַקטע לעבערלעך. די טאַנטע האָט געהאַלטן אין איין קוקן פון דער זייט אויף ישראליקן. זי האָט געזען, אַז ער עסט ניט, אַז ער איז אומרואיק, אָבער זי האָט זיך גאָרניט ווייסנדיק געמאַכט.

נאָך דער פאַרשפּייז האָט העני דערלאַנגט אַ סטעיק מיט מערעלעך, גרינע אַרבעסלעך, ברוינע, געפּרעגלטע קאַרטאָפלעלעך, און אַ „פּו־דינג" אויף אַ באַזונדערן טעלער. סעם האָט מיט הנאָה באַקוקט דאָס שפּייז אויפן טעלער, און מיט גרויס אַפּעטיט אויף דאָס ניי זיך גענומען צום עסן.

דעם אָנקלס פולע באַקן האָבן זיך געהויבן, געבלאָזן ביים קייען די שטיקער סטעיק, וואָס ער האָט געלייגט איינס נאָכן אַנדערן אין מויל אַריין.

י ש ר א ל י ק האָט מער נישט געקאָנט איינזיצן. עס האָט אים געהויבן פון אָרט. ער האָט זיך נאָך פאַרן קאָמפּאָט אויפגעהויבן פון טיש און איז אַריינגעגאַנגען אין אויפנאַם־צימער. מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ האָט ער אָנגעהויבן גיין הין און צוריק. אַ פּאַס שוואַרצע האָר איז אים אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן. זיין מיטל־וואוקסי־

בעלא גאָלדווירט

קער קערפּער האָט אויסגעזען קלענער, ווי ער איז געווען אין דער אמתן.

ווען דער אָנקל האָט פאַרענדיקט דאָס עסן, האָט ער זיך אַביסל אָפּ־גערוט, דערנאָך איז ער אויך אַריינגעגאַנגען אין אויפנאָם־צימער. ער האָט זיך שווער אַריינגעזעצט אין דער ווייכער אָרעם־שטול, אויסגעצויגן די פיס אויף אַ קליין פוס־בענקעלע, מיט בײדע הענט געעפנט אַן ענגלי־שע צייטונג און אַריינגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אין דער ביזנעס־וועלט.

ישראליק האָט געקוקט אויפן אָנקל און געוואָלט אים עפּעס זאָגן. מיט אַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און צוויי מענער זיינען אַריינגעקומען. סעם האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג אויף די קני. איינער פון די אַריינ־געקומענע האָט אַ זאָג געטאָן:

— ווי געפעלט אייך די נעכטיקע געים? ווען איך האָב געהאַט „צוויי פּאָר", האָט מעקס געהאַט „דריי עיסעס" . . .

— נו, און ווען איך האָב געהאַט „אַ פולע הויז", האָסטו געהאַט אַ „ראָיעל פלאָש" — האָט דער צווייטער אים געענטפערט.

סעם האָט זיך געחכמהט:

— וואָס דאַרפט איר רעדן פון נעכטיקן טאָג? באַלד וועלן אַריינ־קומען מעקס און בעני, וועט מען איבערשפּילן.

יענע זיינען טאַקע באַלד אַריינגעקומען. אַלע האָבן זיך אַוועקגע־זעצט אַרום אַ גרויסן טיש.

מעקס מיט די קרומע אויגן האָט באַלד אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל קאָרטן. ער האָט געמישט און געמישט די קאָרטן מיט זיינע קורצע, גראָבע, ווי „געשוואָלענע" פינגער און אומצופרידן געקוקט אויפן פאַר־טראַכטן ישראליקן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שפּאַנען מיט גרויסע טריט איבערן צימער.

די אַנדערע האָבן נאָך אַלץ גערעדט פון נעכטיקן פּויקער־שפּיל.

מעקס האָט, ווייזט אויס, ניט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס ישראליק דרייט זיך איבער דער שטוב, גיט ער צו אים אַ זאָג:

— ישראליק! פאָלג מיר, וואַרף אַוועק דיינע „יוראָפּישע איידיעס" און קום בעסער זעץ זיך אַוועק און „נעם אַ האַנט". אַמעריקע איז ניט יוראָפּ. דאָ זעט מען צו מאַכן אַ לעבן און דאַצאָל.

ישראליק האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט מיט אַ שאַרפן בליק אָנ־געקוקט דעם קליין־געוויקסיקן צעגאָסענעם מעקסלען. ס'האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט זאָגן:

— „ווי איז צו אייך, וואָס איר האָט געלאָזט איינשרומפּן אייערע הערצער און צעוואַקסן אייערע גופים".

ער וואָלט געקאָנט זיי נאָך אַ סך, אַ סך זאָגן, נאָר עפּעס אַ כוח האָט

איך וויל ניט ווערן אַנדערש

איינגעהאַלטן אין אים די רייד. און כאָטש ער האָט זיי גאָרניט געזאָגט, דאָך האָבן אַלע ביים טיש געפילט, אַז ישראליק האָט אויף זיי אַ האַרץ. איינער מיטן אַנדערן האָט זיך איבערגעקוקט, אָבער קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. אייניקע האָבן אָנגענומען אַ שפּיץ פון זייער איבער־געדרייטער, אונטערשטער קאָרט, אַ בליק געטאָן און רואיק געזאָגט: — „פּעס". אַנדערע האָבן גאָרניט געקוקט און ניט געעפנט דאָס מויל, נאָר לייכט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער אין טיש, וואָס דאָס האָט אויך גע־מיינט, אַז ער „פּעסט". מעקס האָט שוייגנדיק געטיילט קאָרט נאָך קאָרט. ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן מיט מער אינטערעס צו שפּילן.

ישראליק האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן און ווידער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט לאַנג אויף זיי געקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט אויף זיי כאָטש אַ סימן פון דעם צער, וואָס ער טראָגט אין זיך. זיי האָבן זיך אָבער מער שוין ניט אומגעקוקט אויף אים. מען האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט גראָ־בע רייד און זיך געהיצט.

פּלוצלינג האָט ישראליק אויפן קול האַסטיק אַ זאָג געטאָן:

— ניין! דאָ קאָן איך נישט בלייבן. איך מוז פון דאַנען אַוועק־פאָרן!

די טאַנטע האָט דערהערט אין קיך די ווערטער, האָט זי אַ וויג גע־טאָן איר לייביקן גוף. זי איז צוגעגאַנגען צום אויפנאַם־צימער און איז געבליבן שטיין אין דער טיר מיט פאַרלייגטע הענט אויפן הויכן בוזעם.

איינער פון די קאָרטן־שפּילער האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— ער איז אַרונטער פון זינען, צעמישט געוואָרן.

ישראליק האָט די ווערטער מער דערפילט, ווי דערהערט. ער האָט זיך געגעבן צו זיי אַ דריי אויס און נאָך אַ העכערן געשריי געטאָן:

— ניין, איך בין נישט משוגע!

די טאַנטע האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין געשריי, און מיט אַ בעטנ־דיקן טאָן געזאָגט:

— וואָס רעדסטו, סראָלקע, דו האָסט זיך נאָך דאָ ניט אַנגעוואַרעמט און דו ווילסט שוין אַנטלויפן?

ישראליק האָט איינגעקלאַמערט זיינע פינגער איינס אין אַנדערן און זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך וועלן אין עפּעס דערמאָנען. דער טאַנ־טעס ווערטער: „האָסט זיך נאָך דאָ ניט אָנגעוואַרעמט", זיינען אים אַריין אין קאָפּ אַריין.

„איך קאָן זיך דען אָנוואַרעמען לעבן די־אָ, וואָס זיצן מיטן אָנקל ביים טיש?" — האָט ער זיך אַליין געפרעגט.

ער האָט ווידער אָנגעהויבן אימפּעטיק שפּאַנען איבערן צימער. און

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז אַלץ אַרום איז קאַלט, קאַלט, ווי אײַז. ווי די ערד וואָלט אונטער אים געפרוירן און ער האָט מורא, ער זאָל ניט פאַר־גליווערט ווערן.

— זײַ רואיק, ישראליק, איך וועל דיר אַרײַנגעמען צו מיר אין שאָפּ, וועסט מאַכן אַ דאָלער, ס'וועט דיר דאָ גאָרנישט פעלן, — האָט סעם סטײַנבערג געזאָגט און דערווײַל זיך באַרימט פאַר זײַנע מיטשפּילערס מיט זײַן גוטסקײַט צום פּלימעניק.

דעם אָנקלס רייד האָבן ישראליקן אויף דאָס נײַ אַ ברען געטאָן. ער האָט פון דער זײַט געגעבן אַ קרומען קוק אויף אים און דורך פאַרקריצטע ציין איבערגעחזרט די ווערטער:

— „איך וועל מאַכן אַ דאָלער, ס'וועט מיר גאָרנישט פעלן. איך וועל האָבן אַ גראָבן סטעיק, אַ גרויס שטיק פלייש, איך וועל זיך קאָנען אָנגיסן מיט שמאַלץ, זיך פאַרפעטסן, אַז דאָס האַרץ זאָל זיך ניט קאָנען רירן".

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן שטוב און אַ זאָג געטאָן הויך צו דער טאַנטע, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפן אָנקלס שטול:

— דאָ איז מען צופיל פאַרקאַכט אין געשעפט, אין געלט, אין אייגע־נע פאַרגעניגנס. איך קאָן ניט, איך קאָן דאָ ניט זײַן, איך מוז פון דאַנען אַנטלויפן.

דער אָנקל האָט געלאָזט ליגן די קאָרטן און זיך אויפגעהויבן פון טיש. ער איז צוגעגאַנגען צו דער סאָפע און זיך דאָרט אַוועקגעזעצט. די אַנדערע האָבן זיך אויך באַלד אויפגעהויבן. מיט אומצופרידנקייט אויף די פּנימער, וואָס דאָס שפּילן איז זיי צעשטערט געוואָרן, האָבן זיי געזאָגט: „גוד־נאַיט" און זײַנען אַוועק.

דער אָנקל האָט צונויפגעלייגט זײַנע גרויסע הענט, ווי אַ קינד, וואָס גייט מאַכן „פּאַטשע קיכעלעך" און איבערגעזאָגט זײַנע אַלטע גוט־באַ־קאַנטע ווערטער:

— וועסט אָפּזײַן דאָ אַ שטיקל צייט, וועסטו אַנדערש ווערן.

ווי ער וואָלט זיך פאַר די ווערטער דערשראָקן, האָט ישראליק אַן אויפגעציטערטער ווידער אויסגעשריגן:

— איך וויל ניט ווערן אַנדערש! איך וויל קיין זאַך ניט פאַרגעסן. איך וויל זײַן ווי איך בין. איך קאָן ניט פאַרגעסן. איך קאָן ניט פאַרגעבן.

די טרער

סאַל סמיט האָט זיך דערוואוסט, אַז אין פּאַריז איז לעבן געבליבן זיין שוועסטערס אַ מיידעלע. אַ קריסטלעכע שכנה האָט זי אויסבאַהאַלטן. האָט ער באַלד געזאָגט צו זיין ווייב:

— סערע, איך גיי מאָרגן אויספילן אַן „אַפּידעיוויט" אַריבערצונע־מען דאָס קינד.

סערע האָט געוואוסט, ווי איבערגעגעבן איר מאַן איז געווען צו זיין משפחה און ווי שטאַרק ער האָט ליב געהאַט זיין שוועסטער. די ידיעה, אַז פון זיין גאַנצער משפחה איז בלויז געבליבן דאָס איינציקע קינד, האָט פאַרקלעמט איר האַרץ און זי האָט ניט געקאָנט קיין וואָרט אויסרעדן.

סאַל איז פון די בייעס גאָר שטאַרק גערירט געוואָרן. זיין טונקל, דין פּנים איז טונקעלער און דינער געוואָרן; די זעקעלעך אונטער זיינע אויגן זיינען געוואָרן פולער, ווי זיי וואָלטן געשוואָלן געוואָרן.

נאָך מינוטן פון שווייגן האָט סערע געזאָגט צום מאַן:

— אַוודאי טוסטו אַ גלייכע זאַך, וואָס דו גייסט באַלד צוגרייטן די „פּעיפּערס" זי אַריבערצונעמען.

סאַל האָט אַ גלעט געטאָן זיינע גלייכע האָר אויפן קאָפּ, וואָס זיינען שוין אַרום די אויערן געווען היפּשלעך גרוי און האָט ווייטיקדיק צוגע־געבן:

— זי מוז דאָך קומען צו אונדז, וואו אַנדערש קאָן זי זיין?

זיינע קליינע ביר־אויגן האָבן זיך ווי מיט אַ נעפּל פאַרצויגן. עס האָט אָבער פון זיי אַרויסגעשטראַלט אַ פונק פון טרייסט, וואָס כאָטש גע־בליבן איז אַ זכר פון זיין פאַמיליע.

סאַל סמיטס אימפּאָרט און עקספּאָרט געשעפטן, צו וועלכע ער האָט זיך גענומען באַלד נאָך דער מלחמה, זיינען כסדר פאַרגרעסערט געוואָרן. צוליב די געשעפטן זיינע איז ער ביי דער ערשטער געלעגנהייט געפאָרן קיין אייראָפּע.

ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין יתומים־אַנשטאַלט צו זען זיין פּלימעניצע, האָט די צוועלף־יאָריקע קלאָרע נישט געוואָלט צו אים צוגיין. זי איז געשטאַנען פון ווייטנס, געקוקט אויף אים מיט אירע ברוינע, גרויסע אויגן, ווי זי וואָלט ניט געגלויבט, אַז זי האָט נאָך אויף דער וועלט אַן אייגענעם נאָענטן מענטש.

בעלאַ גאָלדוויר ט

זיין שוועסטער איז געווען מיט 8 יאָר יינגער פון אים. ווען זי איז געווען צוועלף יאָר אַלט, האָט זי אויסגעזען פונקט ווי קלאַרע, געדענקט ער. שפּעטער, ווען די שוועסטער איז אויסגעוואַקסן, האָט זי אינגאַנצן אויסגעזען ווי זייער מוטער. ביידע — די טאָכטער און די מאַמע — זיינען געווען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

איצט האָט סאָל דערזען אין קלאַרען אי זיין שוועסטער, אי זיין מוטער. און די ליבשאַפט צום קינד איז אין אים שטאַרק געוואַקסן.

נאָך דעם, ווי סאָל האָט זי שוין געזען עטלעכע מאָל, האָט ער צו איר איינמאָל געזאָגט:

— באַלד, באַלד, מיין קינד, אין גיכן וועסטו זיין אינדערהיים.

די האַרציקע, פּאַטערלעכע ווערטער האָבן קלאַרען געריר ט ביז טרערן. זי האָט מיט ביידע הענט אים אַרומגענומען און איבערגערעדט די ווערטער, ווי זי וואָלט נישט געגלויבט, וואָס זי האָט געהערט:

— א י ך וועל האָבן אַ היים?

זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט, אים אָנגעקוקט און מיט פאַרוואונדערונג איבערגעפרעגט:

— איך וועל שוין מער נישט דאַרפן זיין ביי פרעמדע מענטשן?

— ניין, מיין קינד, וועסט מער ניט דאַרפן זיין ביי פרעמדע. איך וועל דיך אַריבערנעמען קיין אַמעריקע, דו וועסט זיין ביי מיר.

זיין שטים איז ביי די ווערטער געווען ווייכער און צאַרטער, ווי אַלעמאָל. ער האָט געגלעט אירע גלייכע, ברוינע האָר. קלאַרעס אויגן האָבן זיך צעשטראַלט און אַזש פייכט געוואָרן פון איבערגעפילטער פרייד. איר יונג האַרץ האָט זיך געצאַפּלט פון גליק. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אויסדריקן איר איבעררעאַשונג. זי האָט ניט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדן. די ווערטער זיינען ביי איר ווי דערטרונקען געוואָרן אין שטראָם פון גליק.

סמיט האָט דערליידיקט זיינע געשעפטן און זיך געזעגנט מיט זיין פלימעניצע. קלאַרע האָט נאָכדעם מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם גליקלעכן טאָג, ווען זי וועט פאָרן צו איר אָנקל קיין אַמעריקע.

ווען סאָל איז אַהיימגעקומען, האָט ער מיט גרויס באַגייסטערונג געהאַלטן אין איין רעדן פון קלאַרען. סערען האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ הייסער, פּאַטערלעכער געפיל. זי האָט פּלוצלינג דערפילט אַ געפאַלנקייט ביי זיך, וואָס זי האָט ניט געקאָנט אַריינברענגען אין זייער צוזאַמענלעבן די פרייד פון אַ קינד.

עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז אַ מינדערוויכטיקער מענטש. סערע האָט אַלס מיידל ניט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג ביי מענער,

די טרער

און אין אַלגעמיין ניט געווען באַליבט ביי מענטשן.

אַן אויסגעהונגערטע נאָך ליבשאַפט, האָט זי נאָך דער חתונה געוואָלט האָבן פון מאַן אַ סך אויפמערקזאַמקייט. סאַל איז אָבער ניט געווען קיין באַריידעוודיקער ,ניט געווען פון די מענער, וואָס קאָנען געבן קאָמפּלי־מענטן און אַרויסווייזן ליבע צו אַ פרוי. איז סערע די ערשטע צייט אַרומ־געגאַנגען אַ פאַרביטערטע. זי האָט געהאַלטן אין איין האָבן טענות צו סאַלן, אַז ער איז איר ניט געטריי.

איר הויכער, דאַרער קערפּער איז פון ערגערן זיך נאָך דאַרער גע־וואָרן. אויף איר לאַנגן האַלדז האָבן אָנגעהויבן אַרויסטאַרטשען גראָבע, בלויע אָדערן און זיי האָבן זיך נערוועז געצאַפּלט ביים רעדן.

סערע האָט זיך געערגערט, וואָס זי קאָן נישט האָבן קיין קינדער. סאַל האָט פון רחמנות וועגן איר איינמאָל געזאָגט:

— מיך אַרט נישט, וואָס מיר האָבן נישט קיין קינד, און דיר דאַרף דאָס אויך נישט גיין אין לעבן. פאַראַן נאָך אַנדערע באַפרידיקונגען אין לעבן.

ער האָט זי דעמאָלט צאַרט אַרומגענומען און צוגעגעבן:

— דו ביזט ביי מיר אַזוי אויך ליב און טייער.

אָט־די ווערטער ,וועלכע זי האָט זייער זעלטן געהערט פון איר מאַן, זיינען פאַר איר געווען אַ גרויסער טרייסט און פון דעמאָלט אָן איז דאָס לעבן ביי זיי אַ סך בעסער געוואָרן.

איצט, זינט סאַל האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ וואַרעמען געפיל פון דער יתומה, איז סערע ווידער געוואָרן נערוועז און אומרואיק. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז עפּעס רייסט זיך אָפּ אין איר לעבן.

קלאַרע איז ענדלעך מיט מזל געקומען אין אַמעריקע. זי איז געווען אַ שטיל, געהאָרכזאַם און גוט קינד, וואָס מען קאָן און מען מוז ליב האָבן. אויך סערע האָט געקראָגן צו איר אַ געוויסע ליבשאַפט. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ביסלעכוויז האָט זיך איר געגומען דוכטן, אַז דאָס קינד פאַרטונקלט זי, ווייל ווי נאָר סאַל קומט אַהיים פאַרנעמט ער זיך באַלד מיט קלאַרען. ער פרעגט זי ווי עס גייט איר אין סקול. ער העלפט איר אַרויס אין דער היים־אַרבעט, ער גייט מיט איר שפּאַצירן און אין די מואוויס. דאָס גרעסטע אָרט ביי איר מאַן פאַרנעמט קלאַרע, נישט זי.

דערנאָך איז געקומען אַ צייט, ווען איר מאַן איז געוואָרן שטאַרק פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, און ער האָט ניט געהאַט קיין צייט זיך אָפּ־צוגעבן מיט קלאַרען.

ביי סערען האָט זיך געשאַפן אַן איינדרוק, אַז סאַל איז געוואָרן

גלייכגילטיק צום מיידל, און די אומרואיקייט אין איר האָט זיך איינגע־
שטילט.

קלאַרע איז געוואָקסן אין איר נייער היים, אַ מונטערע, אַ לוסטיקע און זי האָט אַנגעפילט די שטוב מיט פרייד. צו פופצן יאָר איז זי שוין געווען אַ רייפע פרוי. זי איז געווען שיין, געראָטן און האָט אויסגעזען פיל עלטער פון אירע יאָרן. די נייע טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט נחת.

איינמאָל איז סאָל געשטאַנען ביי דער בעט, ווען דאָס מיידל האָט גע־האַט אַ זייער הויכע טעמפּעראַטור. ער האָט געזען, ווי די קראַנקן־שוועס־טער נעמט אַלעמאָל קלאַרעס האַנט און ציילט דאָס שלאָגן פון דופק.

סאָלן האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־־אָט גייט זי אויס. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן די קראַנקן־שוועסטער:

— אפשר רופן אַ ספּעציאַליסט?

— ניין, דערווייל איז נישטאָ קיין געפאַר, — האָט יענע געענטפערט. אָבער סאָל איז ניט אָפּגעטראָטן פון בעט.

„דער איינציקער זכר פון מיין גאַנצער משפחה" — האָט ער גע־טראַכט — „זי מוז בלייבן לעבן!"

די שרעק עס זאָל מיט קלאַרען חלילה ניט טרעפן דאָס ערגסטע, וואָס ער האָט מורא געהאַט צו ברענגען פאַר זיינע ליפּן, האָט אים אַנגעפילט מיט טיפן טרויער. פון איין אויג־ווינקל איז אַראָפּגעפאַלן אַ טרער.

סערע איז אָנגעקומען מיט אַ גומי־פלאַש הייס וואַסער צוצולייגן צו קלאַרעס פיס. זי האָט דערזען סאָלן אַרויסנעמען דאָס טיכל פון קעשענע און שנעל אַ וויש טאָן די טרער, איז זי געבליבן שטיין מיטן פלאַש אין האַנט אין מיטן צימער. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַ קראַמף האָט איר אָנגעכאַפּט אין בויך.

די קראַנקן־שוועסטער איז צוגעגאַנגען און אַרויסגענומען די וואַ־רעם־פלאַם פון סערעס האַנט.

סאָל האָט דערזען, ווי סערע שטייט מיט אַן אָפן מויל אין מיטן צי־מער און קוקט אויף אים מאָדנע. ווי זיך צו פאַרענטפערן, וואָס ער האָט געלאָזט די טרער, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— קלאַרע איז אין גרויס געפאַר, אפשר דאַרף מען רופן אַ ספּעציאַ־ליסט?

סערע האָט אים באַלד נישט געענטפערט. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי געזאָגט:

— רוף, ווער לאָזט דיר נישט רופן!

זי האָט דערנאָך אָבער צוגעגעבן:

— די נוירס זעט נישט קיין געפאַר, און ער זעט . . .

די טרער

אין אָוונט איז געקומען דער דאָקטער. „דער קריזיס איז פּאַראַי־בער", האָט ער געזאָגט. אויף מאָרגן האָט זיך שוין געמערקט אויפן מיידל די בעסערונג.

סאַלס געמיט איז געוואָרן גרינגער. ער איז פריילעכער געוואָרן. אָבער אויף סערעס פּנים האָט זיך אַ טרויער פאַרצויגן. זי איז אַרומגע־גאַנגען מיט פאַרשלאָסענע ליפּן אַ מוטלאָזע, אַ דערשלאָגענע.

פאַר אירע אויגן האָט כסדר געפינקלט די טרער, וואָס האָט זיך גע־גליטשט איבער סאַלס באַק. אַלע פריערדיקע דאַכטענישן, אַז קלאַרע פאַרנעמט ביי איר מאַן אַ וויכטיקערן אָרט, ווי זי, זיינען צו איר צוריק־געקומען.

זי האָט זיך דערמאָנט וויפיל מאָל זי איז געווען ערנסט קראַנק אין די צוועלף יאָר פון איר פאַרהייראַטן לעבן. ווען זי האָט געהאַט די מכה אין האַלדז, איז זי דאָך שיר דערשטיקט געוואָרן. דאָך האָט סאַל קיין איין מאָל ניט געוויינט אין אירע געפאַרן. וואָס אַ טאָג איז אַלץ מער געוואַקסן ביי איר דער צווייפל צי דער מאַן האָט זי ליב. דאָס האָט זי געפייניקט און ניט געגעבן קיין רו.

סערע האָט אָנגעהויבן אויסלאָזן איר פאַרביטערונג צו קלאַרען. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט איר צו שאַפן. איר געגעבן צו טאָן שווערע שטוב־אַרבעט. און אַז עפּעס איז איר ניט געפעלן, האָט סערע פאַר דער מינדסטער קלייניקייט אויף קלאַרען געשריגן:

— ווען איך בין געווען אין דיינע יאָרן האָב איך שוין זייער שווער געאַרבעט. — פונקט ווי קלאַרע וואָלט געווען אין דעם שולדיק.

די שטוב איז געוואָרן פאַר קלאַרען אַ גיהנום. ווי נאָר סאַל האָט אי־בערגעטראָטן די שוועל, האָט סערע אָנגעהויבן אויסלאָדן אירע מסירות אַז קלאַרע פאַלגט זי נישט, אַז זי איז אַ נאַר, אַ בהמה, טויג זיך ניט צו גאָרנישט.

אָבער איינמאָל, ווען סערע האָט אויף איר געמסרט, האָט קלאַרע אויסגעשריען:

— עס איז נישט אמת! — און זיך שטאַרק צעוויינט.

סאַל איז צוגעגאַנגען צו קלאַרען, זי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און זי געפּרואווט באַרואיקן.

אין סערען האָט זיך דעמאָלט אָנגעצונדן אַ פרישער פייער, וואָס נאָך די אַלע רייד איז ער נאָך אַזוי גוט און מילד צו דער פּלימעניצע. זי האָט אָנגעהויבן מאַכן אים פאַרשיידענע פאַרוואורפן, אויסרעכענען חטאים און זיך קריגן מיט אים. דעמאָלט איז שוין סאַל אַרויס פון געדולד. ער האָט זיך אויף איר אַזוי שרעקלעך צעשריגן, אַז קלאַרע האָט זיך שטאַרק דער־

ב ע ל א ג אָ ל ד ו ו י ר ט

שראַקן. זי איז צוגעלאָפן צום אָנקל, אים אַרומגענומען און זיך ביי אים געבעטן:

— אָנקל טייערער, שריי נישט אַזוי!

נאָך דער קריגעריי האָבן אַלע אין באַזונדערע ווינקלען געוויינט. סאַל האָט געוויינט, וואָס זיין ווייב פאַראומערט אים דאָס לעבן אומזיסט און אומנישט.

קלאַרע האָט געוויינט אויף איר ביטערן גורל, וואָס איבער איר דאַרף זיך דער אָנקל קריגן מיט דער טאַנטע.

און סערע האָט געוויינט, וואָס דער מאַן האָט געלאָזט ביי קלאַרעס בעט אַ טרער.

ביים בוך

— וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין פרייער צייט ? — האָט אַלבערט מיט אַן ערנסטן טאָן געפרעגט דעם דאָקטער, וואָס האָט אים געזאָגט, ער זאָל זיך אָפּרוען פון די ביזנעס.

— איר קענט לייענען ביכער, וועט איר אי רוען, אי גלייכצייטיק ניט פילן ווי די צייט גייט איך אַוועק, — האָט דער דאָקטער געענטפערט.

— לייענען ביכער ? — האָט אַלבערט מיט אַ האַלב מויל איבערגע־רעדט, — ווער האָט געדולד צו ביכער ?

אַרום אַלבערטס הויז האָט געשמעקט יונגער פרילינג. קלענערע און גרעסערע ביימלעך האָבן די ווענט פון זיין הויז אַרומגעהאַלדזט. יונגע צווייגלעך האָבן דערגרייכט די פענצטער, אין די שויבן געקלאַפּט, ווי זיי וואָלטן די מענטשן פון שטוב שלום־עליכם אָפּגעגעבן. ווען אַלבערט וואָלט ניט געווען באַזאָרגט וועגן זיין געזונט, וואָלט ער איצט געוואוסט פון אַ לעבן. „פיר און פופציק יאָר איז דאָך נאָך ווייט פון עלטער", האָט ער ביי זיך געטראַכט.

עס וואָלט אים שוין אַפילו ניט געאַרט, וואָס ער גייט ניט אין זיין געשעפט. זיין רעסטאָראַן קאָן זיך שוין פירן אָן אים. אָבער אַ מענטש קאָן דאָך משוגע ווערן פון לײדיק גיין. וואָס וועט ער טאָן מיט אַזויפיל פרייע צייט ?

נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעלעגן די דריי־פיר שעה, וואָס דער דאָקטער האָט אים געהייסן, האָט ער זיך דערנאָך קיין אָרט ניט געפונען. פון לאַנג־ווייליקייט איז ער אַלעמאָל אַריינגעקומען אין קיך זען וואָס זיין ווייב מאַלי טוט. אַזוי ווי זי איז געקומען פון גאַס, איז ער שוין געווען אין קיך, באַ־קוקט וואָס זי האָט איינגעקויפט. ווען ער האָט דערזען זאַכן, וואָס ער האָט ניט זייער ליב, האָט ער געפרעגט :

— צו וואָס האָסטו דאָס געקויפט, ווער וועט דאָס עסן ?

וועגן אַנדערע זאַכן, ווידער, וואָס ער האָט יאָ ליב, האָט ער באַ־מערקט :

— דאָס האָסטו געמעגט קויפן מער.

מאַלי האָט שטאַרק פיינט מען זאָל איר זאָגן דעות, האָט זי אים אַלע־מאָל דערמאָנט, וואָס דער דאָקטער האָט אים געזאָגט :

— וואָלסט בעסער אַריינגעקוקט אין אַ בוך איידער אין די טעפּ . . .

בעלאַ גאָלדווירט

ווען אַלבערט איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער זיך מיט גרויס ענערגיע צוגעכאַפּט צו לערנען די נייע לאַנד־שפּראַך. אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט עטלעכע ווערטער, האָט ער שוין צו יעדערן ניט אַנדערש גערעדט ווי ענגליש. ביסלעכווייז האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו רעדן און לייענען יידיש.

צום אָפּפרעמדן זיך פון יידיש האָט אויף אים געווירקט אויך דאָס, וואָס ער האָט נאָך עטלעכע יאָר זיין אין לאַנד, געקויפט אַ סטעישאַנערי־סטאָר אין אַ קליין שטעטל.

דאָס לעבן אין דער אַלטער היים האָט דערנאָך ביי אים אָנגעהויבן אויסזען ווי אַן אַלטער, אָפּגעקראָכענער בגד. ער האָט געמאַכט גוטע געשעפטן און זיינע יאָרן פון דער אַלטער היים האָבן זיך זייער ווייט פון אים אָפּגערוקט. צו לייענען האָט ער קיין צייט ניט געהאַט. ער איז געווען שטאַרק פאַרטאָן — פריער אין דער סטעישאַנערי, דערנאָך אין די רעסטאָראַן־ביזנעס. אַז ער האָט אַמאָל אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, איז דאָס געווען אין אַן ענגלישער. און אַז ער האָט זיך אַמאָל געקאָנט אָפּרייסן אויף אַ שעה־צוויי פון דער אַרבעט, האָט ער זיך צוגעכאַפּט שפּילן אַ קערטל.

אַלבערט האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז זיין געבורט־שטעטל איז חרוב געוואָרן, אַז די היטלער־מערדער האָבן דאָרטן אַלע יידן אומגעבראַכט, האָט ער אָנגעהויבן קויפן אַ יידישע צייטונג. ער האָט אין דער יידישער צייטונג געזוכט עפּעס אַ גרוס, אַ טרייסט פון זיין אַלטער היים. ער האָט געוואָלט געפינען כאָטש איין לעבעדיקן ייד פון זיין שטעטל . . .

די עטלעכע און צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע האָט ער קיין יידיש בוך אין האַנט ניט געהאַלטן. ביי דעם געדאַנק האָט ער זיך אויפגעהויבן פון סאָפע נאָך זיינע עטלעכע שעה רוען. ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, ווי ער וואָלט וועלן זען, צי זיין פּנים איז ניט רויט געוואָרן. ער האָט דערפילט אין זיך אַ פאַרשעמטקייט. קיין חשק צום לייענען האָט ער אָבער נאָך אַלץ ניט געהאַט. די טעג האָבן זיך ביי אים געצויגן אַלץ לענגער און לאַנגווייליקער. אין איין ליכטיקן פרימאָרגן האָט ער דעריבער באַשלאָסן צו גיין אין ביבליאָטעק. איז ער צוגעגאַנגען צו דער ענגלישער אָפּטיילונג. דאָרט האָט ער אַרויסגעשלעפּט ביכער פון איין באַרימטן שרייבער און אַ צווייטן, איבערגעבלעטערט, דורכגעקוקט דעם אינהאַלט און ניט געקענט באַשליסן וואָס צו נעמען. קעגנאיבער האָט אויף אים געקוקט אַ וואַנט מיט יידישע ביכער. אַלבערט האָט זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זוכן אַן ענטפער אויף עפּעס. ער האָט געקוקט אויף די ענגלישע, געקוקט אויף די יידישע ביכער, זיך געיישובט וועלכע צו נעמען. ער האָט אַרויפגעריסן דעם קאָפּ צו דער סאַמע הויך, אָנגעשטרענגט

די אויגן, אַ שאָר געטאָן מיט דער האַנט איבער די רייען, ווידער אַראָפּ־גענומען איין בוך נאָכן אַנדערן, אַ בלעטער געטאָן און צוריק אַוועקגע־לייגט. קיין איין בוך האָט אים ניט פאַראינטערעסירט, קיין איין טעמע האָט אים ניט פאַרכאַפּט. ער האָט אַזוי לאַנג געניִשטערט און געבלע־טערט ביז ער איז סוף־כל־סוף צוגעגאַנגען צו די יידישע ביכער.

זיין ערשטער בליק איז געפאַלן אויף אַ בייעם בוך פון אַן אומבאַ־קאַנטן שרייבער. ער האָט גענומען דעם בוך אין האַנט אַריין, אַ מיש גע־טאָן די בלעטער, און ווען עס איז אים אַריינגעפאַלן אין די אויגן דער נאָמען פון זיין געבורטס־שטעטל, האָט ער גענומען דעם בוך און איז מיט אים אַהיימגעגאַנגען. דאָס בוך איז געווען געווידמעט די קדושים פון זיין שטעטל.

אין הויז איז קיינער ניט געווען. מאַלי איז אַוועק עפּעס קויפן. אַל־בערט האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אויפנאַם־צימער ביי אַן אָפענעם פענצ־טער. ער האָט אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, ווי דער קאָפּ וואָלט אים ווי געטאָן, און אַריינגעלייגט די אויגן אין בוך אַריין.

די זון האָט באַגאָסן מיט גינגאָלד זיין קאָפּ. אַ וואַרעם ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט די עטלעכע איבערגעבליבענע האָר אויף זיין קאָפּ. ער האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין דעם בוך, אַז ער האָט ניט געהערט ווי מאַלי איז אַריינגעקומען.

מאַלי איז פריער דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר. זי האָט דערזען איר מאַן זיצן איינגעבויגן ביי אַ בוך. איז זי געבליבן שטיין ביי דער זייט פון טיר און האָט זיך גוט איינגעקוקט, ווי זי וואָלט אירע אייגענע אויגן ניט געגלויבט. זי האָט פאַמעלעך איבערגעטראָטן די שוועל און פון ווייטנס באַמערקט, אַז ער לייענט אַ יידיש בוך. דאָס האָט איר שוין גאָר פאַר־וואונדערט. זי ווייסט, אַז איר מאַן האָט ניט געהאַלטן פון דער יידישער ליטעראַטור. אין יידיש איז ניטאָ וואָס צו לייענען, פלעגט ער זאָגן.

שטיל, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט זי זיך פאַמעלעך אַוועק־געזעצט. פון די בלעטער, וואָס אַלבערט האָט איבערגעמישט, האָט אַ ווייע געטאָן אויף איר מיט יוגנט. זי האָט זיך דערמאָנט אין יענע יאָרן, ווען זי האָט זיך מיט אַלבערטן באַקאַנט. דער דעמאָלטדיקער אַרקע איז אין איר געווען שטאַרק פאַרליבט. דעמאָלט איז ער זייער אָפט געגאַנ־גען מיט אַ יידישן בוך אונטערן אַרעם.

פאַר אַלבערטס אויגן האָבן איצט געשוועבט היימישע געשטאַלטן. פון די שורות זיינען אויפגעגאַנגען שטיקער פון זיין אייגן לעבן. ער זעט די יידן פון זיין שטעטל, ער זעט זיינע עלטערן, פעטערס, מומעס, שוועסטער־קינדער, זיינע באָבע־זיידע. נאָך אַזוי פיל יאָרן, וואָס ער האָט זיי ניט

געזען, זיינען זיי אים איצט נאָך ליבער און טייערער געוואָרן, איז אים וואויל און גוט צו זיין צווישן די אַלע גוט־באַקאַנטע היימישע יידן.

אָבער מיטאַמאָל האָט ער אָוועקגענומען די אויגן פון בוך. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, ווי ער וואָלט דערפילט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן. „אַט־די אַלע יידן", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, „האָבן דאָך די דייטשע מערדער אומגעבראַכט" . . . זיין פּנים איז געוואָרן בלייך.

מאַלי האָט באַמערקט אויף אים די ענדערונג, האָט איר געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן:

„אפשר האָט ער דאָרט דערזען בעמען פון קרובים ? אפשר לייענט ער וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין נאַצישן גיהנום ? אפשר . . ."

איר הויט האָט זיך געגרונצלט און טרערן האָבן אַ פלייץ געטאָן פון אירע אויגן.

אַלבערט האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערשראָקן אַ פרעג געטאָן:

— מאַלי, וואָס איז געשען, דו וויינסט ?

מאַלי האָט אָוועקגעדרייט דאָס פּנים פון איר מאַן און גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אַליין נישט געוואוסט געגוי פאַרוואָס זי האָט זיך דאָ צעוויינט.

— עפּעס האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ. אפשר דערפאַר, וואָס דו האָסט אַזויפיל יאָרן ניט גענומען קיין בוך אין האַנט אַריין, — האָט זי ווי פּזור זיך אַליין געזאָגט.

אַלבערט האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און אַ פאַרטראַכטער אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער, ווי ער וואָלט געפּרואווט דערגיין צום קוואַל פון זיינע איצטיקע געפילן.

נאָך אַ לענגערער צייט שפּאַנען איבערן צימער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן אין דער וועלט אַריין:

— איך האָב געלעבט אין טעות.

ווידער האָט ער נערוועז געשפּאַנט איבערן צימער און אין געדאַנק זיך געזידלט, פאַרוואָס ער האָט זיך דערווייטערט פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידישן לעבן.

— אַ מענטש קאָן ניט אַנטלויפן פון זיך אַליין — האָט ער מיט באַדויער אַ זאָג געטאָן צום ווייב.

— ווייזט אויס מען קאָן ניט אַרויסקריכן פון דער אייגענער הויט, — האָט ער צוגעגעבן.

— אַוודאי אַזוי. איך האָב דאָס שוין לאַנג געזאָגט, — האָט מאַלי אונטערגעכאַפּט די ווערטער.

— עמיצער וואָס וויל אָוועקגיין פון דעם וואָס ער איז, בלייבט ער

ביים בוך

נישט אַהין, נישט אַהער. ער פֿאַרלירט דאָס אייגענע און פֿאַרדייעט נישט דאָס פֿרעמדע, — האָט זי נאָך אויסגעברייטערט זיין געדאַנק.

— יאָ, ביזט גערעכט, מאַלי, אַפֿילו אייגענע אָרעמקייט איז ליבער, ווי פֿרעמדע רייכקייט. דאָס וואָס איז נאָענט איז דעם מענטש טייער — האָט ער צוגעגעבן.

אַלבערט האָט דערנאָך גענומען לייענען איין יידישן בוך נאָכן צווייטן, געפּרוּאווט אַניאָגן וואָס ער האָט אַזויפֿיל יאָר פֿאַרפֿעלט. און אַלץ בעענ־טער, אייגענער איז אים געוואָרן דאָס יידישע לעבן און אַלץ פֿרעמדער דאָס פּוסטע לעבן, אין וועלכן ער איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן.

חברה, מיט וועלכע אַלבערט פֿלעגט אַמאָל שפּילן אַ קאָרטל, האָבן אָנגעהויבן שפּאָסן וועגן אים. ווען זיי האָבן געטראָפֿן אימעצן אין גאַס, האָבן זיי געפֿרעגט און אַליין באַלד געענטפֿערט: וואָס טוט ער, אַלבערט? ער זיצט ביים בוך?

מאַלי האָט מיט אינערלעכן שטאָלץ צוגעגעבן:

— יאָ, ער לייענט.

אין וואַגאָן

ווען די באַן האָט אָנגעהויבן גיין, איז שוין אין וואַגאָן געווען רואיק. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן שוין געהאַט אָוועקגעלייגט זייערע פּעקלעך, אויפֿגעהאַנגען די מאַנטלען, זיך איינגעאָרדנט, צוגעגרייט צו דער לאַנגער רייזע.

די באַן איז געלאָפֿן פֿון דער קאַלטער ניו־יאָרק אין דער וואַרעמער מיאַמי.

איין פּאַסאַזשיר האָט זיך באַלד אויפֿגעהויבן, זיך דורכגעשאַרט דורכן וואַגאָן, געגאַנגען טרינקען וואַסער. ער האָט אויסגעטרונקען צוויי שקאַרמיצלעך מיט וואַסער, אָנגעפֿילט אַ דריטן און צוגעטראָגן צו זיין מיטפֿאָרערין.

דער פּאַסאַזשיר האָט מיט זיין אויסטערלישן אויסזען שטאַרק געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַ סך מענטשן.

— עפּעס אַ מאָדנער אויסזען, — האָבן אייניקע געטראַכט.

נאָר וועמען גייט דאָס אָן ? יעדערער איז פֿאַרנומען מיט די אייגענע געדאַנקען : מען טראַכט נאָך פֿון דעם, מיט וואָס מען האָט זיך נאָרוואָס צעשיידט ; עס זשומעט נאָך אין די אויערן דער ניו־יאָרקער רעש ; מען אָטעמט נאָך מיט דער אָנשטרענגונג פֿון יאָגעניש פֿאַרן פֿאָרן.

אַ היפּשע צאָל פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן איז געפֿאָרן אויף וואַקאַציע. זיי האָבן געוואָלט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקייט מיטן שטענדיקן יאָך פֿון זייערע געשעפֿטן און אַרבעט. מען האָט געוואָלט פֿאַרגעסן אין דעם נעכטיקן, מען האָט זיך געקלאָמערט אין דעם וואָס וועט קומען. נאָר דאָ האָט זיך דער פּאַסאַזשיר ווידער אויפֿגעהויבן, און אַזוי ווי מען האָט אים דערזען, האָבן זיך אַלע געדאַנקען אָפּגעשטעלט. מען האָט ברייט צעעפֿנט די אויגן, אָנגעשטרענגט די בליקן און באַטראַכט דעם מענטשן מיט גרויס וואונדער.

דעם מענטשן קאָן מען שאַצן אין די פֿריע צוואַנציקער. ער איז אַ ביסל העכער ווי מיטלוואוקס. זיינע אויסגעקרימטע אַקסלען זיינען אַזוי שמאָל ווי פֿון אַ צען־יאָריקן יינגל. דער ברוסטקאַסטן איינגעפֿאַלן, די פּלייצע קיילעכדיק־אויסגעבויגן, זיין שמאָל־דינער פּנים איז שטאַרק ניט אין פּראָפּאָרציע מיט זיין גרויסן קאָפּ, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ גוליע

אויפֿן שטערן. אָבער דאָס אַלץ וואָלט ניט געמאַכט אַזאַ שווידערלעכן איינדרוק, ווען ניט דער שרעקלעכער אויסזען פֿון זיינע אויגן. ווען מען האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע אויגן, איז דורכן לייב אַדורכגעגאַנגען אַ ציטער.

— מאָדנע האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן ביי דעם מענטשן, — וואונדערט מען זיך. די רויטע, לאַנגע ,אויסגעצויגענע ברעמען, דורך וועלכע עס האָבן זיך כמעט ניט אַרויסגעזען קיין אויגן, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען מיט עפּעס פֿאַרקלעפּט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער פּינטלט מיט גרויס אָנשטרענגונג, ער וויל זיי עפֿענען, אויפֿרייסן און קאָן ניט.

— אפשר איז ער שלעפֿעריק ? — זאָגט אַ פֿרוי צו איר מאַן.

— וואָר־זשע לאָזט אים ניט שלאָפֿן ? — האָט דער מאַן איר געענטפֿערט.

בלייבט דער פּאַסאַזשיר זיצן אַ לענגערע צייט, לאָזט מען אים אַרויס פֿון געדאַנק, און מען ווערט ווידער פֿאַרנומען מיט זיך. די וואָס קאָנען זיך פֿאַרגינען צו פֿאָרן אויף אָפּרו, פֿילן זיך אויפֿגעלייגט, יום־טובדיק. זיי זיינען צופֿרידן, וואָס מען לאָזט איבער דעם קאַלטן ווינטער, די פֿרעסט, די שנייען, זאַווערוכעס, מיט די אייז־באַדעקטע גאַסן, מיט די שטויביקע פֿאַבריקן, און מען פֿאָרט זיך אָפּרוען — רוען אויף דער וואַרעמער ערד, מיט גרינס באַדעקט, אונטער הויכע שלאַנקע פּאַלמען, וואו מען וועט זיך קאָנען אויסבאַקן אונטער אַ ברענענדיקער זון, זיך באָדן אין אַ בלוי־דורכזיכטיקן ים, אָפּפֿרישן די אויסגעמאַטערטע גלידער, זיך אָנשעפּן מיט נייע כוחות. זיצט מען אין וואַגאָן געמיטלעך. די וואָס פֿאָרן אין צוויייען, רעדן שטיל צווישן זיך, אַנדערע לייענען, ווער עס קוקט אַריין אין אַ צייטונג, ווער אין אַ זשורנאַל, ווער אין אַ בוך.

ווי אויף צו־להכעיס האָט דער פּאַסאַזשיר מיטן מאָדנעם אויסזען אַלעמאָל זיך געדרייט איבערן וואַגאָן. עס האָט אים, ווייזט אויס, גע־דורשט : אָדער ער האָט אַליין געטרונקען, אָדער ער האָט געטראָגן וואַ־סער פֿאַר זיין מיטפֿאָרערין. און ווי נאָר ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָבן זיך די אויגן אָפּגעריסן פֿון לייענען, ווער עס האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן, האָט אויפֿגעהערט, פֿאַרהאַלטן די ווערטער, מיט אָפֿענע מיילער און אויפֿגעריסענע אויגן האָט מען אים נאָכגעקוקט, און יעדעס מאָל האָט אין די מענטשן עפּעס אויפֿגעטרייסלט, מען האָט ניט געקאָנט זיין גלייכ־גילטיק צו זיין אויסזען.

„אפשר איז ער אַ בלינדער ?" — האָבן אייניקע ביי זיך געטראַכט. „ער גייט דאָך אָבער גלייך אַהין וואו ער דאַרף" — האָט מען זיך אַליין

געענטפערט. ביי די מענטשן איז געוואַקסן די נייגעריקייט, מען האָט זייער שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס איז געשען מיט אָט־דעם מענטש. צוויי עלטערע יידישע פרויען, וואָס זיינען געזעסן אין מיטן פון וואַגאָן, זיינען געווען פאַראינטערעסירט צו זען, ווער עס זיצט לעבן אים. האָט איינע זיך אויפגעהויבן פאַמעלעך, זיך דורכגעגאַנגען אַהין־און־צוריק און סו־דותדיק איבערגעגעבן דער צווייטער:

— עפּעס אַ יונגע פרוי זיצט לעבן אים. זי האָט גראָד זייער גרויסע, שיינע שוואַרצע אויגן און אַ חנעוודיק פּנים. ווער ווייסט וואָס זי איז צו אים: אַ געליבטע, אַ ווייב, אַ שוועסטער, אָדער נאָר אַ באַקאַנטע? — מוחט זיך יענע דעם קאָפּ.

אַ שכנה הערט וועגן וועמען די פרויען רעדן, קאָן זי זיך אויך ניט איינהאַלטן, בויגט זיך אַריבער און פרעגט:

— וואָס קאָן זיין מיט דעם יונגן מאַן?

— ווער ווייסט? — ענטפערט די עלטערע, וואָס איז נאָר־וואָס דורכגעגאַנגען דעם וואַגאָן.

—די וואָס זיצט לעבן אים מוז אויך ניט זיין מיט אַלעמען; ניט מען זעט זי, ניט מען הערט זי, — לערנט זיך טרעפן די אַנדערע פרוי ביים פענצטער.

פון אַנטקעגן איבער הויבט זיך אויף אַ מאַן און לייגט אויך צו אַ וואָרט. מען שושקעט זיך און מען סודעט זיך אַלץ וועגן דעם פּאַסאַזשיר.

אין די רייד האָט זיך איינע דערמאָנט, אַז צו דער באַן האָט זיי באַ־גלייט אַן עלטערער מאַן און אַז די צוויי, — דער מיטן מאָדנעם אויסזען און זיין מיטפאָרעריןַ, — האָבן זיך שטאַרק אָן דעם עלטערן געקלאַמערט, זיי האָבן אים ניט אָפּגעלאָזט. ביז דער לעצטער מינוט זיינען זיי געשטאַ־נען ביי דער טיר פון וואַגאָן און האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין יענעם, זיי האָבן אים געדריקט צו זיך, און מען האָט זיך געהאַלטן אין איין קושן. מען האָט געזען אַז איינער פון אַנדערן קאָן זיך גאָרניט אָפּרייסן, ס'איז געווען אַ שווערע געזעגענונג. — האָט זי מיט געפיל דערציילט.

אָפּגערעדט אַ לענגערע צייט איז מען ווידער געבליבן זיצן אויף אָן אָרט.

— ווען וועלן מיר זיין אין מיאַמי? — האָט איינער אַ פרעג געטאָן דעם פאַרבייגייענדיקן קאָנדוקטאָר.

— מאָרגן אַרום עלף אַזייגער — האָט דער קאָנדוקטאָר זיך אַ ווילע פאַרהאַלטן.

— וועלן מיר, הייסט עס, פאָרן מער ווי אַ מעת־לעת? — האָט דער

אין וואַגאָן

פּאַסאַזשיר זיך ווייזט אויס שוין געלאַנגווייליקט נאָך די צען שעה פאָרן.

— אַזוי איז עס, — האָט דער קאָנדוקטאָר צוגעוואָרפן אַ פריינטלעכן שמייכל און איז ווייטער געגאַנגען.

איינער וואָס איז געזעסן קעגנאיבער דעם פּאַסאַזשיר מיטן אויסטער־לישן אויסזען, האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ יידישע צייטונג און אָנגעהויבן לייענען. דער וואָס האָט אַזוי שטאַרק געצויגן אויף זיך די אויפמערק־זאַמקייט, האָט זיך אויסגעדרייט און שטיל, ווי פאַרשעמט, געפרעגט:

— איר קאָנט מיר אפשר געבן אויף אַ פּאָר מינוט די צייטונג? איך וויל איבערקוקן די נייעס.

— מיט פאַרגעניגן, — האָט דער מאַן מיט צופרידענער איבעראַ־שונג געזאָגט, און אים דערלאַנגט די צייטונג.

מען האָט דערהערט, אַז ער איז אַ ייד, האָבן די מענטשן, וואָס האָבן פריער פון אים געדעדט, זיך שטאַרק דערפרייט. אַלע האָבן זיך באַלד אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און אים אַרומגערינגלט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן פראַגן:

— ווער זענט איר? פון וואַנען קומט איר? וואוהין פאָרט איר?

דער יונגערמאַן האָט זיך ניט פאַרלוירן. ער האָט דורכגעריבן זיינע האַלב־אָפענע אויגן, ווי ער וואָלט זיך צוגרייטן בעסער צו זען און שטיל געזאָגט:

— איך קום פון היטלער־גיהנום.

— טאָקע פון היטלערן זיך געראַטעוועט? — האָט אימעצער מיט גרויס וואונדער אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, פון היטלערן, אַריבער פיר יאָר געווען אין דאַכאַו, — האָט ער רואיק צוגעגעבן און געקוקט אויף די צייטונג־קעפּלעך.

אַלע זיינען מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, ווי זיי וואָלטן פלוצלינג פאַר־לאָרן דאָס לשון, ווי ס׳וואָלט אין זיי פאַרקילט געוואָרן דאָס בלוט. נאָך אַ רגע שוויגן האָט אימעצער ניט קאָנענדיק איינהאַלטן דעם נייגער, שווער אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס איז, איך בעט אייך, מיט אייערע אויגן, טאָקע דאָרט זיינען זיי ביי אייך אַזוי געוואָרן?

ער האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג אויף די קני, שנעל אָנגעהויבן פינטלען מיט די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, דערנאָך אַ ווישׁ געטאָן מיט די פינגער די ברעמען, געעפנט אַ ליידיק מויל און געזאָגט:

— אָ, מיינע אויגן, — האָט ער איבערגעחזרט, — דאָס האָט די דייטשע הויכע וויסנשאַפט עקספּערימענטירט. זיי האָבן געצויגן די אָדערן

בעלא גאָלדווירט

פון די ווייסלען, האָבן זיך די ווייסלען איינגעצויגן.

— און ווער איז דאָס מיידל? — האָט אַ פרוי מיט היימישקייט גע־פרעגט און אָנגעוויזן אויף זיין מיטפאָרערין.

— דאָס איז מיין פרוי, — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ.

— זי איז אויך געווען אין דאַכאַו, — האָט ער אין אַ ווילע אַרום צוגעגעבן.

די פרוי זיינע איז געזעסן איינגעקאָרטשעט אין ווינקל ביים פענצ־טער און די גאַנצע צייט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן, ווי זי וואָלט געווען שטאַרק אומצופרידן, וואָס די מענטשן האָבן זיך אַרום זיי אַרומגעשטעלט און פאַרוואָרפן דעם מאַן אירן מיט פראַגן.

— ווער האָט אייך אַהער געבראַכט, וואוהין פאָרט איר, — האָבן זיך די מענטשן שוין דערפילט, ווי זיי וואָלטן געווען פון זיינע באַקאַנטע און האָבן אַלץ מיט איינמאָל געוואָלט וויסן.

— איר פאָטער האָט אונדז אַריבערגעבראַכט, — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין יונגער פרוי, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ קינד פון עלף אָדער צוועלף יאָר.

— וואוהין פאָרט איר עס איצט? — האָט אַ פרוי פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט.

— דאָ אין לאַנד לאָזט מען אונדז ניט בלייבן, מוזן מיר פאָרן ערגעץ אין עק וועלט, אַזש קיין ווענעזועלאַ, — האָט ער שטיל פאַרענדיקט די געשיכטע פון זיין פאָרן.

נאָך דעם האָט זיך יעדערער אַוועקגעזעצט. מען האָט טיף אָפגע־זיפצט און שווייגנדיק נאָכגעטראַכט.

ד

נײַע טעג

1

פֿון דער באַן איז מאַניע, מיט אַ שווערן פּאַק אין האַנט, באַלד אַוועק אויף דעם באַשטימטן אַדרעס צו דעם פֿראַנצויז, וואָס האָט געוואוינט אויף אַ באַרג הינטערן דאָרף מעזאַק.

אין פּאַריז האָבן שוין געבושעוועט די נאַציס. זײַנען ייִדן פֿון דאָרט געלאָפֿן, וואו זיי האָבן נאָר געקאָנט.

מאַניע איז געפֿאָרן אין באַן מיט נאָך ייִדן. אָבער אויף דער סטאַנציע איז נאָר זי אַרונטערגעשטיגן.

דער הימל האָט נאַרוואָס געהאַט פֿון זיך אויסגעטאָן די נאַכטיקע בלינדקייט. אין דער דורכזיכטיקער, ריינער לופֿט האָט זיך אַנטפּלעקט דער אויפֿגייענדיקער באַגינען. יונג־באַגרינטע פֿעלדער האָבן זיך געבאָדן אין טוי. אַ רויט־צעפֿלאַמטער הימל־ברעג האָט ווי פֿון אונטער דער ערד זיך אַרויסגעצויגן. אַ גאָלדענער אָפּשײַן האָט זיך איבער די בײַטן פֿאַרשפּרייט. די טוי־טראָפּנס האָבן מיט דימענטענעם גלאַנץ געבליש־טשעט, געפֿינקלט פֿאַר די אויגן.

דער פֿראַנצויז, צו וועמען זי איז געקומען, האָט זי גאָר ניט פֿריינט־לעך אויפֿגענומען.

— ביי אונדז וועט איר לאַנג ניט קאָנען זײַן, מיר האָבן ניט גענוג אָרט! — האָט דער פֿראַנצויז באַלד צו איר געזאָגט.

די באַלעבאָסטע האָט געהאַט אַן אָנגעכמורעט פּנים און האָט מיט קאַלטע, אומהיימלעכע בליקן אויף איר געקוקט. זי האָט שפּעטער באַ־מערקט, אַז מאַן און ווייב האָבן זיך אין אַ ווינקל שטיל געקריגט איבער איר.

אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי האָט מאַניע גענומען איר שווערן פּאַק און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום טאָל אין דאָרף אַרײַן.

דאָס דאָרף מעזאַק איז געווען היפּשלעך גרויס. עס האָבן דאָרט גע־וואוינט אַרום הונדערט פֿאַמיליעס. אין מיטן דאָרף איז געווען אַ קירך, צוויי שפּייז־קראָמען, אַפֿילו אַ קראָם מיט שניט־סחורה. ס'האָט שוין באַלד אויסגעזען, ווי אַ קליין שטעטל.

מאַניע איז געגאַנגען פֿון שטוב־צו־שטוב און געפֿרעגט:

בעלאַ גאָלדוווירט

— אפשר קאָן מען ביי אייך קריגן אַ צימער צו דינגען ?

די מערסטע האָבן איר געענטפערט בלויז מיט אַ דריי פון דעם קאָפּ אויף ניין. זיי האָבן זיך פון איר אָפּגעקערט, ווי זיי וואָלטן פאַר איר מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל, אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

נאָכן אָפּגיין עטלעכע טריט, האָט מען זי נאָכגעקוקט, ווי מען וואָלט נאָכן גאַנג נאָך וועלן דערגיין ווער זי איז.

די דייטשן האָבן אָקופּירט אַ גרויסן טייל פון פראַנקרייך. דאָס דאָרף מעזאַק איז געווען אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון דער ווישי־רעגי־רונג. אין דעם דאָרף האָט מען זינט דער מלחמה געזען בייע מענטשן.

מאַניען האָט מען אָבער נאָכגעקוקט נאָך מיט מער נייגעריקייט, ווי אַנדערע. אפשר דערפאַר, וואָס זי האָט זיך אונטערשיידט מיט איר עלע־גאַנטן קליידן זיך ? צי אפשר איר הויכע, שיין־פאַרמירטע פיגור, מיט איר ליכטיק, ווייס־ראָזלעך, צאַרט פנים, האָט עס געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון יעדן פאַרבייגייער.

מיט אירע איינפאַכע, אָבער זייער געשמאַקפולע קליידער, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַריסטאָקראַטישער פרוי. זי איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן, אָבער זי האָט אויסגעזען אַ סך יינגער.

עס האָט געשמעקט מיט יונגן פרילינג. די ווייסע און געלע שטיבער מיט גאַניקעס אין דאָרף זיינען געווען איינגעטונקען אין גרינס און מיט בלומען פאַרפּוצט. אויף בליענדיקע צווייגן האָבן פייגעלעך געטאַנצט און פריילעך געסווישטשעט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען גליקלעך. אַ טיף־בלויער, לויטערער הימל האָט זיך ווי אָנגעלענט אויף די וואַלד־ביימער ניט ווייט פון דאָרף.

מאַניען האָט שוין ווי געטאָן דער אָרעם פון טראָגן דעם פּעקל. אין דער שווערער, שיעור נישט פאַרצווייפלטער לאַגע, איז איר מאַן זלמן ניט אַרויס פון איר זינען. ער איז אויף קיין רגע ניט אַרויס פון איר געדאַנק און ניט פון איר האַרץ.

אַט זעט זי אים שטיין אויף פּלאַטפאָרמעס, האַלטן רעפעראַטן, רעדן, זיך היצן. זיינע שוואַרצע לאָקן זיינען צעוואָרפן איבער זיין הויכן שטערן. ער לאָזט אָפּט אַראָפּ די שוואַרצע, געדיכטע ברעמען, קוקט אַריין אין אַ קליינעם נאָטיץ־ביכעלע. גיט זיך אימפּעטיק אַ כאַפּ צוריק צו אַ נייעם גע־דאַנק, גיט אַ קאַם מיט די ווייסע אידעלע פינגער די שוואַרצע לאָקן. פאַרקוקט זיך אַ ווײַלע מיטן שאַרפן בליק פון זיינע פינקלדיקע אויגן. דער עולם אַפּלאָדירט אים אין מיטן רעדן און באַלוינט אים מיט לאַנגע אַפּ־לאָדיסמענטן, ווען ער פאַרענדיקט.

און אַט זעט זי אים שוין גאָר אַן אַנדערן. די נאַציס פּייניקן אים. ער

בלוטיקט. הינט רייסן פון אים שטיקער, יאָגן אים אין קרעמאַטאָריע אַריין. זי איז אויסער זיך. עס וואַרפט זיך ביי איר דאָס האַרץ, ווי עס וואָלט זיך וועלן אַרויסרייסן און לויפן צו זלמנען.

זי ווייסט ניט, וואו זלמן איז: צי איז ער פאַרבליבן אין פוילן מיט די דייטשן, צי איז ער געלאָפן ערגעץ זיך ראַטעווען? זינט די דייטשן זיינען אַריין קיין פוילן איז איר פאַרבינדונג מיט אים איבערגעריסן געוואָרן. זי ווייס דעריבער ניט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

פון די געדאַנקען ווערן אירע אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן, זיי פאַרשטעלן, פאַרבלענדן איר דעם וועג, ווי אַ געדיכטער טומאַן. נישט איינמאָל מוז זי זיך אָפּשטעלן, נעמען אַ טיכל, אויסווישן די אויגן, זי זאָל זען וואו צו גיין. אַמאָל שעלט זי זיך אַליין, שעלט דעם טאָג, וואָס זי איז אַוועק פון וואַרשע:

— הלוואַי וואָלט איך דעמאָלט קראַנק געוואָרן, וואָלט איך נישט געקענט פאָרן קיין פאַריז זען די שוועסטער און ברידער. דאָס ערגסטע אין אַזאַ צייט איז צו זיין אָפּגעריסן איינער פון צווייטן, — רעדט זי כמעט אויפן קול צו זיך אַליין. — באַר ווער האָט געקאָנט וויסן, אַז היטלער וועט אַזוי פּלוצלינג באַפאַלן פוילן? — פּרובירט זי זיך אַליין טרייסטן אין אַזעלכע שווערע מאָמענטן.

:: :: ::

נאָך אַ לענגערער צייט פון זוכן אַ דירה, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט שמועסן מיט אַן אַלטער פּויערטע. די אַלטע האָט אייגנטלעך ניט געהאַט קיין דירה צו פאַרדינגען. מאַניע האָט מיט איר מידער שטימע זי געפרעגט: — אפשר ווייסט איר מאַדאַם, ווער עס קאָן מיר פאַרדינגען אַ צימער? די אַלטע האָט אַרומגענומען מאַניען מיט אירע רואיקע, גוטמוטיקע, ברוינע אויגן, זיך פאַרקלערט צו וועלכן שכן זי קאָן איר אַריינשיקן, ווער עס וואָלט געווען גרייט אַריינצונעמען אַזאַ פרוי.

מאַניע האָט אין די קנאַפּע צוויי יאָר, וואָס זי איז געווען אין פאַריז, זיך גאַנץ גוט אויסגעלערנט די פראַנצויזישע שפּראַך. דאָך האָט מען אין איר רעדן באַלד געקאָנט דערקענען, אַז זי איז אַן אַריינגעקומענע פון אַן אַנדער לאַנד.

די אַלטע האָט דערוויל אַרויסגערוקט אַ שטול פון הינטערן קיך־טיש און געבעטן די פרעמדע זיצן. — פון וואַנען קומט איר עס איצט?

— פון פאַריז, — האָט מאַניע מיט דערשלאָגנקייט געענטפערט.

— וואָס הערט זיך דאָרטן ביי אייך אין פאַריז? — האָט די אַלטע ווייטער געזוכט פאַרפירן אַ שמועס מיט דער אומבאַקאַנטער. — איך האָב

געהערט — האָט זי פאָרגעזעצט — אַז די דייטשן טוען דאָרטן אָן אַ סך צרות, זיי פאַרפאָלגן באַזונדערס די יידן, זאָגט מען, מען שיקט זיי ערגעץ אַוועק מאַסנווייז.

מאַניע האָט זיך ניט געאײַלט מיטן רעדן. זי האָט געוואָלט פאַרביי־גיין די יידן־פראַגע, כדי די אַלטע זאָל זיך ניט כאַפּן, אַז זי איז אַ יידישע.

— ס׳איז אַ מלחמה, מאַדאַם. אין אַזאַ צייט פעלט קיינעם ניט קיין צרות!

מאַניעס צאַרט, איידל קול האָט שטענדיק אַרומגענומען מיט וואַרעמ־קייט. און באַזונדערס איצט, ווען זי איז געווען אָנגעפּילט מיט יסורים, מיט שרעק און טיפער בענקשאַפט נאָך אירע אייגענע, נאָך איר מאַן, ווע־מען זי האָט אַזוי שטאַרק ליב.

די אַלטע פראַנצויזקע, אַן אלמנה, וועלכע האָט אַ סך יאָרן געלעבט איינזאַם אַליין אין איר קליין שטיבל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צימער מיט אַ קיך, האָט מיטאַמאָל דערפילט צו מאַניען אַ גרויסע נאָענטקייט. די אַלטע האָט פאַרלאָרן איר מאַן נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. די לעצטע צייט האָט זי זיך דערנערט פון דער קליינער פּענסיע, וואָס זי האָט באַקומען פון דער רעגירונג.

עס האָט זיך אָנגערוקט די מיטאָג־שעה. די אַלטע האָט אַרויפגע־שטעלט אויפן פייער אָנוואַרעמען אַ טעפּל זופּ. זי האָט עס אָנגעגאָסן אין צוויי טעלער און מיט היימישקייט געזאָגט צו מאַניען:

— רוקט זיך צו צום טיש, וועלן מיר צוזאַמען דורכשווענקען די העלדזער.

מאַניע האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. זי איז געווען אויסגעמאַטערט און ס׳איז איר טאַקע געווען טרוקן אין מויל.

— ווי אַזוי רופט מען אײַך? — האָט די אַלטע מוטערלעך געפרעגט, בראָקנדיק אַ שטיקל ברויט אין דער זופּ אַריין.

— מאַרי בראַן, — האָט מאַניע געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן איבערן טעלער.

— מיין נאָמען איז קלאָטילדע רישאַר, — האָט די אַלטע זיך פאַר־געשטעלט.

— וואוהין זאָל איך איר שיקן וואוינען? — האָט די אַלטע פאַר־זאָרגט ווידער אָנגעהויבן טראַכטן. זי האָט געפילט, אַז זי קאָן מאַניען ניט אַוועקלאָזן מיט גאָרניט. און אַזוי טראַכטנדיק האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ:

— מיר דאַכט, אַז ביי מיר אויפן בוידעם קאָן מען גאָר מאַכן אַן אָרט צו שלאָפן — האָט זי מיט איבעראַשונג געזאָגט. — איך האָב דאָרט

שטיין אַ צונויפגעלייגט בעטל, וועל איך דאָס אויפשטעלן. אַ פענצטערל איז דאָרט אויך פֿאַראַן, כאָטש אונטערן סאַמע דאַך. איר וועט שוין בלייבן דערווייל ביי מיר.

מאַניע האָט געפילט זי אַרומצונעמען און קושן; געוואָלט עפּעס זאָגן אויסצודריקן איר פרייד, נאָר די צונג האָט זיך געפּלאָנטערט. איר דאַנקבאַרקייט האָט אָבער די מאַדאַם רישאַר געקאָנט אַרויסלייענען פון מאַניעס אויגן. די אויגן זיינען ביי איר גרעסער געוואָרן און פון דער איבערגעפילטער פרייד זיינען זיי פאַרלאָפן מיט אַ פייכטקייט.

מאַדאַם רישאַר איז באַלד אַרויפגעגאַנגען מאַכן אָרדענונג אויפן בוידעם. מאַניע איז געבליבן זיצן. אין דער ציכטיקער, גראַמער קיך און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אין אַ פּרעכטיקן, שיינעם גאָרטן אַריין. און כאָטש ס'איז נאָך געווען פריער פרילינג, אָבער די פאַראַס, בוראַקעס, מייערן און ציבעלקעס זיינען שוין געווען היפשלעך אויפגעגאַנגען פון דער ערד. ס'איז געווען קאָנטיק, אַז דער גאָרטן ווערט אויפגעפּאַסט פון אַ געניטער האַנט, פון אַ גוטן באַלעבאָס.

:: :: ::

באַוואונדערנדיק די גלייכינקע יונגע געוויקסן, האָט מאַניע געזען אַרויסגיין פון אַ הויז, אין צווייטן עק גאָרטן, אַ מיטל־יאָריקן, מיטל־וואוקסיקן מאַן אין אַ טונקעלער אַרבעט־העמד, מיט בלויע אַרבעט־הויזן. ער איז געלאַסן אַראָפּ די עטלעכע טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט פון הויז אין גאָרטן אַריין. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און מיט גרויס ליבשאַפט באַטראַכט די יונגינקע, צאַרטע שפּראָצונגען. געגאַנגען פון איין געוויקס צום צווייטן, און אַרויסגעריסן, וואו ער האָט נאָר ערגעץ דערזען, אַ ווילד גרעזעלע. איינגעבויגענערהייט איז ער דורכגעגאַנגען די גאַנצע לענג פון דעם גאָרטן. לעבן מאַדאַם רישאַרס שטוב האָט ער זיך אויסגעגלייכט. ווען ער האָט באַמערקט מאַניען אין פענצטער, האָט ער זיך עטוואָס פאַרבויגט, אַ גוטמוטיקן שמייכל געטאָן און פריינטלעך געזאָגט: — באָנזשור, — ווי צו אַ גוטער באַקאַנטער.

פון זיין וואַרעמער באַגריסונג און ליבן שמייכל איז מאַניען פריילעכער געוואָרן. זי האָט בעענטער צוגעבויגן דעם קאָפּ צום פענצטער, ווי זי וואָלט וועלן זיך דערנעענטערן צו אים, זען וואָס ער טוט.

אַ שוואַרץ קעצל מיט אַ ווייסער פליאַמע אויפן רוקן האָט זיך געשאַרט לעבן אים און זיך געריבן ביי זיינע פיס. ער האָט אַלעמאָל אַ קוק געגעבן דאָס קעצל אין די אויגן אַריין, פון צייט־צו־צייט אַ צאַרטן גלעט געטאָן דאָס שוואַרצע גלאַנציקע קעפּל, ווי ער וואָלט וועלן דאָס קעצל

באַרואיקן, אַז ער האָט עס ליב פּונקט ווי ער האָט ליב יעדע פלאַנץ, יעדע בלום און יעדן בוים פון זיין גאָרטן. מיטאַמאָל האָט אַ מחנה טויבן זיך אַ הייב געטאָן אויף זיין דאַך. אין אַ כאָר האָבן זיי אַלע גלייך מיט אַ פריילעכער וואָרקעריי אַ פּאַכע געטאָן מיט די פליגלען, ווי אַ באַגריסונג צו זייער באַלעבאָס. דער מאַן האָט אַוועקגענומען די אויגן פון די געוויקסן, פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך און געגעבן אַ פריידיקן מאַך מיט דער רעכטער האַנט צו די פליענדיקע טויבן, ווי אַן ענטפער אויף זייער באַגריסונג.

:: :: ::

די מאַדאַם רישאַר איז אַראָפּגעקומען פון בוידעם מיט אַ צעפלאַמט פּנים און צופרידן מיט אַ פרייש קול געזאָגט:

— איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז פון מיין בוידעם קאָן מען מאַכן אַזאַ שיינעם צימער.

מאַניע האָט גענומען איר פּעקל און אַרויפגעגאַנגען אין איר נייער וואוינונג. אַריבערגעשפּרייזט די הויכע שוועל, האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל אויף דער ערד און איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר. ס'האָט אויף איר אַ ווייע געטאָן אַ פרישער, שמעקנדיקער פרילינג־ווינט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורכן אָפענעם פענצטערל און זיך אויסגעמישט מיט אַ ריח פון אַלטע פאַרלעגענע זאַכן, מיט וואָס דער בוידעם איז געווען אָנגעזאָפּט. דאָס ווייסע פאַרהאַנגל מיט די געלע אַרבעסלעך, וואָס די באַלעבאָסטע האָט נאָרוואָס אויפגעהאַנגען, האָט געפלאַטערט. דער ווינט האָט עס געיאָגט, צעשפּרייט די איינגעפּרעסטע פעלבעלעך, און עס האָט אויסגעזען ווי אימעצער וואָלט געפאָכעט מיט אַ פעכער.

די פאַרנאַכטיקע צעגליטע זון האָט דאָס פאַרהאַנגל מיט רויטע פלאַמען געצונדן און דורך די געלע אַרבעסלעך גאָלדענע רענדלעך אין בוידעם־שטיבל געוואָרפן. אַן אַ שיעור רענדלעך האָבן זיך פון פענצטערל געשאָטן און אַרומגעטאַנצט אויפן דיל און איבער די געבויגענע, שוואַרצע בוידעם־ווענט.

איר איז אַזוי היימלעך געוואָרן פון די גאָלדענע רענדלעך, וואָס האָבן זיך מיט יעדן יאָג פון ווינט געדרייט, אַז זי האָט דערפילט צוזאַמען מיט זיי זיך אויך צעטאַנצן.

:: :: ::

מאַניע איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און אַראָפּגעקוקט. דער מאַן איז נאָך געווען אין גאָרטן. ער האָט דאָרטן געריסן יונגע מערעלעך פון ערטער, וואו זיי זיינען צו־געדיכט גע־

וואקסן. דערפאַר איז די אַנדערע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, געוואָרן גראַמער, וועלן זיי קאָנען אויסוואַקסן גרעסער. דערנאָך איז ער צוגעגאַנ־גען צו די ציבעלקעס און געטאָן דאָס זעלבע.

מאַניע איז לאַנג געשטאַנען ביים פענצטערל. עס האָט זיך איר ניט געגלוסט פון דאָרט אָוועקצוגיין. זי האָט אַליין ניט געוואוסט, פאַרוואָס עס ווילט זיך איר אַזוי שטאַרק שטיין ביי דעם פענצטערל און מיט דער גרעסטער אַנגעשטרענגטקייט אַראָפּקוקן.

מיטאַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איר זלמן האָט אַלעמאָל גע־רעדט מיט גרויס ליבשאַפט פון ערד־אַרבעט. ער האָט געטרוימט וועגן אַ יידישער טעריטאָריע, אַז יידן זאָלן האָבן אייגענע פעלדער און גערט־נער, זאָלן אַקערן און זייען מיט די אייגענע הענט. זלמן וואָלט אַוודאי, ווי דער פראַנצויז, אויך געאַרבעט מיט אַזויפיל וואַרעמקייט און ליבשאַפט צו יעדן געוויקס, אין זיינעם אַ גאָרטן, האָט זי געטראַכט און שווער אָפּגע־זיפצט.

אויף מאָרגן, אין דער זעלבער צייט, איז דער שכן ווידער אַרויסגע־קומען אין גאָרטן אַריין.

דער טאָג איז דעמאָלט געווען גאָר אַ וואַרעמער. מאַדאַם רישאַר האָט געעפנט אירע קיך־פענצטער. ער איז דורכגעגאַנגען דעם גאָרטן גיכער, ווי נעכטן. דאָס קעצל איז אים אַנטקעגנגעקומען. ער האָט דאָס אויפגע־הויבן, צוגעטוליעט צו זיך און גלעטנדיק עס מיט דער רעכטער האַנט, האָט ער אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין מאַדאַם רישאַרס אָפענעם פענצטער און היימיש אַ זאָג געטאָן:

— באָנזשור, מאַדאַם!

מאַניע האָט פון דעם אומגעריכטן קול זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי איז דערנאָך רויט געוואָרן, זיך פאַרשעמט, פאַרוואָס זי האָט זיך דערשראָקן.

די מאַדאַם רישאַר האָט אים פריילעך געענטפערט:

— באָנזשור מאָסיע! — דערנאָך האָט זי צו אים געזאָגט: — איך האָב אַ גאַסט, מאַדאַם מאַרי בראָן, אָנווייזנדיק אויף מאַניען, וואָס איז גע־שטאַנען הינטער איר. — מאָסיע זשאַק דיראָן — האָט די אַלטע זיי פאַר־געשטעלט איינע פאַר די אַנדערע.

— אַ שיינער טאָג היינט — האָט ער געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק דאָס קעצל פון די הענט, און האָט זיך ווידער גענומען צו זיין אַרבעט ביי די געוויקסן.

— אַ וואוילער מענטש, זייער אַ קלוגער, אָט דער מאָסיע דיראָן, — האָט די אַלטע געזאָגט צו מאַניען, ווען ער האָט זיך אָפּגערוקט.

— וואָס טוט ער וואָס ער איז אַזוי פרי אין דערהיים? — האָט מאַ־ניע געפרעגט.

— ער איז אַ באַן־אַרבעטער — האָט די אַלטע געענטפֿערט. — זיינע שעהן זיינען פֿון פֿינף פֿאַרטאָג ביז איינס נאָכמיטאָג. — האָט זי צוגעגעבן.

— וועד פֿון דאָרף ס'וויל וויסן נייעס, קומט צו אים. ער לייענט אַ סך ציַיטונגען, זשורנאַלן און ביכער. צו זיין וואָרט הערט מען זיך צו מיט ביידע אויערן. ער האָט פֿיינט צו פּלאַפּלען. די לעצטע צייט — האָט די אַלטע וויַיטער פֿאַרגעזעצט — איז ער דערשלאָגן. זיין ווייב איז שטאַרק קראַנק, זי האָט שווינדזוכט. אין דער מלחמה־צייט איז זי אין קאַלטע פֿאַרטאָגן געשטאַנען אין דער ריי צו קריגן שפּייז און אַנדערע נויטיקע פּראָדוקטן, האָט זי זיך פֿאַרקילט. די פֿאַרקילונג האָט זיך אַריינגעגעסן אין אירע לונגען און זי טריקנט, — האָט די אַלטע פֿאַרענדיקט מיט אַ זיפֿץ.

2

פֿאַר מאַניען הייבן זיך אָן שווערע טעג.

די עטלעכע הונדערט פֿראַנק, וואָס די שוועסטער פֿון פּאַריז האָט איר מיטגעגעבן, האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלאָזן. קיין אויסזיכטן עפּעס צו פֿאַרדינען אין דאָרף, האָט זי ניט געזען. יעדן טאָג האָט זי פֿאַרקלענערט אירע מאָלציַיטן און איז אַלעמאָל דאַרער געוואָרן.

די שוועסטער אירע האָט אויך געזאָלט קומען אין דעם דאָרף אַריין. זי איז פֿאַרבליבן אויסצובאַהאַלטן אַביסל וואָל פֿון איר שטריקער־וואַרשטאַט. עטלעכע פּעקלעך וואָל האָט זי באַוויזן אַריבערצושיקן צו מאַניען אין דאָרף אַריין.

צוזאַמען מיט די פּעקלעך וואָל האָט מאַניע געקראָגן בריוו, אַז דער געיעג פֿון די נאַציס אויף יידן ווערט אַלעמאָל שטאַרקער, מיט יעדן טאָג ווערט אומדערטרעגלעכער. צו מאַניען איז איינגיכן אָנגעקומען די ערשטע ביטערע ידיעה, אַז דעם שוואָגער מיטן זון האָבן די דייטשן געכאַפּט און ערגעץ אָפּגעטראַנספּאָרטירט. נאָך דעם האָט די שוועסטער ניט געהאַט דעם קוראַזש צו אַנטלויפֿן און ראַטעווען נאָר זיך אַליין. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען אויך זי פֿאַרשפּאַרט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

די איבערפֿאַלן אויף יידישע געשעפֿטן און יידישע הייזער זיינען געוואָרן אַלץ אָפֿטער. אויך מאַניעס עלטערן ברודער האָט נישט אויסגעמיטן דער דייטשער איבערפֿאַל. שוין גאַנץ שפּעט אין אָוונט איז מען אַריין צו אים אין הויז און אַרויסגענומען פֿינף מענטשן: דעם ברודער, די שוועגערין, זייערע צוויי קינדער און דער שוועגערנס אַן אַלטע מוטער.

נייע טעג

געבליבן איז נאָר איין ברודער אין פּאַריז. מאַניע האָט פון יעדן בריוו אויסגעפונען מער און מער שווידערס. זי האָט יעדעס מאָל געפילט, אַז עס רייסט זיך ביי איר אָפּ אַן אַנדערער אבר.

די מאַדאַם רישאַר האָט מיטגעפילט מאַניעס צער:

— זאָרג נישט מאַרי, זיי וועלן צוריק קומען. די מלחמה וועט איי־ביק נישט אָנהאַלטן — האָט די אַלטע מיט מאַמעשן געפיל צו איר גע־רעדט.

:: :: ::

די דייטשן האָבן שפּעטער אָקופּירט גאַנץ פראַנקרייך. די האַקן־קרייצן האָבן זיך באַוויזן אויך אין דאָרף מעזאַק. מאַניען איז באַפאַלן דער פּחד פון אומקום. דעמאָלט האָט די אַלטע פראַנצויזקע אַרויסגעוויזן נאָך מער נאָענטקייט צו מאַניען.

— האָב ניט קיין מורא — האָט די אַלטע מיט פעסטקייט געזאָגט, — איך וועל ניט לאָזן דיך אַרויסנעמען פון מיין הויז. דו וועסט בלייבן ביי מיר ביז מען וועט דעם שונא פאַריאָגן פון אונדזער לאַנד.

מאַניע איז געווען גערירט פון די טיף־מענטשלעכע רייד. זי האָט אַרומגענומען די אַלטע, זי געקושט און זיך ביטער צעוויינט.

צווישן מאַניען מיט דער מאַדאַם רישאַר איז געוואַקסן די נאָענטקייט. מאַניע האָט איר געגעבן איר „רעישאָן"־קאַרטל און די אַלטע האָט גע־טיילט מיט איר יעדן ביסן, סיי פון דעם וואָס זי האָט געקויפט, סיי פון דעם וואָס זי האָט זומער־צייט אַרויסגענומען פון איר קליינעם גערטנדל. זיי האָבן געלעבט ווי אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער.

— ווען איך האָב אַ מאַשין — האָט מאַניע איינמאָל געזאָגט דער מאַדאַם רישאַר — וואָלט איך פאַר אייך אויפגענייט אַ קלייד. איך האָב אַ גוט שטיקל סחורה, וואָס מיין שוועסטער האָט מיר אַמאָל צוגעשיקט.

— איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז דו ביזט אַ שניידערקע, — האָט מאַ־דאַם רישאַר מיט פאַרדרוס אויף זיך געזאָגט. — דו קאָנסט דאָך האָבן אַר־בעט פון די שכנים.

— יאָ, ווען איך האָב אַ מאַשין — האָט מאַניע אַרויסגעזיפצט.

— זאָרג ניט, טאָכטער — האָט די אַלטע מיט אַן אמתן מאַמעשן געפיל געזאָגט — איך וועל שוין זען, דו זאָלסט האָבן אַ מאַשין.

די מאַדאַם רישאַר איז אַוועק צו אַ שכנה, ביי וועמען ס'איז געשטאַ־נען אַ מאַשין, וואָס קיינער האָט ניט באַנוצט.

— ביי מיר וואוינט אַ פּאַריזער שניידערקע — האָט מאַדאַם רישאַר זיך אָנפאַרטרויט. — ווען דו ווילסט מיר באָרגן דיין מאַשין, וואָלט זי פאַר מיר אויפגענייט אַ קלייד.

בעלאַ גאָלדווירט

די שכנטע האָט ניט אָפּגעזאָגט. און נאָך דעם זעלבן טאָג איז די מאַ־שין געווען ביי דער מאַדאַם רישאַר אין הויז.

ביסלעכווייז האָבן אַ סך שכנים איר אָנגעהויבן געבן זאַכן צו נייען און איבערנייען. אָבער פון איר אַרבעט האָט זי נאָך אַלץ ניט געקאָנט פאַרדינען גענוג צו קאָנען עסן צו דער זאַט. זי האָט היפּשלעך אונטער־געהונגערט. פון אירע אייגענע האָט זי גאָרניט געהערט. מאַניעס נאָענט־סטער מענטש איז געווען די מאַדאַם רישאַר.

:: :: ::

מאָסיע דיראַן האָט געזען מאַניען נייען, איז ער איינמאָל אַריינ־געקומען און געפרעגט:

— איר וועט אפשר פאַר מיר אויפנייען אַ העמד?

— אויב איר וועט איינשטעלן די סחורה, וועל איך פּרובירן. קיין העמדער האָב איך נאָך קיינמאָל ניט גענייט, — האָט מאַניע אים געוואָרנט.

דיראַן האָט געבראַכט אַ שטיק טונקל־גרין לייוונט מיט אַן אַלט העמד אַלס מוסטער נאָכצומאַכן. שמייכלענדיק האָט ער מיט צוטרוי געזאָגט:

— איך בין זיכער, אַז דאָס שטיקל אַרבעט פאַר מיר וועט אייך געלינגען.

פון דעמאָלט אָן האָט מאָסיע דיראַן כמעט יעדן טאָג זיך מיט איר געטראָפן און געשמועסט וועגן דער מלחמה, וועגן פּאָליטיק, וועגן ליטע־ראַטור און אַלערליי וועלט־זאַכן. ביי דיראַנען זיינען די געשפּרעכן מיט מאַניען געוואָרן אַ געוואוינהייט. איר איז אויך געווען אינטערעסאַנט מיט אים צו רעדן.

יעדן טאָג האָט זי מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין קומען. ווען מאָסיע דיראַן האָט זיך אַרומגעדרייט אין גאָרטן, זיינען אירע בליקן נאָכ־געגאַנגען זיין יעדן טראָט. זי האָט באַזונדערס ליב געהאַט צו קוקן, ווי ער רייסט אַרויס די ווילדע גראָזן, ווי ער וואַכט איבער יעדן געוויקס. אין זיין געגנוואַרט גייען פון איר אַוועק אַלע שרעקן. זי ווערט זאָרגלאָז, דערפילט זיך זיכערער און שטאַרקער.

דיראַן האָט אַזויפיל ענלעכקייטן צו איר זלמנען, האָט זיך איר גע־דאַכט. אַמאָל האָט זי זיך געשעמט פאַר אירע געפילן צו דיראַנען. אין שלאָפלאָזע נעכט פלעגט זי איבערטראַכטן דיראַנס רייד צו איר. ס'איז פּונקט אַזוי געווען, ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט זלמנען, פלעגט זי זיך דערמאָנען. אויך זלמנס ווערטער האָבן זיך גאַנצע טעג און נעכט גע־

פלאָנטערט אין איר קאָפּ. אָט דער געדאַנק האָט דאָס בלוט געמאַכט אומ־רואיק שטראָמען אין אירע אָדערן און געצונדן מיט רויטקייט איר פּנים. אין אַזעלכע מאָמענטן איז זי געוואָרן בייז אויף זיך אַליין, בייז אויף אירע אייגענע געפילן, בייז אויף אירע געדאַנקען וועגן דעם פראַנצויז.

— אפשר איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אַזויפיל ענלעכקייטן צו זלמנען, וואָס איך בענק אַזוי שטאַרק נאָך מיין מאַן? דיראַן איז בלויז דער דערמאָנער, דער אויפוועקער פון מיינע געפילן צו זלמנען, — האָט זי פּרובירט אויסטייטשן דעם פּלאָנטער פון אירע געפילן.

אָפטמאָל פלעגט זי אין דער צייט פון אַזעלכע גראַנגלען פּרוּוון פאַרקערעווען אירע געדאַנקען נאָר אויף זלמנען: „וואו איז איצט מיין זלמן? לעבט ער נאָך? צי איז ער שוין אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלער־מערדער?" זי האָט אַרויפגעצוואונגען אויף זיך די טראַגישסטע פאָרשטעלונגען. אָבער נישט אַלעמאָל האָט זי געקאָנט לאַנג מיט זיי פאַר־בלייבן. עס האָבן זיך באַלד צו איר אַריינגעריסן דיראַנס צאַרטע ווער־טער. זיי האָבן, דאַכט זיך, קיין שום שייכות מיט איר פערזענלעך, דאָך גייען זיי איר נאָך און ווילן ניט אַרויס פון איר זינען. אָט האָט ער אַנומלטן צו איר געזאָגט:

— זאָרג ניט, מאַרי! דער שונא וועט האָבן זיין פאַרדינטן סוף. פראַנקרייך וועט זיין פריי. די וועלט וועט פּטור ווערן פון פאַשיזם. מען דאַרף ניט זיין פאַרצווייפלט. ס'לעבט און וויזט זיין גבורה דער סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די ווערטער זיינען מיט גרויס ליבשאַפט אַריינגעדרונגען אין איר האַרצן אַריין. דורך די ווערטער האָט זי דערפילט, אַז ער איז צו איר אַ גאָר נאָענטער און אייגענער מענטש.

3

— מאַרי, — האָט דיראַן איינמאָל געזאָגט צו מאַניען — מיין פרוי וויל זיך מיט אייך באַקענען. אַפילו קראַנקערהייט איז זי נאָך אַלץ אַן אנגענעמער מענטש. זיצן לעבן איר בעט איז ניט אומעטיק, זי מאַכט נאָך איצט אָפט אַנדערע צו לאַכן.

מאַניע האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען די איינלאַדונג. אַ בלייכע, מיט אַן אויסגעטריקנט פּנים, איז די קראַנקע מיט אַראָפּגעלאָזטע פיס גע־זעסן אויף איר בעט. זי האָט אויסגעשטרעקט צו מאַניען אַ דאַרע האַנט און מיט אַ ליבן שמייכל געזאָגט:

— מיין מאַן האָט מיך געמאַכט נייגעריק אייך צו קענען.

— און מיך האָט שוין לאַנג געצויגן אייך צו זען. איך האָב אָבער ניט געהאַט דעם מוט אַליין אַריינצוקומען. איך האָב געוואַרט, מאַסיע דיראַן זאָל מיך איינלאַדן.

— ווען איך זאָל דאָס וויסן, וואָלט איר שוין לאַנג געווען מיין גאַסט.

די ברוינע אויגן ביי דער קראַנקער האָבן אויפגעלויכטן מיט צו־פרידנהייט, בשעת זי האָט דאָס געזאָגט. דער קראַנקערס פּנים איז גע־וואָרן פריילעכער. זי האָט איבערגעזעצט אַ האָר־נאָדל אין אירע צעפּ, וואָס זיינען געווען פאַרליגט אין אַ בייגל אויפן סאַמע שפּיץ־קאָפּ.

איידער מאַניע האָט זיך אומגעקוקט איז מאַסיע דיראַן אַריינגעקומען מיט אַ קוישעלע פרישע „פּעש" (פּיטשעס), וואָס האָבן געהאַט ראָזעווע בעקעלעך. ער האָט זיי באַרוואַס אַנגעריסן אין זיין גאָרטן.

בשעת דעם שמועס איז אויסגעקומען צו ריידן וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. האָט מאַסיע דיראַן געבראַכט אַן אונטערערדישע צייטונג און פון דאָרט אַרויסגעלייענט עטלעכע פּאַראַגראַפן פון סטאַלינס אַ נייער רע־דע. דערנאָך האָט ער אויף זיין אופן אויסגעטייטשט די ווערטער. מאַניע האָט זיך דערפילט נאָכמער נאָענט און אייגן צו זיי. זי האָט זיך קיינמאָל פריער ניט פאַרגעשטעלט, אַז זי זאָל קאָנען האָבן אַזאַ גוטן געפיל צו ניט־יידן, ווערן מיט זיי אַזוי פריינטלעך און היימיש.

:: :: ::

מאַדאַם דיראַן איז אַלץ דאַרער און שוואַכער געוואָרן. מאַניע איז יעדן טאָג צו איר אַריינגעקומען, געהאָלפן דער קראַנקער מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. דערפאַר האָבן מאַדאַם און מאַסיע דיראַן אויסגעפירט, אַז דעם הויפּט־מאָלצייט זאָל מאַניע עסן מיט זיי צוזאַמען. מאַדאַם דיראַן האָט איר אַפילו פאָרגעשלאָגן זיך אַריבערקלייבן צו זיי וואוינען און פאַר־בלייבן דאָרטן אַזוי לאַנג ווי עס וועט פאַר איר זיין נויטיק. מאַניע האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרלאָזן די אַלטע מאַדאַם רישאַר און געבליבן אין איר בוידעם־שטיבל.

מאַדאַם דיראַן איז אָבער אינגיכן געוואָרן אַזוי קראַנק, אַז מען האָט זי געמוזט אַוועקנעמען אין אַ סאַנאַטאָריום. מאַניע האָט דעמאָלט אי־בערגענומען דיראַנס גאַנצע באַלעבאַטישקייט. זי האָט אַלץ אָפּגעהיט ווי־עס וואָלט געווען איר אייגנס.

אין די פריע ווינטערדיקע אָוונטן האָט מאַסיע דיראַן ליב געהאַט אין זיין גרויסן עס־צימער זיך אַוועקזעצן אויף אַ ווייכער שטול לעבן ברענענדיקן אויוון און דורכקוקן צייטונגען, ד ו ר כ ב ל ע ט ע ר ן פאַרשיידענע זשורנאַלן און ביכער. טיטי, דאָס קעצל זיינס, האָט שוין

אויף אים געוואַרט. ווי ער האָט זיך נאָר אַוועקגעזעצט, איז טיטי באַלד געווען לעבן אים. זי איז פון ערגעץ אויסגעוואַקסן. אָפּטמאָל האָט זי וואַרטנדיק געדרימלט לעבן אויוון, און ווי נאָר זי האָט דערפילט, אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אַרויפגעקלעטערט אויף זיינע קני און ווידער איינגעדרימלט אונטער זיין וואַרעמער גלעטנדיקער האַנט.

די גוטע נייעס פון די מלחמה־פראָנטן, אַז היטלער ווערט געטריבן פון אַלע זייטן, האָט דיראַן ליב געהאַט מיט אימעצן צו טיילן. האָט ער אָפּטמאָל אַריינגערופן מאַניען, געבעטן זי זאָל מאַכן טיי, און ער האָט פאַר איר פאָרגעלייענט פאַרשיידענע נייעס און אַרטיקלען. זי האָט מיט גרויס אינטערעס געהערט זיין לייענען. אויב עפּעס איז איר ניט געווען קלאָר, האָט זי זיך ניט געשעמט אים פרעגן. זי האָט ליב געהאַט הערן זיינע אויסטייטשונגען, זיינע קלאָרע ענטפערס.

נאָך אין פאַריז, אין אָנהייב פון דער מלחמה, האָט מאַניע זיך אָנגעהויבן אָריענטירן אויף אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו. די פאַריזער שוועסטער האָט זי אַריינגעפירט אין אַ נייער סביבה. די שוועסטער האָט זי מיטגענומען אויף רעפעראַטן און לעקציעס. און אין דאָרף מעזאַק האָט זי אַ דאַנק דיראַנס שמועסן און דערקלערונגען, אָנגעהויבן באַנעמען די וועלט־געשעענישן אַנדערש ווי זי האָט זיי געזען און באַנומען פריער. מאָסיע דיראַן האָט פאַר איר ניט געקאַרגט קיין צייט. ער האָט איר געגעבן אַ סך פון זיין וויסן. ער איז געוואָרן אויך איר לערער.

נאָך אָוונטן פון לאַנגע שמועסן איז מאַניען געווען שווער איינצושלאָפן אויפן בעט אין איר בוידעם־שטיבל. פאַרשיידענע געדאַנקען, פאַרשיידענע דעראינערונגען האָבן זיך איר געפּלאָנטערט און ניט געגעבן קיין רו. מערסטנטייל האָט זלמן אויפגעוואַכט אין איר געדאַנק.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זלמן פלעגט אויך פאַר איר פאָרלייענען. אָבער ניט קיין פּאָליטישע אַרטיקלען האָט ער פאַר איר געלייענט, נאָר פּאָעזיע און ליבע־געשיכטעס. אין איר האָבן זיך דעמאָלט מיט דער שטאַרקסטער קראַפט אויפגעוועקט די ערשטע ליבע־געפילן צו אים. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי פלעגט זיצן צוזאַמען מיט צעשען און בראָניען, זלמנס פריערדיקע געליבטע, אויף די פאַרזאַמלונגען, ווען ער האָט געהאַלטן זיינע רעפעראַטן.

די גאַנצע צוועלף יאָר זינט איר חתונה ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז זי אייגנטלעך געווען גאָר ווייניק צוזאַמען מיט זלמנען. צוליב זיין פּאַרטיי־טעטיקייט איז ער מער געווען אין אַנדערע שטעט,

איידער מיט איר. קיין עול פון פּרנסה פאַר איר האָט ער אויך ניט געהאַט. זי האָט אַלע יאָרן געאַרבעט אַלס שניידערקע און פאַרדינט גענוג פאַר זיך צו לעבן. ווען זיי זיינען אָבער געווען צוזאַמען, איז צו איר גליק גאָר קיין גלייכן ניט געווען. וויפיל מען פלעגט איר ניט דערציילן, אַז ער האָט אַנדערע געליבטע, איז דערפון ביי איר די ליבע צו אים ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין וואַרשע האָט ער אויך נאָך דער חתונה געהאַט געליבטע. דאָס איז פאַר איר ניט געווען קיין סוד.

זי האָט אויך געוואוסט, אַז מיט קיין איינער פון זיינע געליבטע האָט ער קיינמאָל פולשטענדיק ניט איבערגעריסן, זיי קיינמאָל פון זיך פול־שטענדיק ניט אָפּגעשטויסן. ער האָט אַלעמאָל מיט זיי אָנגעהאַלטן גע־וויסע פאַרבינדונגען. פון צייט־צו־צייט יעדערער געשאָנקען אַביסעלע ליבע, צוגעוואָרפן אַביסל אויפמערקזאַמקייט. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז דערמיט פילט ער אויס זייערע ליבע־פאַרלאַנגען, מאַכט זיי גליקלעך, טוט זיי אַ גרויסע טובה.

מיטאַמאָל האָט זי זיך האַסטיק איבערגעדרייט אויף איר געלעגער, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער אַנדערער זייט. זי האָט געביסן די ליפּן פון פאַרדראָס, וואָס דאָס אַלץ דערמאָנט זיך איר גראָד איצט, ווען זי ווייסט אַפילו ניט, צי ער לעבט.

— ער איז שוין געוויס טויט — האָט אַ געדאַנק דורכגעשניטן איר מוח. זי האָט זיך ווידער איבערגעדרייט אויפן געלעגער און אין האַרצן זיך אַליין געשאָלטן. ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי האָט גלייכגיל־טיק אויפגענומען דעם געדאַנק פון זיין טויט. זי האָט דאָך אים פאַרט ליב. זי האָט דאָך אַלעמאָל געוואוסט פון זיינע אַלע געליבטע, פון פאַר און נאָך דער חתונה, און ס'איז איר אַפילו ניט איינגעפאַלן זיך שיידן פון אים. קיין שום אַנדער מאַן האָט ביי איר ניט געקאָנט פאַרנעמען זיין אָרט.

איצט דאַכט זיך איר, אַז מאָסיע דיראָן רייסט זיך אַריין אין איר האַרץ. זי שרעקט זיך, זי האָט מורא פאַר אירע געפילן צו אַן אַנדערן מאַן, צו אַ נייער דערוואַכטער ליבע. זי האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן פון דעם וואָס קומט פאָר אין איר. זי האָט זיך איינגענורעט, געוואָלט אין אַלעמען פאַר־געסן און איבערלאָזן בלויז איין געדאַנק, אַריינציען אין זיך דעם אָטעם פון איין מענטש: זלמן.

— ווי אַזוי קאָן דאָס גאָר מעגלעך זיין, אַז איך זאָל זיך דערנעענ־טערן צו אַן אַנדערן? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט. — קאָן מען דען זיין פאַרליבט אין צוויי מענטשן? ניין, אמתדיק ליבן קאָן מען בלויז איי־נעם. איך האָב ליב זלמנען און וועל אים ליבן ביז מיין לעצטן אָטעם. —

האָט זי צו זיך אַליין אין דער נאַכט אויסגעשריגן, וועלנדיק מיט דעם געשריי פאַריאָגן אַלע אירע געדאַנקען און געפילן צו מאָסיע דיראַן.

— אָבער פאַרוואָס פאַרפאָלגט מיך דער נאָכגעפיל פון יענעם נאָכמיטאָג ?

זי האָט אַראָפּגענומען די קאָלדרע פון קאָפּ, פריי אָפּגעאָטעמט, געעפנט די אויגן, געקוקט אין דער פינצטערניש פון איר שטיבל און ווייטער געוויקלט קנוילן פון געדאַנק און געפיל.

דיראַן איז דעמאָלט אַריינגעקומען, זיך אַוועקגעשטעלט הינטער אירע פּלייצעס, ווען זי האָט געפרעסט, און פּלוצלינג זי אַ קוש געגעבן. פון אומגעריכטקייט האָט זי זיך געגעבן אַ צאַפּל. ער האָט דערנאָך אַריינגענומען איר קאָפּ אין זיינע הענט און אויסגעקושט איר פּנים. קוים וואָס זי האָט זיך דעמאָלט אָפּגעריסן פון אים.

— פאַרוואָס האָב איך אים ניט אַוועקגעשליידערט פון זיך, אים ניט אָנגעזיידלט ? — האָט זי זיך פאַרגעוואָרפן. — איך האָב בלויז אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ווייטער געפירט דאָס אייזן איבערן העמד, — האָט זי מיט פאַרדראָס גערעדט צו זיך אַליין. דאָס פּנים האָט דעמאָלט ביי איר אויפגעפלאַמט, געדענקט זי, פון פאַרשעמטקייט, צי פון זיינע קושן. זי האָט זיך גאָרניט געקאָנט באַרואיקן.

— אָבער פאַרוואָס טרעט יענער נאָכמיטאָג ניט אָפּ פון מיר ? פאַרוואָס וויל ער ניט אַרויס פון מיין געדאַנק ? פאַרוואָס קאָן איך ניט פאַרגעסן, ווי דיראַנס פּנים האָט געשטראַלט מיט אַ גליקלעכן שמייכל ? וואָס דאַרף מיר אָנגיין ווי אַזוי ער האָט דעמאָלט אויסגעזען, וואָס ער האָט געהאָט אינזינען ? און פאַרוואָס ווען איך דערמאָן זיך אין דעם אַלעמען, קלאַפּט אַזוי שטאַרק מיין האַרץ ?

זי האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף דער ברוסט. יאָ, עס קלאַפּט זייער שטאַרק !

ס'האָט אויך ניט געקאָנט אַרויס פון איר זינען, וואָס זי האָט אים געזאָגט :

— מאָסיע דיראַן, קושט מיך ניט מער ! איך האָב ליב מיין מאַן. איך האָף, אַז ער לעבט. איך וויל ניט פאַרשוועכן מיין ליבע צו אים.

זי האָט אין דער שטיל, אויף איר געלעגער, טיף אָפּגעזיפצט.

ווען דיראַן איז ווידער איינמאָל צו איר צוגעגאַנגען און זי געוואָלט אַ קוש טאָן, האָט זי מיט אַזאַ אימפּעט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, אַז ער האָט זיך אָפּגערוקט, ווי ער וואָלט זיך פאַר איר דערשראָקן. ער האָט דערפילט איר שטאַרקן פּראָטעסט. איר פּנים איז געווען ערנסט, די ליפּן עטוואָס אויסגעקרימט און פאַרביסן.

בעלא גאלדווירט

— איך וויל בלייבן ערלעך צו זיך אַליין — האָט מאַניע מיט אַנט־שלאָסנקייט געטראַכט. — אפשר וועט ער בלייבן לעבן, וויל איך נישט זיין די סיבה פון זיין אַנטוישונג. דיראַן האָט רואיק, קוים באַמערקבאַר, געגלעט איר האַנט וואָס זי האָט געהאַלטן אויפן טיש און שטיל אַרויסגע־שעפּטשעט:

— איך האָב דיך ליב, מאַרי.

עפּעס האָט אין איר אַ ציטער געטאָן, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן פאַר די ווערטער. אויף אַ רגע זיינען ביידע געבליבן, ווי אין גליווער. ער האָט אָפּגעלאָזט איר האַנט, אַרויסגענומען אַ טיכל פון קעשענע און אויסגעווישט די אויגן.

זי האָט געוואוסט, אַז דיראַנס ווערטער האָבן אַרויסגעשטראָמט פון אַן איבערגעפילט האַרץ. זי האָט אַ סך מאָל אַזוי געפילט צו זלמנען. אויף זלמנס פנים האָט זי אָבער קיינמאָל אַזאַ אויסדרוק ניט געזען, און פון אים קיינמאָל אַזעלכע ווערטער ניט געהערט. — אפשר האָט מיך זלמן מער ניט ליב. אפשר האָט ער גאָר קיינמאָל מיך ניט ליב געהאַט? — האָט איר אָנגעהויבן מאַטערן אַ געדאַנק.

— אייער פרוי לעבט דאָך, האָט איר זי מער ניט ליב? — האָט מאַ־ניע איינמאָל געפרעגט דיראַנען.

— יאָ, איך האָב זי ליב. אַ וואוילער מענטש. אָבער מיין ליבע צו דיר איז אַנדערש, אויך טיפער און שטאַרקער.

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר די ווערטער האָבן זיך פאַר־האַלטן. ביידע האָבן מיטאַמאָל טיף אָפּגעאָטעמט, ווי ביידע הערצער וואָלטן זיך פלוצלינג צוזאַמענגעשטויסן.

מאַניע האָט די ערשטע זיך אויפגעהויבן. זי האָט געזאָגט: אַ גוטע נאַכט! און איז אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין בוידעם־שטיבל.

:: :: ::

מאַניען איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז אויך איר צוייטן ברודער האָבן די נאַציס ערגעץ פאַרשלעפּט. זי איז נאָכדעם גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען מיט פאַרוויינטע אויגן. דאָס מויל האָט זיך ביי איר ניט געעפנט, ניט צום רעדן, ניט צום עסן. מאָסיע דיראַן האָט געזען ווי זי ליידט, האָט ער זי געפּרואווט טרייסטן:

— דו נעמסט דעם ברודערס עוואַקואַציע צו ערנסט. מען נעמט דאָך זיי בלויז אויף אַרבעט? זיי וועלן צוריקקומען. וואָס איז דאָס גע־וויין?

— אויף אַרבעט וואָלט מען דאָך ניט גענומען קיין קליינע קינדער

מיט קיין זקנים, — האָט מאַניע מיט פאַרצווייפלונג געזאָגט. — מענטשן איז שווער צו פאַרשטיין, באַנעמען מיטן שכל יענעמס פּיין, — האָט זי פאַרגעזעצט.

דיראַן איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול:

— אויך מיין זון איז שוין צוויי יאָר פאַרשיקט פאַר קעמפן קעגן נאַציזם, — האָט ער אויסגערופן מיט פאַרדרוס.

מאַניע איז געוואָרן אַן אויפגעציטערטע, סיי פון זיין אויפרעגונג, סיי פון די נייעס. זי האָט געוואוסט, אַז דיראַן האָט אַ זון. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז אַרעסטירט; זי האָט אָבער ניט געוואוסט זיין זינד. די דיראַנס האָבן אין איר געגנוואַרט קיינמאָל דערפון ניט גערעדט. נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט זי געזאָגט:

— אָבער דער שונא האָט זיך ניט פאַרנומען אויסצוראָטן אייער גאַנץ פאָלק, ווי ער וויל דאָס מיט אונדז יידן, — האָט זי געזאָגט מיט אַן אַנגעווייטיקטן, אָבער שוין ווייכן טאָן, צו באַרעכטיקן איר פאַרצווייפלונג.

יענעם אויפדערנאַכט האָט מאַניע שוין מער וועגן קיין שום זאַך ניט גערעדט מיט דיראַנען.ביידע זיינען געבליבן נאָך דעם קורצן געשפּרעך, ווי זיי וואָלטן זיך וועגן עפּעס ניט פאַרשטאַנען און געהאַט אַ טענה איינער צום אַנדערן.

:: :: ::

דער לאַנג-געגאַרטער „צווייטער פראָנט" האָט זיך ענדלעך געעפנט נאָך דער דייטשער מפּלה ביי סטאַלינגראַד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אָפּ-רייניקן די פראַנצויזישע ערד פון דער נאַצישער פּעסט. אויך דאָס דאָרף מעזאָק איז געוואָרן אויפגערודערט. אין יעדערן האָט אויפגעציטערט די פרייד פון באַפרייאונג. איינער איז געלאָפן צום אַנדערן זיך טיילן מיט די פריידיקע איבערלעבונגען. מען האָט זיך געשושקעט, געסודעט זיך, שפּעקולירט, ווי עס האַלט אויפן פראָנט, פּרובירט טרעפן ווי לאַנג עס וועט נעמען ביז מען וועט די נאַציס אינגאַנצן פאַריאָגן, אָפּרייניקן דאָס גאַנצע לאַנד פון די פאַרשקלאָפער.

פּאַריז איז באַפרייט געוואָרן.

מאַניען האָט געצויגן קיין פּאַריז. זי וויל זען, ווי די שטאָט קוקט אויס, אויסגעפינען וואָס איז געוואָרן מיט די יידן, ווער עס איז געבליבן לעבן, וואָס איז מיט אירע אייגענע.

די פאַרבליבענע יידן פון פּאַריז האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען פון זייערע באַהעלטענישן. יעדערער האָט זיך געפילט עלנט, פאַריתומט; יע-דערן האָט געפעלט אימעצער, אַ נאָענטער, אַן אייגענער מענטש. מען איז

בעלא גאָלדווירט

אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ קאָשמאַר, פאַרבענקט און פאַרזאָרגט, נישט־וויסנדיק אויף וועלכער וועלט מען איז. מען איז געווען פאַרנומען מיט זוכן, מיט נאָכפרעגן זיך אויף די אייגענע, וואָס דער דייטש האָט פאַר־שלעפּט. אַנדערע זיינען געווען פאַרנומען מיט זוכן אַ ווינקל, אַ דאַך אי־בערן קאָפּ, אָפּצונעמען די אייגענע דירה, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן דורך פראַנצויזן.

אַז באַקאַנטע האָבן זיך געטראָפן, איז געווען איין פראַגע:

— ווער פעלט פון דיינע?

עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן איינציקע פון די דעפּאָרטירטע. מיט יעדן צוריקגעקומענעם איז געוואָרן אַ רעש, אַ פרייד. די האָפענונג האָט זיך אַ הויב געטאָן ביי די אַנדערע:

— אפשר וועלן מיינע נאָך אויך צוריקקומען?

מאַניע איז אויך געווען פון די אויסקוקער, פון די וואָס האָבן גע־גאַרט צו זען זייערע אייגענע.

אָן אויסגעפּייניקטער, אַ קראַנקער, האָט זיך מאַניעס יינגערער ברו־דער קוים געבראַכט צושלעפּן פון די וועלדער, וואו ער איז געווען מיט די פּאַרטיזאַנען.

פון די אַנדערע האָט מען גאַרניט געוואוסט. יעדער שפּור פון זייער לעבן איז פאַרשוואונדן. עס האָט ביי איר אָנגעהויבן פאַרגיין די האָפע־נונג אויף זייער צוריקקומען.

מאַניע האָט זיך צוריק אומגעקערט אין דאָרף אַריין. דער אומעט האָט זי געטריבן, זי האָט זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט אין פּאַריז.

דער מאַדאַם דיראַנס געזונט האָט זיך פאַרערגערט. זי האָט געפילט, אַז לאַנג וועט זי שוין ניט לעבן. האָט זי זיך אָנגעהויבן בעטן ביי איר מאַן, אַז ער זאָל זי אַהיימנעמען.

— איך וויל שטאַרבן אויף מיין בעט — האָט זי געהאַלטן אין איין זאָגן צו אים.

— ווי גיך איך וועל נאָר קריגן פאַר דיר אַ מענטשן, וועל איך דיך אַהיימנעמען, האָט ער איר צוגעזאָגט. אָבער צו קריגן ווער עס זאָל אַכ־טונג געבן אויף אַזאַ קראַנקער איז דעמאָלט געווען זייער שווער. מאַניע האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי צו אים געזאָגט:

— ברענגט אַהיים אייער פרוי. אַ קראַנקן דאַרף מען צוליב טאָן. אַזוי לאַנג ווי איך וועל זיין אין דאָרף, וועל איך אויף איר אַכטונג געבן.

— איך האָב מורא, אַז עס וועט אויף אייך פאַלן צו שווער, — האָט ער זיך געבערעקלט. אָבער מאַניע האָט ניט אָפּגעלאָזט. מען האָט זי גע־

בראַכט אַ היים. מאַניע איז ניט אָפּגעטראָטן פון איר בעט, געוואַכט אי־בער דער מאַדאַם דיראַן, ווי אַ געטרייע איבערגעגעבענע שוועסטער.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי אויסגעגאַנגען אויף מאַניעס הענט.

4

די רויטע אַרמיי האָט אַריינגעמאַרשירט אין דער דייטשער הויפּט־שטאָט. בשעת דער טיפער פרייד, האָט מאַניע געזען דיראַנען, ווי אַן אַרויסהעלפער צום זיג.

— נאָר דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט זיין מעכטיקער רויטער אַרמיי וועט ראַטעווען די וועלט פון פאַשיזם! — אַט־די ווערטער דיראַנס זיינען אויפגעגאַנגען אין איר זכרון, ווי אַ נביאישע פאַראויסזאָגונג.

אין די טעג פון היטלערס גסיסה, ווען ער מיט זיינע אַרמייען האָבן זיך געראַנגלט מיטן טויט, האָט ביי מאַניען זיך באַנייט די האָפענונג צו קריגן אַ ידיעה פון איר מאַן, צו הערן, אַז ער לעבט.

פון מאַניעס קרובים, וואָס די נאַציס האָבן דעפּאָרטירט, איז בלויז דעם איינעם ברודער געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון די נאַצישע נעגל.

מאַניע האָט זיך מער ניט געאיילט צוריקצופאָרן. זי איז געב־בליבן וואוינען ביי דער מאַדאַם רישאַר און ווייטער געפירט די באַלע־באַטישקייט ביי מאַסיע דיראַן.

איינמאָל איז מאַניע מיט אַ צעשטראַלט פּנים אַנטקעגנגעקומען דיראַ־נען:

— געפינט עמיצן, וואָס זאָל פאַר אייך פירן די באַלעבאַטישקייט, איך וועל אייך אין גיכן פאַרלאָזן.

דיראַנס פּנים איז אומעטיק געוואָרן. ער האָט לאַנג אויף איר גע־קוקט. ס'איז פאַר אים געווען קלאָר איר פרייד, דאָך האָט ער זי גע־פרעגט:

— וואָס איז געשען?

— מיין מאַן לעבט, — האָט זי באַרוישט פון פרייד אַרויסגעזאָגט. זי האָט דערביי צונויפגעדריקט אירע הענט, ווי זי וואָלט זיך אַליין אָפּ־געגעבן אַ האַרציקן שלום־עליכם.

— וואו איז ער איצט? — האָט דיראַן שטיל געפרעגט.

— אין אַמעריקע. ווען היטלער איז באַפאַלן פוילן, איז ער געלאָפן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד. פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין כינע. און שפּע־טער איז אים געלונגען צו פאָרן קיין אַמעריקע, — האָט זי אים דערציילט.

נאָך אַ לענגערן שווייגן, האָט דיראַן פאַמעלעך און שווער געזאָגט:

— ווי אַלט אַ מענטש זאָל ניט זיין, פאַלן אים אַמאָל איין קינדערישע נאַרישע געדאַנקען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איר וועט קיינמאָל פון דאַנען ניט אַוועקפאָרן.

ער האָט דאָס געזאָגט, אי מיט אַ פאָרוואורף, אי מיט אַ מיטגעפיל צו זיך אַליין.

ביים געזעגענען, האָט זי צו אים געזאָגט:

— פאַרגעסט, אַז איר האָט ווען עס איז באַגעגנט אַ מאַרי. האָט חתונה, אַליין איז צו אומעטיק דאָס לעבן.

דריקנדיק די האַנט, האָט ער געזאָגט:

— חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער? דאָס גלויב איך ניט. אפשר, ווער ווייסט, וואָס ס'קאָן זיך נאָך מאַכן? מיין טיר וועט שטענדיק זיין אָפן פאַר אייך.

מיטאַמאָל האָט ער איבערגעהאַקט די רייד, ווי זיי וואָלטן אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. זיינע לעצטע ווערטער האָבן מאַניען נאָכגעפאָלגט דעם גאַנצן וועג.

5

די שיף וויגט זיך און שניידט דעם ים. די טעג זיינען ליכטיקע. די הימלען לויטערע.

מאַניע פרואווט זיך פאָרשטעלן דאָס לעבן אין דעם נייעם לאַנד, וואוהין זי פאָרט, די נייע היים, וואָס זי דאַרף בויען. אָבער די פאָרשטעלונגען פאַרשווינדן שנעל, ווי דער שוים פון די ריזיקע ים־כוואַליעס. די פאַרגאַנגענע, שווערע יאָרן ווילן זיך ניט אָפּרייסן פון איר. זיי שטופּן זיך אויבן־אָן. זי קאָן זיך מיט זיי ניט שיידן. זיי שווימען איר נאָך.

זיצנדיק אויפן דעק פון דער שיף האָבן זיך ווידער אין איר געדאַנק צעוויקלט אַלע יאָרן מיט זלמנען. גרעסערע און קלענערע געשעענישן, גוטע און שלעכטע מאָמענטן און אינצידענטן, האָבן זיך אויפגערודערט אין איר זכרון. ווי כוואַליעס האָבן זיי כסדר אַרויפגעשלאָגן אין איר מוח, אויף אַ ווײַלע פאַרשוואונדן, און באַלד ווידער מיט שטורעם אויפגעברויזט.

זי האָט געזען פאַר די אויגן צעשען, בראָניען, און נאָך אַנדערע, וואָס האָבן פאַרשפּילט זייער יוגנט, רואינירט זייער לעבן צוליב זייער שטאַרקער ליבע צו זלמנען. עס האָט איר אָנגעכאַפּט אַ רחמנות צו זיי.

אין דער זעלבער צייט האָט זי דורכגעלעבט אַ מין סופּעריאָריטעט־געפיל, זי איז דאָך געווען די אויסדערוויילטע, די איינציקע גליקלעכע צו ווערן זלמנס פרוי.

זלמן האָט שטאַרק אויסגענומען ביי פּרויען. אמת, ער איז הויך, ברייט־ביייניק, מענעריש אַנטוויקלט, מיט שיינע אויגן, אַ שיינעם קאָפּ האָר און אַ חנעוודיק פּנים. אָבער דאָס איז זיכער ניט די סיבה פון אַריינציען אַזויפיל פּרויען אין זיין ליבע־נעץ. ער האָט אַ ספּעציעלן געלונגענעם צוטריט צו אַ פּרוי. אַזוי האָט מאַניע געטראַכט, געפּרואוווט פאַרשטיין דעם סוד פון זיין גרויסן דערפאָלג אויף דעם געביט.

— איצט איז שוין זלמן באַלד פופציק יאָר אַלט, — האָט זי ביי זיך אין געדאַנק אויסגערעכנט זיינע יאָרן. ער איז זיכער אַנדערש געוואָרן, ערנסטער.

זי קוקט אויפן ים אין דער ווייטקייט פון האָריזאָנט און טראַכט, אַז ער האָט זיך געביטן צום גוטן, אויך אין דעם היינזיכט.

זי האָט אַרויסגענומען אַ שפּיגעלע פון איר טאַש, זיך אָנגעשפּיגלט. זי האָט געוואָלט זען, צי זי האָט אין משך פון די פאַרגאַנגענע זעקס שווערע יאָרן זיך ניט פאַרענדערט, פאַרלוירן איר שיינקייט, איר פרויען־רייץ. „קיין גרויע האָר וועט ער ביי מיר ניט דאַרפן זוכן”, האָט זי אַ קלער געטאָן.

6

גלייך פון שיף האָט זלמן אָפּגעפירט מאַניען אין צוגעגרייטע דריי מעבלירטע צימערן. דורכגעפראַרן פון אַ סוף־נאָוועמבערדיקער פראָסטיקער ים־לופט, האָט אין דער נייער היים אויף איר אַ שלאָג געטאָן אַ ליבע וואַרעמקייט. זי האָט באַטראַכט אַלע פיינע זאַכן פון הויז, אויך די צוויי טשיקאַווע בילדער אויף דער וואַנט אין אויפנאַם־צימער.

נאָך אַ קורצן אָפּרו האָט זי זלמנען געפרעגט:

— ווער וואוינט דאָ?

— וואָס הייסט? מיר וואוינען דאָ! דאָס איז אונדזער היים, מלכהלע, — האָט ער מיט אַ גליקלעכן שמייכל, אויסגעמישט מיט שטאָלץ, איר געזאָגט. ער האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צו איר, זי צאַרט אַרומגענומען און זיך מיט איר וואַרעם צעקושט.

— דו ווייסט, מלכהלע, — האָט ער זי צערטלעך גערופן — מיר דוכט, אַז דו ביזט דורך די יאָרן נאָך שענער געוואָרן, — האָט ער איר געגעבן אַ קאָמפּלימענט.

— ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? מיינע גרויע האָר גיבן מיר דען צו שיינקייט?

— יאָ, מיר דוכט, אַז זיי פּאַסן זייער צו דיין איידל פּנים, מאַכן נאָך

אַריסטאָקראַטישער דיין אויסזען, — האָט ער ליבלעך געשמייכלט צו איר, און געזוכט אין אירע אויגן די פרייד פון זיינע קאָמפּלימענטן.

זי האָט פאַרוואָרפן די הענט אַרום זיין האַלדז און מיט אומבאַגרע־נעצטער ליבשאַפט געקוקט אין זיינע שוואַרצע, נאָך אַלץ פינקלדיקע אויגן אַריין.

עס זיינען אַוועק אַ צאָל וואָכן פון נייע און באַנייטע געפילן, געדאַנ־קען און איבערלעבונגען. נאָר איינגיכן האָט זי אָנגעהויבן הערן די פאָלגנדיקע ווערטער:

— היינט מלכהלע האָב איך אַ יוניאָן־מיטינג, איך וועל אַהיימקומען שפּעט. מאָרגן האָב איך אַ זיצונג פון דער פּאַרטיי . . .

עטלעכע מאָל אַ וואָך איז זלמן שפּעט אַהיימגעקומען. מאַניען איז אַ צייט גאָר ניט איינגעפאַלן צו צווייפלען, אַז זלמן איז טאַקע פאַרנומען מיט אַ סך געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז אַלעמאָל געווען אַ פּאַרטיי־מענטש. ס'האָט אָבער נישט גענומען איר לאַנג זיך צו דערוויסן, אַז ניט אַלעמאָל איז זלמן אויף די ערטער, וואָס ער זאָגט איר.

אין אַמעריקע האָט זלמן זיך אויסגעלערנט שלייפן דימענטן. דורך די מלחמה־יאָרן האָט ער זייער גוט פאַרדינט ביי דעם פאַך. ער האָט מיט שטאָלץ יעדעס מאָל אָפּגעגעבן מאַניען דאָס קאָנווערטל מיט זיינע היפּשע לוין־פאַרדינסטן.

מאַניע איז איינמאָל געקומען אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואו איר מאַן האָט געדאַרפט האַלטן אַ וויכטיקע רעדע. זי איז געוואָרן אַנטוישט. זי וואָלט געשוואוירן, אַז ער האָט אָפּגעזוכט זיינע אַן אַמאָליקע רעדע. ער האָט וואו־ניט־וואו געביטן אַן אויסדרוק, האָט זיך איר געדוכט. זיינע ווערטער האָבן געזשומעט אין אירע אויערן, ווי אַ ליידיקער סיפאָן פון סאָדע־וואַ־סער.

דער אינהאַלט פון זיין רעדע האָט ביי איר געלאָזט אַ נאָך־טעם, ווי פון אויסגעוועבטן ביר אָדער פון אַ פאַרלעגענער, פאַרזויערטער, אונטער־פוילנדיקער פרוכט. ער האָט אַפילו גענוצט די זעלבע מאַניערן און גענג, וואָס מיט אַ סך יאָרן צוריק. אַנדערש איז בלויז געווען זיין טאָן. אַמאָל האָט זיין קול געקלונגען ווי אַ גלאָק. איצט איז דער קול געווען ווי פאַר־דומפּן, פאַרשטיקט, הייזעריקלעך.

— די צייט איז דאָך היינט גאָר אַן אַנדערע, האָט זלמן, הייסט עס, גאָר ניט געלערנט? — האָט מאַניע פאַרוואונדערט געטראַכט. — ער לעבט נאָך מיטן אַמאָל, ער קוויקט זיך מיט דער פאַרגאַנגענהייט, ער וויל ניט אָפּטרעטן פון דעם פינצטערן נעכטן, כאָטש עס רייסט זיך שוין אין פלאַמען אַ ליכטיקער באַגינען.

מאַניע זעצט פאַר אירע גערדאַנקען, פּרוּאווט ציען געוויסע שלוסן:

— אָבער זלמן איז, ווייזט אויס, צופרידן. ער פרישט זיך אָפּ מיט זיינע פאַרעלטערטע געדאַנקען. דאָס דערמאָנט אָן דעם אָרימאַן, וואָס ניצעוועט איבער צום צווייטן מאָל זיין מלבוש. כאָטש עס קומט אַרויס צוריק אויף דער פריערדיקער אָפּגעקראַכענער זייט, דאַכט זיך אים באָטש, אַז ס'איז אַנדערש, אַז ער האָט זיך מיט עפּעס באַנייט.

— דאָ האָסטו, מלכהלע, מיין פאַרדינט טאָרבעלע, — האָט זלמן איינמאָל צו איר געזאָגט.

מיט אַ ספּעציעלן שטאָלץ האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס היפּשלעך אָנגעפּילטע קאָנווערטל מיט צוואַנציק דאָלערדיקע פּאַפּירלעך. ער האָט דאָס אַוועקגעלייגט פאַר אירע אויגן, אָבער זי האָט דאָס ניט אָנגערירט. דאָס געלט איז געבליבן ליגן אויפן טיש.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, זיך געשטעלט נאָענט לעבן אים, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל, געפּרוּאווט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. ער האָט אַ וווייכן גלעט געטאָן אירע גרויע האָר און דאָס האָט איר צוגעגעבן קוראַזש:

— די הויפּט־זאַך, מיין טייערער, — האָט זי צו אים געזאָגט — ליגט אין עפּעס אַנדערש, ניט אין די גרויסע פאַרדינסטן. ניט צוליב דעם בין איך אַהער געקומען. אויך ניט צוליב די שיינע מעבל, מאָדער־נע איינריכטונגען און הייס וואַסער, וואָס לויפט דאָ פון די קראַנען. איך בין געקומען צו דיר, — האָט מאַניע שוין מיט אַ העכערן טאָן פאַרגע־זעצט. זי איז געווען אין כעס. אַ גאַנצע וואָך איז זי געווען איינע אַליין מיט די פיר ווענט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— איך ווייס, אַז קיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן האָסטו די וואָך ניט געהאַט. איז וואו און מיט וועמען ביזטו דאָס אַזוי פאַרנומען נאָך דער אַרבעט?

זלמן האָט גוט פאַרשטאַנען איר פראַגע. ער האָט מיט אויפרעגונג אַראָפּגעשאַרט איר האַנט פון זיין אַקסל.

מאַניע האָט זיך דערפילט דערפון באַליידיקט.

זי האָט אָפּגעקערט פון אים דאָס פּנים. זי האָט זיך פאַרקוקט אויף די צוויי בילדער, וואָס זיינען געהאַנגען אויף דער וואַנט אין אויפנאַם־צימער, זיך צוגעשאַרט צו דער וואַנט, אָנגעהויבן רוקן די בילדער הין און צוריק, ווי זי וואָלט דאָס אויסגעגלייכט.

— נאָך אַלעמען בין איך דאָך ניט געקומען אים דיקטירן ווי אַזוי ער זאָל זיך פירן, — האָט זי פאַרשעמט געטראַכט. — אייגנטלעך האָט יעדער מענטש אַ רעכט זיך צו פירן אַזוי ווי ער וויל. אַרויפצווינגען אויף

אַ מענטשן ליבע־געפילן, קאָן מען נישט, — האָט מאַניע פאַרגעזעצט איררע געדאַנקען. זי האָט דורכדרינגענדיק געקוקט אויף די בילדער, ווי זי וואָלט אין זיי וועלן דערזען די ערלעכקייט, די שיינקייט, די גאַנצקייט פון אַ לעבן, צו וועלכן זי האָט אַזאַ גרויסן באַגער, אַזאַ טיפע בענקשאַפט.

זלמן האָט אָנגעהויבן זוכן עפּעס צווישן די פּאַפּירן אין בוך־שענקל.

— האָסט אפשר געזען דעם צושריפט, וואָס איז מיר נעכטן אָנגעקומען, — האָט זלמן געפּרוווט איבעררייסן די שווערע שטילקייט, וואָס האָט שוין לאַנג אָנגעהאַלטן.

מאַניע האָט זיך אויסגעדרייט. ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, איז זי אַריינגעגאַנגען אין קיך, גענומען דעם צושריפט און אוועקגעלייגט פאַר זיינע אויגן. ער האָט ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט געהאַלטן זיינע בליקן אָנגעשטעלט אין דער זעלבער פּאָזע אויף אַ קורץ בריוול. זלמן האָט מיט גרויס ערנסטקייט געקוקט דערויף, ווי עס וואָלט אים געווען אומבאַקאַנט, פרעמד סיי דאָס בריוול, סיי דער שרייבער.

— נעמט זיך טאַקע מיין גאַנצע אומצופרידנקייט בלויז דערפון, וואָס מיר קומט אויס צו זיין אַליין אַ סך אוונטן? — האָט מאַניע אָנגעהויבן אַליין ווייטער פאַרשן וואָס מיט איר און זלמנען קומט פאָר. — צי מיינט ער נאָך אַלץ, אַז ווי ער זאָל איר ניט ווי טאָן, וועט זי אים ניט אויפהערן ליב האָבן? ער איז דאָך אַלעמאָל אַזוי געווען, ער האָט זיך ניט געביטן. טאָ פאַרוואָס איז איצט אין מיר אַזוי שטאַרק דער פּראָטעסט, וואָס ער שענקט זיין אויפמערקזאַמקייט אַנדערע פרויען? — האָט זי זיך געפרעגט און ביי זיך אַליין געזוכט אַן ענטפער.

— ניין, ניט דאָס אַליין איז די סיבה, — האָט זי צו זיך אַליין אַנטשלאָסן געזאָגט, — דאָס האָט די לאַנג־יאָריקע צעשיידונג איבערגעשניטן אונדזער בונד, — איז זי געקומען צום אויספיר.

זלמן איז טאַקע געבליבן אַזוי ווי ער איז געווען, נאָר זי, מאַניע, איז מער ניט די זעלבע. זי האָט אין די שווערע מלחמה־יאָרן געהאַט אַ געלעגנהייט ברייטער צו זען די וועלט. זי האָט מער געלייענט, געזוכט, וואָר עס איז גערעכט און וואָר עס איז אומגערעכט. זי האָט מער דורכגעלעבט, טיפער באַנומען. זי האָט אָנגעהויבן אַנדערש קוקן אויף אַלצדינג. זי איז רייפער געוואָרן. און דערפאַר האָט אַפילו איר ליבע צו זלמנען באַקומען אַן אַנדערן זין. זי האָט דערפילט, אַז די לעצטע יאָרן האָבן אויסגעברענט איר באַאיוויטעט, זי איז געוואָרן אַ סך רייפער. זי איז אַרויסגעוואַקסן פון די פּרוויאישע קליינינקייטן. אין די ווייען פון דער צעריסענער ערד האָט זי דערפילט די אויפגייענדיקע נייע טעג.

זלמנס איידעלע באַלעבאַטישע מאַניערן האָבן שוין מער אויף איר

נישט קיין ווירקונג. זי ווערט פון זיי מער ניט נתפעל. זיי זעען אויס אין אירע אויגן, ווי אָפּגעריבענע אותיות אויף אַלטע פאַרגעלטע בלעטער.

אַמאָל איז זי געוואָרן צעיאַכמערט, ווען דער מאַן האָט איר געבראַכט אַ בלום. היינט ווייסט זי, אַז ניט אַלעמאָל האָט דאָס אַ וויכטיקע באַדייטונג. אַמאָל איז זי געוואָרן באַגייסטערט, ווען ער האָט אומגעריכט איר געקויפט אַ מתנה. היינט ווייסט זי, אַז ניט אַלעמאָל האָט דאָס טאַקע אַ וועלכן עס איז ווערט. אַמאָל איז זי פאַרשיכורט געוואָרן פון שיינע רייד, פון געשליפענע, פּאַלירטע פראַזן. היינט אָבער האָט זי געלערנט פון ביטערער דערפאַרונג צו גלויבן מער אין מעשים. זי זוכט מער דעם אינהאַלט, פאַרטיפט זיך מער אין דעם זין פון וואָרט. ביי איר איז איצט געוואָרן וויכטיק בלויז די ערלעכקייט, די אויפריכטיקייט, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, סיי פון מענטש צו מענטש, סיי פון מענטש צו דער וועלט, אין דער באַציאונג צו יעדער געזעלשאַפטלעכער אַקציע, וואָס אימעצער נעמט זיך אונטער. און אויב זי האָט דאָס ניט געפונען, האָט יענער מענטש אין אירע אויגן קיין גרויסקייט ניט געהאַט.

זלמן איז אָבער געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. דאָס הייסט אין דער אמתן, אַז ער איז געגאַנגען אויף צוריק, ער איז געבליבן הינטערשטעליק. זי האָט אָנגעהויבן אויף אים קוקן מיט אַנדערע אויגן, ווי אויף אַ קליין מענטשעלע, מיט קליינע השגות.

זיין דערפאָלג ביי פרויען האָט זיך גענומען פון אַ באַוואוסטזיניקן אויסגעאַרבעטן מאַניר צו קאָנען אָנצינדן ליבע־פייערן אין פרויאישע הערצער און זיך וואַרעמען אין זייערע פלאַמען. אָבער ביי אים אַליין איז געווען אויסגעלאָשן יעדער ליבע־פונק צו וועלכער עס איז פרוי, אויסגעטריקנט זיינען ביי אים געווען אַלע ליבע־געפילן. אַזוי טראַכטנדיק האָט זי דערפילט, אַז אַלע פעדים פון איר ליבע צו אים האָבן זיך איבערגעריסן, און וואוינען מיט אַ מאַן, וואָס זי האָט ניט ליב, האָט מאַניע ניט געקאָנט.

:: :: ::

— וואָס איז דאָס ? — האָט זלמן שטאַרק פאַרוואונדערט געפרעגט, ווען ער איז איינמאָל אַריינגעקומען און דערזען אַן איבערקערעניש אין הויז.

מאַניע איז געשטאַנען ביי אַן אויפגעפּראַלטן שופלאַד לעבן אָפענע וואַליזעס, אין וועלכע זי האָט שווייגנדיק אַריינגעלייגט אירע זאַכן.

זלמן האָט געקוקט אויף די אָפענע וואַליזעס, ווי זייערע אָפענע מיילער וואָלטן זיך גרייטן אַוועקרייסן שטיקער פון זיין לעבן.

— איך האָב זיך באַקלערט, אַז עס וועט זיין בעסער מיר זאָלן וואוי־

נען באַזונדער, — האָט זי געענטפערט קורץ, נאָכן צווייטן מאָל פרעגן, ניט אויפהויבנדיק די אויגן פון שופלאַד, פון וואַנען זי האָט געקליבן אירע וועש.

— וואָס איז פלוצלינג געשען? — האָבן זיינע ליפּן געציטערט.

— ביי דיר איז דאָס פלוצלינג. ביי מיר איז דאָס שוין פון לאַנג באַשלאָסן.

— האָסט דאָך כאָטש געמעגט פריער זיך דורכרעדן מיט מיר, — האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען פון אויפרעגונג.

— צו וואָס אַרויסוואַרפן ווערטער, ווען מען ווייסט אין פאָראויס, אַז רייד וועלן ניט העלפן. איך בין ניט געקומען דיך צו ענדערן. איך וויל ניט זיין קיין שטער אין דיינע וועגן. איך וויל ניט אַרויפצווינגען אויף דיר מיין איינפלוס און דו האָסט דיינעם איבער מיר פאַרלאָרן, — האָט זי מיט אַ פעסטן טאָן געזאָגט און פאַרגעזעצט אַריינלייגן זאַכן אין אַ וואַליזע.

זלמנס פּנים איז בלייך געוואָרן. ער האָט פלוצלינג דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן דערפילט, אַז ער איז אַ שוואַכלינג, ער איז מאַכטלאָז קעגן אַ פרוי. זיין געזעצלעכע פרוי פאַרלאָזט אים און ער קאָן זי ניט צוריקהאַלטן. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט אַ פרוי געקראַגן דעם כּוח אים צו פאַרלאָזן, אים מאַכן צום נאַר. פון אָנהייב איז דאָס געווען פאַר אים אומגלויבלעך.

— אפשר זאָל איך איר זאָגן, אַז זי זאָל דאָס ניט טאָן? אַז איך וועל זי קיינמאָל פאַר קיין אַנדערע ניט פאַרטוישן, — האָט אַ געדאַנק צו אים זיך אַריינגעכאַפּט.

— ניין, איצט וועלן שוין קיין שום רייד אויף איר ניט ווירקן, — האָט ער זיך אָבער באַלד צוריקגעכאַפּט.

מיט אַמאָל האָט ער דערפילט אַ מאָדנע פוסטקייט, אַן אויסערגעוויינ־לעכע אויסגעליידיקטקייט אין זיין גאַנצן וועזן. זיין לעבן האָט פלוצלינג פאַרלאָרן ביי אים דעם גאַנצן ווערט. ער איז לאַנג געשטאַנען אין מיטן שטוב אַ צעטומלטער. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם הוט מיטן רעקל און דאָס אַ שליידער געטאָן אויף אַ שטול. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער גענומען דאָס רעקל און עס געלייגט אויף אַן אַנדער אָרט. זיי־נע שוואַרצע פינקלדיקע אויגן האָבן געקראָגן אַ ווילדן אויסזען. ער האָט אָנגעהויבן עפּעס רעדן, נאָר די ווערטער זיינען ניט אַרויסגעקומען גאַנץ, ווי ער וואָלט די ווערטער צעביסן. ער האָט מיטן גאַנצן כּוח זיינעם גע־דריקט די ציין, געקייט די ווערטער וואָס ליגן אים אויף דער צונג. דאָס מויל האָט זיך אַזש ביי אים אויסגעקרימט.

נייע טעג

מאַניע האָט אויף אַ רגע אויפגעהויבן די אויגן פון אירע געפּעק. זי האָט אַ בליק געטאָן אויף אים און זי האָט זיך דערשראָקן. זי האָט אים נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געזען.

איר קאַלטער בליק האָט אים נאָך מער אויפגערייצט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט געדרייבערט איין סיגאַרעט נאָכן אַנדערן. שפּעטער האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפע מיטן פּנים צו דער וואַנט, נישט צו זען וואָס מאַניע טוט. ער איז דעמאָלט געווען גרייט אויפצוגעבן פיל זאַכן, אָוועקגעבן אפילו יאָרן פון זיין לעבן, אַבי דאָס זאָל ניט פּאַסירן.

— זי וועט אָבער ניט גלויבן מיינע צוזאָגן,—האָבן זיך געמישט געדאַנקען אין זיין מוח.

ער האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט איינליגן.

— וואָס טוסטו, וואוהין גייסטו? — איז ער ווילד אויפגעשפּרונגען.

נאָך זיין אויסגעשריי איז ער ביי זיך נאָך געפאַלענער געוואָרן.

זי האָט אויף אים אַ שאַרפן קוק געטאָן, דערנאָך געזאָגט:

— נישט דיין עסק!

יענע נאַכט איז ער ניט איינגעשלאָפן. ער האָט זיך דערפילט ווי אַן אַרויסגעוואָרפענער, אַן אַרויסגעשפּיגענער, ווי אַלע מענטשן וואָלטן געווייכט פון אים. ער האָט זיך דערפילט איינזאַם און עלנט, פון אַלעמען פאַרלאָזן, ווי ער וואָלט געבליבן איינער אַליין אויף דער וועלט. די גאַנצע וועלט, האָט זיך אים געדוכט, איז אויסגעהוילט, ווי זיין האַרץ.

דער גאַנצער פּלאָנטער פון זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן מיט אַלע זיינע דערפאָלגן האָט זיך מיט איינמאָל אויפגעלייזט, לויז געוואָרן און צעפאַלן. ס'איז אים ניט געבליבן קיין פאָדים אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטן.

זלמן האָט דערפילט, אַז מיט איר פאַרלאָזן איז פון אים אַוועקגענומען געוואָרן זיין קראַפט, זיין גאַנצע גבורה.

דער ווינטער איז שנעל פאַרביי. אַ נייער פרילינג איז געקומען, און פאַר מאַניען האָבן זיך אָנגעהויבן נייע טעג.